STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01206

# YUD ZIS

## Lion Feuchtwanger

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Ray & Natalie Feldman of Cleveland, Ohio*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ליאָן פייכטוואַנגער

# אידן

(יוד - זיס)

אידיש מ. ראַזומני

אונטער דער רעדאַקציע און מיט אַן אָפּהאַנדלונג פון
ז. קאַלמאַנאָוויטש

„ביכער פאַר אַלעמען" ריגע
1928

דרוקעריי ד. אַפּט, ריגע, פּאַרק גאַס 1=אַ № טעל. 22709

אין די שטעט ביים מיטללענדישן ים און ביים אנטלאנטישן אָקעאַן זיינען אידן געזעסן תקיף און מעכטיק. זיי האבן געפירט דעם סחורות=אויסבייט צווישן מזרח און מערב. זייער האַנט האט דערלאַנגט איבער ימים. זיי האָבן אויסגעריכט די ערשטע שיפן קיין וועסט=אינדיען. האָבן איינגעשטעלט דעם האַנדל מיט דרום= און מיטל=אַמעריקע. האָבן אופגעשלאָסן די טויערן פון בראַזיליען. האָבן באַשאַפן די צוקער=אינדוסטריע פון דעם מערבדיקן ערדטייל. האָבן געלייגט די יסודות פאר דער אַנטוויקלונג פון ניו=יאָרק.

אָבער אין דייטשלאַנד זיינען זיי געזעסן נישטיק און שפל. אין פערצנטן יאָרהונדערט האָט מען זיי אין מער ווי דריי הונדערט=פופציק קהילות געהרגעט, געטריינקט, געפערטלט, געווארגן, לעבעדיק באַגראָבן. די שארית=הפליטה האט ארויסגעוואנדערט על פי רוב קיין פוילן. זינט דעמאָלט זיינען זיי אין דער רוימישער מלוכה פאַרבליבן אין גאָר א קנאַפער צאל. אף זעקס הונדערט דייטשן איז אויסגעקומען איין איד. אונטער די רשעותדיקע פייניקונגען מצד דעם המון און דער מאַכט, האָבן זיי געלעבט פאַראייניקט, ארעם, חושכדיק, אונטערגעווארפן יעטווידן ווילדווילן. מלאכות און פרייע בארופן זיינען געוועזן פאַרווערט, דורך די תקנות פון דער מאכט זיינען זיי אריינגעשטופט געווארן אין פאַרוויקלטער און פארווינקלטער שאַכעריי און וואכעריי. תקנות האבן זיי באגרענעצט אינם איינקויף פון לעבנס=מיטלען, האבן זיי פארבאטן צו שערן די בערד, אָנגעטאָן זיי אין לעכערלעכע, דערנידערנדיקע מלבושים. פאַרשפאַרט זיי אין איינגע גאַסן, פאַרקלאַפט די טויערן פון זייערע געטאָס אָוונט אין אָוונט, באַוואַכט דעם אריינגאַנג און ארויסגאַנג פון דאָרטן. געדיכט צוזאַמענגעפרעסט זיינען אידן געזעסן; זיי האָבן זיך געמערט, אָבער מען האָט זיי קיין מער ארט ניט פארגונען. אַזוי ווי זיי האָבן זיך ניט געטאָרט

ויען אין דער ברייט, האָבן זיי געבויט אין דער הייך, גאָרן איבער גאָרן. אַלץ, אייגנס, חושבדיקער, פאַרווינקלטער זיינען זייערע גאַסן געוואָרן. ס׳איז ניט געווען קיין אָרט ניט פאַר אַ בוים, ניט פאַר גראָז, ניט פאַר קוויטן, אָן זון זיינען זיי געשטאַנען, אָן לופט, פאַרשטעלט די שיין איינס דעם אַנדערן, אין דיקן, מגפות-ברייענגענדיקן עיפוש. אָפּגעריסן זיינען זיי געווען פון פרוכטפעריקער ערד: פון הימל, פון גרינס. דער ווייענדיקער ווינט האָט זיך געפּלאָנטערט אין זייערע גראָע, פאַרעפּושטע גאַסן, די הויכע הייזערקאַסטנס האָבן פאַרשטעלט דעם בליק אַף די ציענדיקע וואָלקנס, אַף דעם בלאָעם הימל. איינגעהייקערט האָבן זיך מיט אַ זייט געדרוקט די מענער. די שיינע פרויען זיינען פאַרוועלקט געוואָרן פאַר דער צייט. פון צען קינדער, וואָס זיי האָבן געבאָרן, זיינען זיבן געשטאָרבן. זיי זיינען געווען טויט, פויל וואַסער זיינען זיי געווען, אָפּגעצאַמט פון שטראָמענדיקן, דרויסנדיקן לעבן, אָפּגעשיידט פון דער שפּראַך, פון דער קונסט און פון גייסט פון די אַנדערע. געדיכט צוגעקלעפּט צו אַנאַנד זיינען זיי געזעסן, אין נבֿזהדיקער אינטימקייט, יעדער איינער האָט געוווסט אַלע סודות פון דעם אַנדערן, לשון-הרעדיק און אומצופרידן האָבן זיי איינער אָן דעם אַנדערן זיך געריבן ביז וווּנדן, געווען איינגעגעסן איינער אינם אַנדערן און שונאים איינער דעם אַנדערן. ווייל דער מינדסטער חטא אָדער פאַרזען פון יעדן יחיד האָט געקענט ווערן אַ צרת-הכלל.

אָבער מיט דעם זיכערן חוש, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט פאַר דאָס נייע, פאַרן מאָרגן, האָבן זיי געשפּירט אַז אין דער וועלט ווערט עפּעס איבערגעשטעלט, אַז געלט נעמט פאַרבייטן יחוס און ווערדע. זיי האָבן געהאַט איינגעזען: קעגן אומזיכערקייט, רעכטלאָזיקייט, סכנות איז פאַראַן נאָר איין שוץ, אין דעם אומזיכערן, וואַקלדיקן גרונט נאָר איין שטיקעלע פעסט לאַנד און דאָס איז — געלט. פאַר דעם רייכן אידן האָבן די שומרים די טויערן פון געטאָ ניט צוגעשפּאַרט, פון דעם רייכן אידן האָט זיך ניט געטראָגן קיין שלעכטער ריח, און אַפן קאָפּ האָט מען אים ניט געצוווּנגען אָנצוטאָן די חוזקדיקע, שפּיציקע הוט. פירשטן און

פריצים האָבן זיך געגויטיקט אין אים, אָן אים האָבן זיי ניט גע=
קענט קיין מלחמות פירן און ניט געוועלטיקן. די גרעווענעץ און
די שוואַבישע הערצאָגן האָבן געלאָזט יצחק לאַנדויער און יוסף
זיס ווערן גרויס און מעכטיק; אונטער די בראַנדענבורגער קור=
פירשטן זיינען עולה לגדולה געוואָרן ליפמאַן גאמפערץ און שלמה
עליאַס, און ביים קייזערלעכן הויף זיינען אויפגעקומען די אפענ=
היימערס.

אָבער אָט די גאַנצע גרויסע מחנה גערדיקטע און גע=
פלאָגטע און די איינציקע תקיפים, די שטאָלצע אידן פון דער
לעוואַנטע און פון די גרויסע ים=שטעט, וואס האָבן געוועלטיקט
איבער דעם מסחר פון אייראָפּע און פון דער נייער וועלט און
האָבן אין זייערע קאָנטאָרן געפסקעט איבער מלחמה און שלום,
און די פאַרפרודיקטע, דערשלאָגענע, שפלדיקע, לעבערלעכע אידן
פון די דייטשע געטאָס; די אידישע לייב=דאָקטוירים און מינים=
טערס ביי דעם קאַליף, ביים שאך פון פערסיען, ביים סולטאַן פון
מאַראָקאָ אין הערלעכקייט און גרויסער פראַכט, און דער פאַר=
לוויקטער המון פון די פוילישע אידישע שטעט אין עפוש און
פאַראַבטונג, די ארומגעפאַדעטע און פאַרהאסטע באַנקירן פון
קייזער און פון די פירשטן אין זייערע קאַבינעטן און דער איד
דער פאַקן=טרעגער פון לאַנדשן שליאַך געהעצט פון הינט, גע=
רודפט אַפן מיאוסטן און שפלסטן אופן דורך פאָליציי און גאַסן=
יונגען, — אלע האבן זיי פאַרמאָגט בשותפות איין זיכער סודות=
דיק וויסן. אסך פון זיי איז דאָס ניט קלאָר געווען, ארויסזאָגן
דאָס וואלטן גאָר וויניק געקענט, טייל וואָלטן גאָר דעם קלאָרן
באַוווסט דערפון אָפגעשטופט, אָבער דאָס האָט געשטעקט ביי
אַלעמען אין בלוט, אין אינעווייניקסטן געפיל: דער טיפער פאַר=
באָרגענער, זיכערער באַוווסט, אז מאַכט איז הבל הבלים: עס האט
ניט קיין זין, ניט קיין באַשטאַנד, ניט קיין ווערט. זיי זיינען אזוי
לאַנג געזעסן קליין און נישטיק צווישן די פעלקער פון דער ערד,
פאַרהויקערט, לעבערלעך, אין שטויב צעריבן. זיי האָבן געוווסט,
אז ארויסווייזן מאַכט און זיך אונטערוואַרפן אונטער מאַכט איז ניט
דאָס אמתדיקע, דאָס וויכטיקע. ווערן דען ניט די עוג מלך:



Free Public Library, Newark, N. J.

הבֿשנם פֿון דער מאַכט צעבֿרעקלט איינער נאָך דעם אַנדערן? אָבֿער זיי, די מאַכטלאָזע, האָבֿן דער וועלט דאָס פּנים אירם געגעבֿן.

און אָט די תּורה פֿון דער הבֿל הבֿלימדיקייט און נישטיקייט פֿון דער מאַכט האָבֿן געוווּסט אַלע אידן, די גרויסע און די קליינע, די פֿרייע און די באַלאָדענע, די וויטע און די נאָענטע, ניט מיט דיימלעכע ווערטער, ניט מיט אַ באַשטימטן באַגריף, אָבֿער פֿון בלוט און פֿון געפֿיל אויס. און אָט דאָס פֿאַרבאָרגענע וויסן פֿלעגט פּלוצים אַרופֿבֿרייגנען אַף זייערע ליפּן יענעם רעטענישפֿולן, מילדן, פֿון־אויבֿן־אַראָפּיקן שמייכל, וואָס פֿלעגט טאָפּלט רייצן זייערע שונאים, ווייל זיי האָבֿן עס אויסגעטייטשט ווי אַ מורדישע חוצפּה, און ווייל גאָר זייערע עינוים און גרוילן זיינען צונישט געוואָרן קעגן דעם. ניט קיין אַנדער זאַך, נאָר אָט דאָס פֿאַרבֿאָרגענע וויסן אליין האָט אַלע אידן פֿאַראייניקט און צונויפֿגעשמאָלצן. ווייל אָט דאס פֿאַרבֿאָרגענע וויסן איז געווען דער זין פֿונם ספֿר.

יאָ, פֿונם ספֿר. פֿון זייער ספֿר. זיי האָבֿן ניט געהאַט קיין מלוכה וואָס זאָל זיי צוזאַמענהאַלטן, קיין מדינה, קיין מושלים, קיין בשותּפֿישן לעבֿנשטייגער. אויבֿ זיי זיינען פֿונדעסטוועגן געווען איינס, מער איינס, ווי אַלע אַנדערע פֿעלקער פֿון דער וועלט, איז דאָס געווען נאָר דער ספֿר, וואָס האָט זיי צונויפֿגעשמאָלצן. ברוינע, ווייסע, שוואַרצע, געלע, אידן גרויסע און קליינע, פֿאַרפּוצטע און אָפּגעריסענע, כּופֿרים און גאָטספֿאָרכטיקע, אַזעלכע, וואס האָבֿן אין שטילע חדרים אָפּגעלעבֿט און אָפּגעחלומט זייערע טעג, אָדער אַזעלכע, וואָס האָבֿן אין פֿאַרביקן גאָלדענעם טומל מיט פּראַכט געשטורעמט איבֿער דער ערד: אין זיי אַלעמען איז טיף פֿאַרגראָבֿן געווען די תּורה פֿון אָט דעם ספֿר. פֿילזייטיק איז די וועלט, אָבֿער זי איז הבֿל און יאָגן זיך נאָך ווינט. נאָר איינס און איינציק איז דער גאָט פֿון ישׂראל, דער היה הוה ויהיה. צייטנווייס האָט דאָס לעבֿן ביי זיי גובֿר געווען דאס וואָרט, אָבֿער עס האָט דאָך געשטעקט אין יעדן איינעם. און אין די שעהן בשעת זיי זיינען אליין געווען, אין די לעבֿעדיקסטע רגעם זייערע איז עס

בײַ זײ געװען און בעת זײ זײנען געשטאָרבן, איז ער מיט זײ געװען, און פֿון אײנעם צום אַנדערן האָט דאָס װאָרט אַרי־בערגעשטראָמט, זײ האָבן דאָס מיט רצױעות פֿון תּפֿילין אַרום זײער האַרץ און מח געשנירט, זײ האָבן דאָס אָן זײערע טירן אָנגענאָגלט, זײ האָבן מיט דעם זײער טאָג אָנגעהײבן און מיט דעם פֿאַרענדיקט; דאָס ערשטע, װאָס זײ האָבן געלערנט דאָס זױג־קינד איז דאָס װאָרט געװען. און דער גוסס האָט זײן לעבן אױסגעבאָרכלט מיט דעם װאָרט. פֿון דעם װאָרט האָבן זײ גע־צױגן די כּחות אַריבערצוטראָגן די יסורים פֿון זײער װעג. בשתיקה האָבן זײ געלאַכט פֿון אַדומס מאַכט, פֿון זײן טומלעניש און דער משוגעת פֿון זײן לעבן און טרײַבן. דאָס אַלץ איז װי אַ שטן פֿאַרבײַ; געבליבן איז נאָר דאָס װאָרט.

זײ האָבן דעם ספר מיט זיך געטראָגן דורך צװײ טױזנטער יאָרן. דאס איז געװען זײער פֿאָלק, מלוכה, הײם, זײער אַרב און נחלה. זײ האָבן דאָס איבערגעענטפֿערט אַלע פֿעלקער, און אַלע פֿעלקער האבן אים אנגענומען, אבער די אײנציקע געזעצלעכע בעלי־בתּים, שומרים און נאמנים זײנען זײ אַלײן געװען.

אותיות האָט דער ספר פֿאַרמאָגט. יעדער אות איז געװען געצײלט און געװױגן, געפּרוּװט און דערקענט. יעדער אות איז געװען אָפּגעצאָלט מיט לעבנס. טױזנטער האָבן זיך געלאָזט פֿאַר־פּײניקן און טױטן צוליב יעדן אות. דער ספר איז אינגאנצן זײער אײגנס געװאָרן, און אין זײערע בתּי־תּפֿלה, אין די גרױסע ימים־טובֿים, האָבן זײ גערופֿן און מודיע געװען, אַלע — די שטאָלצע תּקיפֿותדיק שפּרײזנדיקע, איבערצײגט צוגלײך מיט די קלײנע, גע־טראָטענע, געבױגענע: גאָרנישט פֿאַרמאָגן מיר אַ חוץ דעם ספר.

---

קאַרל אַלעקסאַנדער האָט כּסדר געשיקט צו מאַגדאלען סיבי־לע פּרעכטיקע מתּנות, פֿלאַנדרישע און װענעדיקער גאָבעלענס, גאָלדענע פֿאַרפֿום־פֿלעשעלעך, שפּאַנישע אַרבעט, געפֿילט מיט פּערסישן רױזן־אײל, אַן אַראַבישן רײַט־פֿערד, אַ שנור פּערל. ער איז ניט געװען קײן קמצן, ער האָט זיך געלאָזט אָנזען, און מאַג־דאלען סיבילע איז איצט געװען זײן אָפֿיציעלע געליבטע. טאָג

טעגלעך פלעגט קומען דער קאַמערדינער נייפער און האט צערעמאָניעל, אין שליחות פון הערצאָג, זיך נאָכגעפרעגט, וואס די פרײַלן מאַכט.

מאגדאַלען סיבילע האט דאס אַלץ אופגענומען קאַלט און אָן צו ריידן א וואָרט. זי איז ארומגעגאנגען שטום, ווי אַ טויטע, דער מענלעך־דרייסטער, שיינער פנים פארשטארט, צונויפגעפרעסט די ליפן, די ארעמס משונהדיק שטײף. זי איז ניט ארויס פון הויז, זי האט געזאָגט „גוט מאָרגן”, „גוטן אוונט”, נישט מער, געגעסן האָט זי ביחידות, האָט זיך ניט געקימערט וועגן דער בעל־הבתישקייט. מיט קיינעם, אויך מיט איר פאָטער, האָט זי ניט גערעדט וועגן דער מעשה מיטן הערצאָג, בכלל האט געטראָפן אז זי פלעגט דעם פאָטער גאַנצע טעג ניט זען. ווייסענזע האט זיך ניט געדרייסט צו מאכן א פרווו, כדי זי אופצוועקן פון איר פארשטארטקייט. ער איז דערהויבן געווארן אין אַדל־ראַנג, האָט געקראָגן דעם טיטל קאנפערענץ־מיניסטער. ער איז געווען צעשראקן און זייער עלנט, ער האט געפילט דעם אומצוטרוי פון זיינע חברים פון דער לאנדשאַפטלעכער קאָמיסיע. ער האט געוואלט אויסריידן דאָס הארץ פאַרן יוריסט הארפרעכט, פאר בילפינגער וואס איז געווען זיינער א גוטער פריינט און א גערעכטער, ערלעכער מאַן. ער האָט זיך אָבער ניט געדרייסט דערצו.

מאגדאַלען סיבילע איז שוין לאַנג געזעסן פאַרשטארט, זי איז געווען ארויסגעשטופט פון זיך, צעטראָטן, צעפלעקט, חרוב. זיינען דאס טאקע געווען אירע הענט? און אז זי האט זיך איינגעשטאָכן, איז דאס טאקע געווען איר בלוט? דאס שרעקלעכסטע איז געווען: זי האט קיין שנאה צום הערצאָג ניט געפילט. זי האט מיד און נערוויז געפרווט צוריק ארויסרופן פאר זיך דאס געשעענע. האט זי געדיינקט דעם שכורן אטעם און דעם שווייסריח פון קארל אלעקסאנדער, זי האָט געזען, ווי עפעס רויטס און עקלדיקס דערנעענטערט זיך צו איר, דאָס זיינען געווען זיינע הענט און זיין פנים. אָפטמאָל, בעת זי האָט וועגן דעם געטראַכט, פלעגט אופקומען אין איר אַ לעבלעכער, איבלדיקער געפיל פון עקל. וואָס ס'איז שפעטער געשען, האָט זי שוין גאָרניט געוווסט. זי האט

נאָר געוווסט, אַז זי האָט דעם הערצאָג לחלוטין נים פיינט געהאַט. ער איז געווען ווי אַ גרויסע, שווערע חיה, אַ פערד אָדער א בוהיי, וואַרעם און מעכטיק, גרויס און אין זיך פאַרשלאָסן. טיילמאָל זעט מען ארויס פון די אויגן פון אַזאַ חיה ווי פרעמד און אומדערגרייכלעך אַנדערש זי איז, טיילמאָל פילט מען זיך נאָענט צו איר, אָבער פיינט האָט מען זי קיין מאָל נים.

דאָס איז געווען דאָס גרוליקע, וואָס האָט איר וועלט און אויך זי אליין צעשמעטערט צו א נאַרישן און לעכערלעכן הויפן שערבלעך: וואָס יענער איז געווען אַ חיה, וואָס מען האָט בשום אופן נים געקאָנט פיינט האָבן. אזוי ארום איז זי אליין אויך געווען אַזאַ חיה, שטילער אפשר, נים אזוי רויט און אזוי פרייבנדיק און אזוי טשאַדיק, אָבער דאָך א חיה. און דאָס, וועגן וואָס זי האָט אַלץ געחלומט, וועגן גאָט און וועגן שוועבן און צוזאַמענגיסן זיך מיט דער אייביקייט — דאָס אַלץ זיינען נאָר געווען נאַרישע, קינדישע פאַנטאַזיעס און פלאַפלעריי און שטותים. א חיה איז זי, און נים קיין בלום.

זי איז געגאַנגען צו בעאַטא שטורמין. האָט זיך צוגעהערט צו די פרומע, באַרוטע, זיכערע דרשות פון דער אַלטער, הייליקער, בלינדער בתולה, און זי האָט קוים זיך איינגעהאלטן, נים ארויסצופלאַצן מיט אַ דרייסטן און א טרוקענעם געלעכטער. — וואָס ווייס זי! זי איז דאָך בלינד. און אלץ, וואס זי דרשנט דאָ, איז מער נים, ווי היי און שטרוי! דו האָסט זיך אויסגילעבט דיינע טעג הייליק און צניעותדיק און פרום, און קיין שום זינדיקע מחשבה איז דיר נים אופגעקומען. און מיט אַמאָל קומט א חיה, מיט זיין ברוד און מיט זיין קויט. און דו קענסט זי נים פיינט האָבן. דערקלער מיר דאָס! טייטש מיר דאָס אויס.

דער הערצאָג האָט געלאָזן בעטן צו זיך וויסענזע און זיין טאָכטער. וויסענזע האט א ביסל מיט מורא געזאגט וועגן דעם מאגדאלען סיבילע. זי האט גאָרנישט געענטפערט, איז נים געקומען. האט דער הערצאָג געבעטן אַ צווייטן מאָל. מאגדאַלען סיבילע האט נישט געהערט. האָט דער הערצאָג דורך נייפער געלאָזט וויסן דעם קאנסיסטאריע=פרעזידענט וועגן זיין אומגעדולד

און זיין אומצופרידנקייט. ווייסענזע האָט זיך ניט דערוועגט איר וועגן דעם עפּעס צו זאָגן. ער האָט דורך בּעאַטאַ שטורמין געוואָלט איינווירקן אַף זיין טאָכטער און האָט דער הייליקער מיידל געגעבּן עפּעס אָנצוהערעניִשן, זי אָבּער אין איר נאַאיווקייט האָט די רמזים ניט פאַרשטאַנען. פונדעסטוועגן האָט זי געלאָזט רופן צו זיך מאַגדאַלען סיבּילע, האָט איר געזאָגט, אַז וועדליק איר פאָטערס רייד, האָט זי געפונען חן בּיים הערצאָג אין די אויגן, און זאָל זי דאָך גיין צו אים און עפענען די אויגן אַף זיינע זינד. אפשר האָט זי דער איבּערשטער אויסדערוויילט, אַזוי ווי אסתּרן פאַר אחשורוש. מאַגדאַלען סיבּילע האָט געלאַכט אָן אָפּשטעל און מיט שפּאָט. די בּלינדע האָט מילד, אָן פאַרשטענדעניש אָנגעשטעלט אַף איר אירע פאַרלאָשענע אויגן.

אָבּער דאָך איז זי געגאַנגען, מיט אַ מין אָפּגעשטאָרבּענער נייגעריקייט איז זי געגאַנגען צו דער חיה. אַלץ איז דאָרטן געווען אַזוי פאַרקרימט און אַזוי לעכערלעך. אַלע זיינען אַרומגעשמייעט און האָבּן געהאַט אויסגעקלעטע וויכטיקע עסקים און האָבּן צוגעטראַכט סיבּות, איבּער וואָס זיי דרייען זיך אַזוי מיט אימפּעט אַרום. און אין דער אמתן איז דאָך אַלץ אַזוי נאַריש געווען, און ס׳איז געלעגן אין דעם אַזויפיל זין, פונקט ווי אין דער צאַפּלעניש פון זשוקעס, וואָס אַ אינגל האָט זיי אין אַ שאַכטעלע געהאַט איינגעשפּאַרט.

איז זי געזעסן בּיי קאַרל אַלעקסאַנדער. האָט געזאָגט: גוט מאָרגן, אייער דורכלויכט, צוגעטראָגן די שאָקאָלאַד צו די ליפּן. ער האָט גערעדט מיט איר. ליבּנסווערדיק, גוטגינציק, צוגעטאָן, ווי צו קליין קינדער. זי האָט געענטפערט עפּעס, אָן בּאַדייט, מעכאַניש. אַלץ, וואָס זי האָט געטאָן און געזאָגט, איז געווען ווי צוגעטשעפּעט, האָט ניט געהערט צו איר. ער האָט זיך ווייטער געמיט אַרום איר. זי האָט זיך געטראַכט, אַז ער איז גיכער אַ שווער פערד, איידער אַ בּוהיי, און האָט מיט אַ שטילער, איינגעקלעטער נייגעריקייט געוואַרט, צי ער וועט זי נעמען. אַז ער האָט געזען, אַז מען קאָן מיט איר גאָרניש מאַכן, איז ער געוואָרן אין כּעס. אָן שום ספק, אַ צניעותדיק מיידל בּאַדאַרף זיך

חנען און דערנאָך מאַכן דעם אָנשטעל פון באַלײדיקט. אַזוי איז דער פיר פון דער וועלט. אָבער סוף כּל סוף איז דאָך גאָרניט אַזאַ קלײניקײט צו זײן די געליבטע פון אים, דעם הערצאָג פון ווירטעמבערג. אַזוי גאַוהדיק ווי די, איז נאָך קײן אײנע ניט געוועזן, ער האָט נאָך ביז איצט קײנמאָל ניט אָנגעטראָפן אַזאַ אײזקאַלטע פראַסטיקע באַשעפעניש. איז ער געוואָרן שטורמיש. זי האָט אים אָנגעקוקט ניט מיט פאַרוואורף, אויך ניט פון אויבן אַראָפ; אָבער אין איר קוק איז געלעגן אַזאַ מין אָפּגרונטיקער, בײסיקער חוזק. ער האָט זיך דערשפּירט ניט גוט, געהאַט בײ זיך אַלײן אין די אויגן אַן אויסזען פון אויסגעזידלטן זעלנער. איז װײַטער פרײַנטלעך און צערטלעך געוואָרן. זי האָט אַלץ געשוויגן. צום סוף האָט ער זי גענומען, זי האָט זיך אַלץ געלאָזן, אָבער אײזקאַלט, און ער האָט קײן שום תענוג ניט געהאַט. בעת ער האָט איר אַרונטערבאַגלײט פון דער טרעפּ צום עקיפּאַזש, — איז אויף די פּנימער פון די לאַקײען אָפּגעשטאָרבן דער חוזקדיקער געלעכטער — זי איז געגאַנגען, גלײך ווי אַ טויטע, אָדער אַ משוגענע.

זי האָט זיך װײַטער אויך ניט אַנטקעגן געשטעלט און אָן פּראָטעסט צוגעלאָזן, אַז ער זאָל זי האַלטן פאַר אַן אָנערקענטער קעפּסווײַב. זי פלעגט קומען ווען ער פלעגט באַפוילן. פלעגט זיך באַווײַזן מיט אים בפני כּל עם ועדה. דער המון איז געווען מלא שמחה, וואָס דער פירשט האָט זיך אויסגעקליבן אַזאַ אָנשטענדיקע, שײנע און ציכטיקע קעפּסווײַב, וואָס האָט נאָך דערצו געהאַט דעם שם פון הײליק און איז געווען אַ הײמישע. און אויב דאָס, וואָס קאַרל אלעקסאַנדער האָט צו זײן שײנער הערצאָגין געהאַלטן אַזאַ שײנע און פײַנע און שוואַבישע געליבטע, האָט נאָך אַלץ ניט אײנגעשטעלט קײן שלום צווישן דעם פאָלק און דעם הערצאָגס איד, האָט דאָס אָבער דאָך זײער פיל מתקן געווען אין זײן פּאָפּולאַריטעט. די בירגער פלעגן אַראָפּנעמען זײערע היטלעך פאַר מאַגדאַלען סיבילע, און טײל פלעגן אפילו שרײַען הוראַ פון איר כּבוד וועגן.

פאַר ווייסענזע איז אָט די שטימונג געווען זייער צום האַרצן. זיין חשיבות האָט געשטייגט, אַפילו אין פּאַרלאַמענט אויך. און אויב אין דער עלף־קאָמיסיע האָט מען אַפילו אונטערגעבורטשעט, זיינען אָבער דאָך כמעט אַלע, אַחוץ צוויי־דריי, אים מקנא געווען זיין גליק און וואָלטן זיך גערן מיט אים געביטן. און נייפּער האָט גאָר געקוקט אױף אים מיט אַ מין אָנגעשטריינגטן יראת הכבוד, ווי אין געוויסער מאָס אַ ממלא מקום פון הערצאָגס שווער.

פאַמעלעך, נאָך אַ צייט פון וואָכן האָבן זיך צו מאַגדאַלען סיבילע צוריק אומגעקערט די חושים. גלייך צו אַ פּאַרפּראָרענעם, וועלכער קערט זיך ווייטער צום לעבן און דערשפּירט ווייטיק־דיק ווי זיין בלוט הויבט פונדאָסניי אָן צו שטראָמען, אַזוי האָט זי אויך מיט ווייטיק דערפילט אין זיך אָן אופזידן, אַ כוואַליען; אַלע אירע פאָרן ווערן אַליין ווילדער אָנגעקוואָלן מיט שנאה און גלוסט. קאַרל אַלעקסאַנדער איז פאַר איר נאָך אַליין געווען די גלייכ־גילטיקע, פרעמדע חיה, וואָס זי האָט מיט אַ לייכטן עקל אַריבערגעטראָגן. אָבער גאָר איר טראַכטן און פילן האָט זיך גע־דרייט אַרום אַן אַנדערן, געצילט אין אַ אַנדערן, דער הערצאָג! כ'לעבן, וואָס האָט ער דען געוווּסט! וואָס האָט ער פאַרשטאַנען! ער איז פאַר איר געווען אַן אומגליק. מען האָט אים געקאָנט פיינט האָבן נים מער, ווי מען האָט פיינט אַפן ברוק די עפּל־שאָלעכץ, וואָס צוליב איר האָט מען זיך אויסגעגליטשט. אָבער דער אַנדערער, יענער האָט געוווּסט, ער האָט געטראָגן די אחריות, ער האָט דייטלעכער פון אַן אַנדערן געזען, געוווּגן, געציילט. ער איז ווערט געווען, מען זאָל אים פיינט האָבן, ער איז באמת געווען דער שטן און אַל דאָס בייז, דעמאָלט, בעת זי האָט אים דערזען אין וואַלד פון הירזאו, האָט זי מיט גרויל אופגעציטערט, און דאָס איז געווען פאַר איר אַ ווינק פון אויבן, אַ התראה, ער האָט זייער גוט געוווּסט, אָט דער חוצפּהדיקער, גלאַטער, קלוגער, פאַרשאָלטענער, אייזקאַלטער טייוול, ער האָט פונקט אַזוי ווי זי געוווּסט, אַז זי וואָלט צו אים זיך אינגאַנצן צוגעווענדט נאָך אַן ערלעך וואָרעם וואָרט, אַז אַלע אירע קינדישע,

סוד=זוכנדיקע, פֿאַרנעפּלטע חלומות וועגן גאָט און טייוול וואָלטן צערונען געוואָרן אין איין הייסן, מענטשלעכן געפֿיל, ווען ער וואָלט נאָר געווען געניט שטאַרק זיך צו האַלטן בײַ זײַן געפֿיל, ניט אָוועקשײַנקען זײַן אמתע סימפּאַטיע דעם הערצאָג פֿאַר אַ גוט וואָרט און אַ בײַטל געלט אָדער אַ טיטל. ווײַל ער האָט זי ליב געהאַט. אַ מענטש, וואָס זײַן געפֿיל איז ניט עכט, קוקט ניט אַזוי און רעדט ניט אַזוי און נייגט זיך ניט אַזוי, ווי ער. בעת עמיץ פּרעסט אַרויס זעלנער, שטעלט בדלות זײַנע אונטערטאַנען, פֿאַרגוואַלדיקט פּרויען כּדי צו שטילן זײַן תּאווה, איז דאָס אַ חיה, דאָ איז קיין אחריות ניטאָ. אָבער יענער, דער אַנדערער, וואָס פֿאַרשאַכערט זײַן געפֿיל, טפֿו! טפֿו! — דאָס איז דאָס אמת ייִדישע, טייוולאָנישע.

זי האָט ניט געקאָנט ווײַסן, ווי צעבערעקלט עס איז געווען דער געפֿיל, וואָס מיט אים האָט זיס וועגן איר געטראַכט, און ווי ער איז געווען אין אים ניט מער, ווי אַ שפּרינקעלע צווישן טויזנט אַנדערע געפֿילן. מעגלעך, אַז אין משך פֿון אַ כּהרף עין האָט ער טאַקע ערלעך און אינגאַנצן נאָר זי געשפּירט. אָבער ער איז געווען צו פֿיל צעפּיצלט און אַף הונדערטער אינטערעסן צעטיילט, ער איז געווען צופֿיל אַ מענטש פֿון אויגנבליק, בכּדי ער זאָל קאָנען אײַנהאַלטן אין זיך אַזאַ געפֿיל, אַפֿילו ווען ער וואָלט דאָס געוואָלט. צוליב אַ פּרווּ צו שטעלן אין קאָן זײַן פֿאַרבונד מיטן הערצאָג, די גרונטמעלאָדיע פֿון זײַן לעבן, דער געדאַנק אַליין וואָלט אים אויסגעקומען אומגעלומפּערט.

איינמאָל האָט זי אים געזען, דאָס האַרץ האָט גענומען שלאָגן כוואַליעס: וואָס וועט ער איצט טאָן? ווען ער וואָלט נאָר די העזה געהאַט, מיט איר אָנצוהייבן ריידן! אָבער ער האָט נישט גערעדט. ער האָט נאָר באַגריסט, זיך טיף פֿאַרבויגט און מיט אַ שטילן, דרך=ארצדיקן בליק. און זי האָט אים טאָפּלט פֿיינט געקראָגן.

די הערצאָגין האָט שוין זינט דעם ערשטן אָוונט אָן זיך פֿאַראינטערעסירט מיט מאַגדאַלען סיבילע. די הויכע, שלאַנקע מיידל מיטן מענלעך=דרייסטן פּנים איז איר געפֿעלן, זי האָט גע=

וואָלט מיט איר גוט פֿריינט זיין. זי האָט זייער גוט געמערקט, אַז דער הערצאָג איז איר לחלוטין גלייכגילטיק געווען, אַז ער האָט זי ניט פֿאַרשטאַנען, און זי האָט זיך אים נאָר קאַלט און פּאַסיוו אונטערגעגעבן. דאָס ווידער האָט זי ניט געקאָנט פֿאַר־שטיין. און זי האָט מיט גרויס נייגעריקייט זיך צוגעקוקט צו דער מיידל מיט דעם מערקווירדיקן קאָנטראַסט צווישן די בלויע אויגן און די טונקעלע האָר. מאַגדאַלען סיבילע האָט געשפּירט די גענאָד, וואָס האָט אַריבערגעשטראָמט פֿון מאַריע אויגוסטע צו איר, און האָט דאָס גאַנץ גלייכגילטיק אָנגענומען. די הערצאָגין האָט, ווי געטריבן, זיך אַלץ צערטלעכער געטוליעט צו איר, האָט זיך באַצויגן צו איר, ווי צו אַן עלטערער שוועסטער, האָט מיט צוטרוי איר אַרומגענומען ביי דער טאַליע, האָט אָפֿן פֿאַר אַלעמען אַרויסגעוויזן איר פֿריינטשאַפֿט צו דער שיינער געליבטער פֿון איר מאַן.

זי האָט זיך קליין געמאַכט, זיך געפּעשטשיעט, געשטעלט ליפּעלעך. זי איז געווען אַזוי קינדיש און נאַריש! מאַגדאַלען סיבילע האָט איר זייער פֿיל זאַכן געמוזט אויסטייטשן. זי איז דאָך אַזוי קלוג געווען. זי האָט זיך פֿאַרנומען מיט אַזעלכע טיפֿע זאַכן, ווי גאָט און די טויזנט־יאָריקע מלוכה און די פֿילאַדעלפֿישע ברודערשאַפֿט. עס איז אַ פֿאַרגעניגן צו האָבן אַזאַ קלוגע פֿריינדין. זי, מאַריע אויגוסטע, איז פֿרום געגאַנגען אין קירך און האָט אָף אירע זינד זיך מתוודה געווען. אָבער וועגן גאָט האָט זי געוווּסט ניט מער פֿון דעם, וואָס עס שטייט אינם קאַטעכיזים, און פֿאַר־שטאַנען האָט זי נאָר אין ענינים פֿון געזעלשאַפֿט און מאָדע. אגב, וואָלט מאַגדאַלען סיבילע געדאַרפֿט טראָגן קירצערע און אופֿגעפּופּטערע אַרבל, דאָס וואָלט אַרויסהייבן אירע ברוינע, שיינע אָרעמס. מיט איר פֿריזור איז זי אויך ניט מסכים געווען.

זי האָט אַרופֿגעלייגט איר קליין פֿליישיק הענטל אָף מאַג־דאַלען סיבילעס גרויסער, וואַרעמער האַנט, האָט דערביי געלאַכט מיט אַ גנבהש, הנאהדיק געלעכטערל: „האָט איר געמערקט, מיין ליבע, בעת ביים לאָרד סאַפֿאָלק האָט זיך נעכטן פֿאַררוקט דער

זשאַבאָ, ווי זיין ברוסט איז אינגאַנצן באַוואַקסן מיט האָר! ער איז אַזוי האָריק, ווי דער הערצאָג".

אין יענער צייט איז מאַריע אויגוסטע שענער געווען, ווי שטענדיק. אירע האָר האָבן געגלאַנצט, ווי שוואַרצע זייד. דער פּנים מיט די לייַנגלעכע מאַנדל=אויגן אונטערן קלאָרן פרישן שטערן האָט געלויכטן, ווי אַ טייערע פּאַסטעל=מאַלעריי. איר גאַנג איז געווען אַ מין האַרמאָניש צופרידן שוועבן. איר טאָג איז געווען אָנגעפילט און באַפרידיקט, איר איינציקער ווונטש—שטענדיק אַזאַ לעבן צו פירן. ביי איר וועג איז געשטאַנען דער גענעראַל רעמכינגען, אַזאַ אויפגעקאָכטער און אַזאַ מענטשלעכער, און מען האָט אים שטענדיק געקאָנט מיט אַ פאַרהוילענעם פּחד רייצן און דערביי גרויס הנאה האָבן. איינמאָל האָט ער אַפילו מיטן גאַנצן ערנסט געוואָלט זי שלאָגן. ביי איר וועג איז אויך געשטאַנען דער יונגער לאָרד סאַפּאָלק דער פאַרביסענער שוויגער. זיינע געשעפטן האָבן אים גערופן אַהיים, אָבער ער האָט זיין לעבן פאַרבראַכט אין גלאָצן אַף איר מיט פאַרליבטע אויגן. אפשר וועט זי אַמאָל אים דערהערן און פאַרוואָס זאָל מען דען ניט לייטזעליק זיין צו אַ יונגען מענטשן, וואָס באַווייזט אַף אַזאַ ערנסטן אופן זיין האַרציקע סימפּאַטיע? מעגלעך, אַז זי וועט אים אויך שלעכט באַהאַנדלען, און דעמאָלט — דאָס וועט אפשר זיין דאָס אינטערעסאַנטסטע אין דער גאַנצער געשיכטע — וועט ער זיך גאָר דערשיסן. און ביי איר וועג איז אויך געשטאַנען דער גראַף ריאָל, — ער איז געווען חנווּדיק מיאוס, און מיט זיין שטילער קווײטשיקער שטים האָט ער דערציילט ביסיקע און פּיקאַנטע וויצן. און גאָר פון וויטן איז געשטאַנען איר איד, וואָס מיט אים האָט זי זיך שטאַרק געגרייסט, און וואָס האָט פאַרשטאַנען מיט גרויס יראת=הכבוד איר צו מאַכן די חוצפּהדיקסטע קאָמפּלימענטן.

און זי האָט די מאַנסלייט אָנגעטריבן, זי האָט געפּראַוועט געיעגן און האָט אָפּגעריכט בעלער און איז געגאַנגען קוקן קאָמעדיע און האָט אַליין געשפּילט קאָמעדיע און איז געפאָרן אין קוראָרט און קיין רעגענסבורג און קיין ווין. און זי איז זייער גליקלעך געווען.

אָבער מאַגדאַלען סיבילע האָט אַף איר אראָפּגעקוקט, ווי אַף אַ קלייניגקער, שטיפנדיקע קעצל — יאָ, עס איז גוט ווען מען קאָן אַזוי לייכט שפּרינגען איבער אַלץ. און קיין זאַך דער־גייט ניט טיפער, ווי נאָר ביז צו דער הויט און מען איז לייכט און מען האָט קיין שווערניש ניט און מען שמייכלט אָפּ אַ לעבן.

— — —

ווען די תבואה איז אויסגעוואַקסן, ווען פעלדער, לאַנקעס, בלומען־בייטן האָבן באַקומען פאַרב און אַנזען, האָבן פון דער ערד פונם הערצאָגטום אָנגעהייבן אַרויסוואַקסן אותיות. עס האָט אויסגעזען, ווי אַ מין געהיימע פאַרשווערונג. אין די עקן שטעט, אומעטום אַפן לאַנד, האָבן פויערים אין זייערע פעלדער, לאָנקעס און גאָרטנס מיט זוימען פון קאָרן־בלומען, פון מאָן און קלעווער, אָבער אויך מיט די זוימען פון איידעלערע בלומען אויסגעזייט אותיות. איצט איז דאָס אַלץ הויך אַרויסגעוואַקסן, איצט איז דאָס פון דער שוואַרצער ערד אַרויס צו דער ליכטיקער שיין און די מאָנבלומען מיט זייער רויטקייט, די קאָרנבלימעלעך מיט זייער בלויקייט, דער לייבנצאָן מיט זיין געלקייט און אַפילו די ליליעס מיט ווייסקייט האָבן אַרויסגעשריען אין דער וועלט: „זים דער חזיר איד“ אָדער „יוסף זים דער חזיר איד און דער מחבל“.

ערטערווייז האָט זיך די מאַכט אריינגעמישט, אָבער נאָר פון יוצא ווענן און אָן דער געוויינטלעכער שטרייגקייט. דער עולם האָט אונטערגעשמייכלט. דער הערצאָג האָט געלאַכט, מאַריע אויגוסטע איז ספּעציעל אַרויסגעפאָרן הינטערן שטאָט, כּדי צו באַקוקן, ווי דאָס איז געמאַכט געוואָרן. נאָכדעם האָט זי דאָס מיט אַלע פּרטים איבערדערציילט מאַגדאַלען סיבילע, וועלכע האָט זיך אַרויסגעמאַכט מיט אַן אויסרייד און איז ניט מיטגעקומען מיט איר.

אויך אין דעם וואַלד פון הירזאו, אַף דער גרויסער לאָנקע ביי דער פאַליאַנע און ניט ווייט פון דעם הילצערנעם פּאַרקן פון דעם הייזל מיט די בלומען־טעראַסעס, האָט איינער אַ פויער

פֿאַרזייט די אויפֿשריפֿט. דאָס איז געווען אַ יונגערמאַן און ער האָט געהערט צו דער ברידער־געמיינדע פֿון יעקב פֿאַליקאַרפּ שאָבער. זינט מאַגדאַלען סיבילע איז אַוועק, איז די ביבל־קאָלעגיע פֿאַרשלאַפֿט און פֿאַראומערט געוואָרן. אמת, די וואָס זיינען זיך צונויפֿגעקומען, זיינען געווען שטילע ענִיוותדיקע, באַשיידענע מענטשן. אָבער דאָס, וואָס צווישן זיי געפֿינט זיך דעם פּרעלאַטס טאָכטער, האָט זיי פֿאַרט געהאַט האָפֿערדיק געמאַכט. איצט אָבער, ווען זי האָט אויסגעפֿעלט, האָט ביים קליינעם קרייזל שטאַרק אַראָפּגעשלאָגן דעם מוט. פֿון דער רעזידענץ זיינען אויך אָנגעקומען משונהדיקע ידיעות וועגן מאַגדאַלען סיבילע, און אויב אפֿילו די אַלע פֿרומע נשמות זיינען זייער ווייט געווען צו טראַכטן עפּעס שלעכטס וועגן זייער געוועזענער שוועסטער, אָבער די אַלע קלאַנגען האָבן דאָך מיטגעהאָלפֿן צו פֿאַרשטאַרקן די שנאה און עקל צו דעם הורדוס, דעם הערצאָג, און צו זיין משרת, דעם איד, וועלכער איז בלי־ספֿק געווען דער שטן אַליין. דורכגעדרונגען מיט אָט דעם דאָזיקן קריסטלעכן עקל, האָט דער יונגער פֿויער זייער זויבער און פֿלייסיק אויסגעשריבן מיט בלומען אין דער וואַלד־לאַנקע: „יוסף זיס דער חזיר איד און שטן המשחית“.

פֿאַרן מאַגיסטער גופֿא, פֿאַר יעקב פֿאַליקאַרפּ שאָבער, איז מיטן אַוועקגיין פֿון מאַגדאַלען סיבילע פֿאַרלאָשן געוואָרן אַ גרויס ליכט און טרייסט. ביי דער גאַנצער ענִיוות און נכנעקייט האָט ער דאָך געפֿילט צווישן זיך און דער מיידל אַ סודותדיקן, קעגנזייטיקן וויסן, וואָס האָט אים אַרויסגעהייבן הויך איבער אַלע איבעריקע. בלי־ספֿק האָט זי זיך געהאַט אָנגעשטויסן אַף זיין גרויסן געלייטזעליקטן סוד, און דערפֿאַר האָט ער, דער פּעטער, שטילער, פֿול־פּנימדיקער מענטש, געפֿילט זיך זייט ביי זייט מיט איר, מילד און געהייבן ביי זיך. עס איז אַזוי ווויל געווען צו וויסן, אַז מען האָט נעבן זיך עמיצן, וואָס שטויסט זיך אָן, עס איז געווים ניט געווען קיין אַפּיקורסישע גדלות זיך צו פֿילן אַליין אין אַ געוויסער מאָס חשובער דורכדעם. ער האָט ליב געהאַט די איינזאַמקייט מיט גאָט, אָבער מאַגדאַלען סיבילע האָט אים

דאָך שטאַרק געפּעלט, און אים האָט איצט באַזונדערס שטאַרק פאַרדראָסן, הלמאי מען האָט אים אָפּגעזאָגט אין זײַן בקשה צו פאַרנעמען די שטעל פון אַ ביבליאָטעקאַר בײַם הערצאָג. זײַן בקשה איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן, ווײַל ער איז ניט געווען ביכולת אַרײַנצוטראָגן די געלט־סומע, וואָס די פינאַנס־פאַרוואַלטונג האָט פון אים פאַרלאַנגט, און איצט האָט זיך בײַ אים, צוגלײַך מיט דער אַלגעמײנער שנאה, אויפגעהויבן אויך אַ פּערזענלעכע קרעפּ־טיקע שנאה קעגן זיס. אָפט פלעגט ער זיך שפּירן זינדיק, ווײַל פאַר אַ גלוביקן קריסט פּאַסט גאָרניט זיך אַרומצוטראָגן מיט אַזאַ שנאה. אָבער ער האָט זיך פון דעם ניט געקאָנט באַפרײַען, און אָפט, בעת זײַנע פאַרקלערטע שפּאַצירן אין וואַלד, פלעגט ער זיך אָפּשטעלן אַף דער לאַנקע פאַר דער קווייטנשריפט און מיט באַפרידיקונג לײענען: „יוסף זיס דער חזיר איד און שטן המשחית“.

אײנמאָל, ווען ער איז ווידער אַוועק צו דער לאַנקע, האָט ער מיט אַן אָפּגעשטאַרבענער האַרץ דערזען פאַר דער בלומענשריפט אַן אַנדער גאַסט — די בלוי־שוואַרצע, מאַטווײַסע מײדל, הי בת־מלכה פון דעם הימלישן ירושלים. זי איז געלעגן אַף דער ערד. פאַרגאָסן מיט טרערן, אַ גרעבלעכע פרוי מיט אַ גוטמוטיקן פּנים האָט זיך צעטומלט און פאַרחושט געעסקט אַרום איר, וואָס איז געלעגן כּמעט אַ פאַרחלשטע.

בײַ דעם גוטן מאַגיסטער איז דאָס האַרץ פאַרקלעמט גע־וואָרן פון רחמנות. דאָ איז קײן שאלה ניט געווען: צו העלפן דאָ, אַרײַנמישן זיך איז דאָך געווען אַ געבאָט פון קריסטלעכער ברידערליבע. אָבער פונדעסטוועגן האָט בײַ אים געדויערט אַ לאַנגע צײַט, ביז ער האָט באַוועלטיקט זײַן שעמעוודיקייט, און גאָר טיף אין זיך האָט ער שוין אפילו פּחד געהאַט, די בת־מלכה זאָל זיך ניט אויפמונטערן פון איר פאַרחלשטקייט, נאָך אײדער ער וועט האָבן געפּועלט בײַ זיך, עפּעס איר צו זאָגן.

אָבער צום סוף האָט ער זיך דאָך גובר געווען, און שטרויכלענדיק איבער אַ וואָרצל, איז ער צו נענטער, האָט

אַראָפּגענומען די הוט און זיך בּסדר בּוקנדיק, געזאָגט: „פריילן! פריילן!" די גרעפלעכע פרוי איז איבערגעשראָקן אופגעשפרונגען, די בּת=מלכּה האָט פּאַוואָליע צוגעווענדט צו אים אירע אויגן, וואָס האָבּן געבּלאָנדזשעט ערגעץ אנדערשוו און אים גאָרניט געזען. קיין שטאַרק איבּערגעשפּיצטער איז ער אַפילו ניט געווען, אָבער פונדעסטוועגן האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דער אומעט פון דער דאַמע האָט אַ שיכות מיט דער קוויטנשריפט, און אין גרויסער פרייד איבּער אָט דער איינזיעניש האָט ער געזאָגט מונטער, העפלעך און מיטן צערטלעכסט=הכנעהדיקן טאָן אין דער וועלט: „האָט ער אויך אייך עפּעס אָנגעטאָן, אָט חער איד דער רשע? יאָ, פריילן, ער איז בּאמת אַ מחבּל און אַן עפּושדיקער שטן".

אָבער זיינע ווערטער, געזאָגט מיט דעם בּעסטן מיין, האָבּן געהאַט אַ שרעקלעכע ווירקונג. די צאַרטע מיידל איז אופגעשפרונגען, האָט אים דורכגענומען מיט אַ פלאַמפּיערדיקן בּליק און מיט אומגעריכטער שטאַרקייט גענומען שרייען: „רכילותניק! געמיינער, גיפטיקער, קריכנדיקער רכילותניק!" דער מאַגיסטער האָט זיך צעטומלט און אומבּאַהאָלפן אָפּגעצויגן אַף צוריק, און די דאַמע האָט אויסגעבּראָכן אין אַ געוויין און מיט אַ צאַרטער שטים, פול מיט פאָרוווּרף, ווייטער געזאָגט: „און די בּלומען, די אומשולדיקע בּלומען נוצן זיי אוים, כּדי צו פאַרשפּרייטן אַזאַ מין סם און טיאוסקייט!"

אַז דער מאַגיסטער האָט דערזען, ווי די בּת=מלכּה פון דעם הימלישן ירושלים וויינט אזוי אָפּהענטיק, איז אים געוואָרן שטאַרק ענג און קלאָגעדיק צו מוט. ער האָט גענומען אומזיכער שטאַמלען: „אָבער דאָס איז דאָך ניט געזאָגט געוואָרן מיט אַ בּייזער כּונה, פריילן. זיינע מעשים בּאַווייזן דאָך דאָס, פריילן. דאָס איז דאָך בּאַקאַנט אין דער גאַנצער מדינה, פריילן". ער האָט פונדאָסניי עטלעכע מאָל זיך טיף פאַרבּויגט. אין דער צייט האָט די בּלוי=שוואַרצע, זיסע בּת=מלכּה שטיל און כליפּנדיק געוויינט און די גרעפלעכע פרוי האָט געטענעט צו איר און גע=

פרווט זי אוועקפירן. צום סוף האט זיך איר איינגעגעבן אוועקצו=
פירן זי אונטער דער האנט פון די שלימזלדיקע קוויטן.

דער מאגיסטער אבער האט ניט געקאנט לאזן האפטן אף
זיך דעם פארוורף, אז ער איז א גיפטיקער רכילותניק, — האט ער
זיך נאכגעשלעפט נאך איר פוס=טריט, געפילט זיך באעוולט און
זיך כסדר פארטיידיקט, אז דאס איז דאך אין דער גאנצער
מדינה באקאנט און אז ער האט קיין בייז ניט געמיינט. אבער
מיט גרויסע און ווילד אופגעריסענע אויגן אפן ווייסן פנים האט
די מיידל זיך געהיצט: „דער שטן! ער! ער דער שטן! ווייס
און רויט איז ער, פון צווישן צענער טויזנטער אן אויסגעצייכנטער.
זיין קאפ איז גינגאלד לויטער, און די לאקן זיינע כוואליען זיך
ראבן=שווארץ אראפ. זיינע באקן ווי א בלומען=בייט, טורעמס פון
געווירץ. זיינע לעפצן, ליליעס, טריפן מור אראפ. זיינע הענט
רינגען גילדענע, מיט כריזאליט באזעצט, זיין לייב א זייל פון
העלפאנד=ביין, אין סאפירן איינגעהילט". און בעת זי האט דאס
גערעדט, האט פון אירע ליפן געשטראמט די הייליקסטע התלהבות,
און ברענעדיקע איבערצייגטקייט האט אראפגעשטראלט פון איר
קלארן שטערן.

אז יעקב פאליקארפ שאבער האט דערהערט די פסוקים
פון שיר=השירים, האט ער זיך מיטאמאל דערפילט שטייפער און
לייכטער. איצט האט ער שוין גענומען פארשטיין איר טרויעריקייט.
נו יא! זי איז אויך געווען איינע פון יענע אומגליקלעכע באשע=
פענישן, וואס דער איד האט מיט דער הילף פון זיין כישופ=
מאכעריי פארפירט. עס זיינען דאך פאראן אזוי פיל ליבע = גע=
טראנקען און בייזע שווארצע קונצן, וואס זיינען מסוגל צו פאר=
טומלען אפילו די ריינסטע נשמה און זי ארייננצוטרייבן דעם
טייוול אין די לאפעס. זיך אנטקעגנשטעלן קעגן דעם מאנדראגארא=
ווארצל איז דאך אפילו דאס כשרסטע הארץ ניט בכח, אפילו
פאר זיך גופא וואלט ער אויך אין אזא פאל ניט ערב זיין. בנוגע
ווייבער איז דער איד דאך געווען א שד; און זאל אפילו אין די
מעשיות, וואס מען דערציילט וועגן מאגדאלען סיבילע, קיין איין
ווארט אמת ניט זיין, קאן מען פונדעסטוועגן זיכער זיין, אז גע=

פּרוּווט האָט ער זיך געווים אַרייַנצוּבריינגען זי אין נסיון מיט זיינע כּישוף־קונצן. און אָט אָ די דאָ, די בת־מלכּה פֿון דעם הימלישן ירושלים, איז אויך געווים זיינער אַ קרבן. ווי ריין און כּשר זי איז געווען באַווייזט דאָס, וואָס אַפֿילוּ איצטער, בעת זי איז שוין געפֿאַנגען און אַזוי נידעריק געפֿאַלן, רעדט זי נאָך אַלץ מיט פּסוקים פֿון תּנ״ך. די הייליקע ווערטער זיינען זים און געשמאַק געפֿלאָסן פֿון אירע ליפּן; בעת דער בעל־זבוב האָט זי פֿאַרפֿירט, האָט ער זיך געווים געמוזט גענענען צו איר אין דער געשטאַלט פֿון אַ מלאך.

ביים איבערקלערן דאָס אַלץ האָט דער מאַגיסטער מיט די פֿוּש־באַקן זיך געהויבן אַזוי ווי אַף הימלס פֿליגלען. זינט מאַגדאַלען סיבילע איז אַוועק, איז דאָך אייגנטלעך זיין לעבן געוואָרן אַ היפּש ביסל פּוסט און אָרעם. איצט גיט אים דער אויבערשטער מיט זיין חסד איבער אַ הייליקע שליחות אַרויסצוראַטעווען די צאַרטע און פֿיינע בת־מלכּה פֿון די לאַפּעס פֿון פֿאַרפֿירנדיקן, רויבערישן שטן. ער האָט אָנגעהויבן גאָר ווייטלויפֿיק און פֿאַרזיכטיק פֿון יענער גרויסער שמחה, וואָס הערשט אין הימל מיט בעלי־תּשובֿה, איז נאָכדעם אַרויפֿגעקומען אַף מאַריאַ מאַגדאַלינע, וואָס האָט תּשובֿה געטאָן אַף אירע זינד און געוואָרן אַ הייליקע, און פֿאַרענדיקט האָט ער מיט די פֿיינע און כיטרע פֿענטעס, וואָס קענען זיי איז אַפֿילוּ דער ריינסטער און כּשרסטער ניט זיכער. ווייל דער שונא, דער שטן און פֿאַרפֿירער —

אָבער דאָ האָט אים דער צאָרן פֿון מיידל צום צווייטן מאָל און אַסך ערגער איבערגעשלאָגן. „מיין פֿאָטער איז ניט קיין שטן און פֿאַרפֿירער״, האָט זי געפּלאַקערט, בעת איר באַגלייטערין האָט פֿאַרזשוכט געפּרוּווט זי איינשטילן. „דאָס איז אַ מיאוּסער חוצפּהדיקער און געמיינער בלבול“.

דער פֿריינטלעכער, פּוּש־באַקיקער פּנים פֿונם מאַגיסטער איז רויט און בלאָס געוואָרן. דער איד איר פֿאָטער! די ערד אונטער אים האָט זיך גענומען הויבן און אַראָפּפֿאַלן. די בוימער האָבן זיך איבער אים געבויגן, האָבן אים געשטאָכן, אים צוגעדעקט.

דער איד איז איר פּאָטער! זיין גאַנצע וועלט, גאָט, דער טייוול, די געטלעכע התגלות — אַלץ איז געשטאַנען קאַפּויר.

אַז דער זינען און דער פאַרשטאַנד האָבן זיך צו אים בהדרגה צוריקגעקערט, האָט ער געזאָגט צו זיך: ווייבאַלד דער איד האָט אַזאַ טאָכטער, זיינען געוויס אַ סך זאַכן, וואָס מען רעדט וועגן אים, ניט מער ווי לשון־הרע און אויסטראַכטעניש. די וועלט איז שלעכט, לייטישע צינגער זיינען ווי פאַרסמטע שפּיזן, עס טרעפט ניט זעלטן אַז אַ מענטש ווערט פאַרשריען פאַר אַ מוראדיקן רשע און בעל־עבירהניק, און נאָכדעם ווייזט זיך אַרויס, אַז ער איז גאָר ניט ערגער פון יעדן איינעם פון אונדז. על כּל פּנים איז אָבער אַ פאַקט, אַז מען האָט אים אָפּגעזאָגט אין דער ביבליאָטעקאַר־שטעל נאָר דערפאַר, וואָס ער האָט קיין געלט ניט געהאַט. און דער מנהג פון פאַרקויפן שטעלעס איז דאָך געוויס איינגעפירט געוואָרן דורך דעם איד. און אויב אפילו אָט די בתולה דאָ איז געשטאַנען פאַר זיינע אויגן ריין און אומשולדיק, זיינען אָבער די אַנדערע מעשים דעם אידנס געווען מיאוסע און פאַרשאָלטענע און זיינען געווען פונקט אַזוי ממשותדיק און אמת, ווי אָט דאָס ווייסע, הימלשע בילד.

די מיידל האָט באַמערקט דעם מאַגיסטערס צוטומלעניש.

„אַ", האָט זי אויסגערופן, „איצט שרעקט איר זיך, ווייל איר הערט, אַז ער איז מיין פאָטער. האָט קיין פּחד ניט! ער שטייט צו הויך, און אַלע זיינע פאַרשווארצער און שונאים גרייכן אים אפילו ניט ביז צו די קנעכלעך".

אָבער דאָס האָט ווידער יעקב פּאַליקאַרפּ שאַבער ניט גע־קאָנט פאַרשווייגן. ס'איז אמת, האָט ער געזאָגט, ער איז טאַקע שפּל און אָרעם. אָבער קיין פּחד פאַר מענטשן האָט ער בשום אופן ניט. אויב אפילו דער האַר איד און פאָטער פון דער פרוילן איז אַ גרימצאָרנדיקער נבוכדנאצר און וועט אים אַפילו לאָזן אַריינוואַרפן אין אַ ברענענדיקן קאַלך־אויוון, וועט ער אַלץ ניט אופהערן צו רימען דעם אויבערשטנס נאָמען.

אַזוי שמועסנדיק, זיינען זיי דערגאַנגען ביזן הילצערנעם פאַרקן, און די גרעבלעכע פרוי האָט געזאָגט, אַז איצט מוז ער

שווין גיין. זי האָט אים אָפּגערופן אָן א זייט, און מיט געבראָכע=
נע, געהיפּערטע ווערטער אין א פרעמדן אקצענט, האט זי זיך
געבעטן ביי אים, ער זאָל קיין ווארט פון דער קליינער ניט
גלויבן. זי איז, פאַרשטייט זיך, גאָרניט די טאָכטער פון פינאַנס=
דירעקטאָר, זי מאָלט זיך דאָס נאָר אויס אין איר דמיון. און ער
זאָל למען השם קיינעם נאָר נישט דערציילן וועגן דעם, וואָס דאָ
איז גערעדט געוואָרן. דער מאַגיסטער, וואָס געווינטלעך האט ער
געהאט ניט גאָר קיין פלינקע תּפיסה און דערצו איז ער פון דער
איצטיקער באַגעגעניש אינגאַנצן צעטומלט געוואָרן, האט איינגע=
זען, אז ס׳איז פאַראַן אַ סכּנה, דער גאַנצער נחת=רוח זאָל אין
משך פון א רגע פאַרלאָרן גיין אַף שטענדיק. האט ער אומגע=
ריכט אנגענומען שווין א לחלוטין ניט קיין עניוותדיקן באַשלוס.
ער האָט געזאָגט, אז פון זיין קריסטלעכן כּבוד וועגן איז ער
מחויב, אופצוקלערן דער פרוילן, אַז ער איז ניט קיין נידערטרעכ=
טיקער רכילותניק און צוליב דעם מוז ער זיך ניט אַנדערש נאָך
אַמאָל זען און אויסריידן מיט איר בּפרוטרוט. און נאָר אין דעם
פאַל, ווען דאס וועט אים צוגעזאָגט ווערן, איז ער זיך מתחייב
צו שווייגן. אונטער דעם דרוק האָט די פרוי מיט א האלבן מויל
אים צוגעזאָגט אַף אַ שפּעטערדיקן טאג און איז פארשוווּנדן צו=
זאמען מיט דער בת=מלכּה, וואס האט ווייטער גענומען קלאָגן:
„אזוי צו פאַרסמען די קווייטן, די אָרעמע אומשולדיקע קווייטן!‟
זינט יענעם טאָג איז יעקב פאליקארפּ שאבער זייער גע=
הייבן און חשוב געווען ביי זיך אין די אויגן. גאט האט אים
אוועקגעשטעלט ביי דעם הויבל פון גרויסע און וויכטיקע געשעע=
נישן. ווייל ס׳איז דאך קלאר געווען, אז די בת=מלכּה איז פארט
די טאָכטער פון דעם אידישן שׂררה און דאָס, וואס די גרעבלע=
כע פרוי האָט גערעדט, איז געווען ניט מער, ווי פלאַפּלעריי.
אָבער ער איז ניט קיין נאַר, אים וועט מען ביי דער נאָז ניט
פירן. און איצט איז זיין חוב צו ראַטעווען דער מיידלס נשמה,
און מעגלעך, אַז אַף דעם וועג וועט ער אויך דערגיין ביז צום
איד גופא און וועט אים אויסמוסרן. אפשר וועט ער אָנרירן זיין
געוויסן; ווייל עס איז דאך אייגנטלעך גאָר ניט דערוויזן, אַז אַ

איך האָב לכתחילה ניט קיין געוויסן, און ווען דער אויבערשטער וועט אים דערמאָנט באַשיינקען מיטן אמתן כּח־הדיבור, וועט נאָך אפשר די גאַנצע מדינה אויסגעלייזט ווערן פון דעם אידנס שווערן יאָך.

און אויף דעם אויסקוקנדיק, איז דער פּוש־באַקיקער מאַגיסטער אַרומגעגאַנגען פול חשיבות, און פול ליכטיקייט איז געווען אַרום אים. אין זיין זיכערקייט האָט ער זיך ניט געלאָזט שטערן אַפילו דערמאָנט, ווען ער האָט געהערט, אַז די שטעל פון ביבליאָטעקאַר איז פאַרנומען געוואָרן דורך אַ לחלוטין אומווערדיקן, וואָס האָט אַ חוץ זיינע טאַלערס, ניט פאַרמאָגט קיין שום מעלות. זיינע רייד זיינען אים געפלאָסן פון מויל, זיס ווי האָניק. און עס האָט זיך אַפילו געטראָפן, אַז די ווערטער האָבן זיך ביי אים פאַרפלאָכטן אין גראַמען, און די חרוזים זיינען זיינען מיט גרויס חידוש אופגענומען געוואָרן דורך די ברידער און שוועסטער פון דער ביבל־קאָלעגיע, מען האָט זיי געלערנט אויסוויינען, זיי געזונגען ביי כּלערליי סיבּות אין זייער לעבן, בעת זיי זיינען אין גרויסער נויט געווען, אָדער ווען זיי האָבן גינסטיק עפּעס פאַרקויפט, בעת מען איז געגאַנגען אויף אַ לויה און בעת זייערע ווייבער זיינען געלעגן געוואָרן. ביי גאָר זיין עניוות האָט מאַגיסטער יעקב פאַליקאַרפּ שאַבער דערפון גרויס נחת־רוח געהאַט, און ס'איז געווען פאַר אים אַ טרייסט נאָך מאַגדאַלען סיבילעס אוועקגיין.

---

יאַנטיע, די גראַבע דינסט, האָט אין באַוואוסטזיין פון איר שולד, דערציילט ר' גבריאלן וועגן דער אומגליקלעכער באַגעגעניש. דער רבי האָט איר שווייגנדיק צוגעווונקען זי זאָל אַרויסגיין.

נאָכן אַרויסגיין פון דער דינסט האָט זיך נאָך מער פאַרטונקלט דער שטיינערדיק־ברוגזער פנים, די דריי שטייענדיקע קנייטשן איבער דער נאָז האָבן זיך נאָך שאַרפער אויסגעשניטן. ניט דערלאָזן קיין קשיות, די מיידל טאָר ניט פרעגן. זאָל דער אויבערשטער אויסהיטן, ער איז ניט בכּח איר ליגן צו זאָגן, צעברעכן פאַר איר דאָס ליכטנדיקע בילד דעם פאָטערס — ער

וואָלט דאָס גענומען אַף זיך, אָבער דערמיט וואָלט זיך דאָס לעצטע ארויסגעגליטשט פון זיינע הענט. גיכער וואלט ער שוין פון זיינע בלומען־טעראַסעס געמאַכט מיסט־גריבער, איידער ער וואָלט אַזוינס געטאָן.

און די שרפים און אופנים האָבן אים באַשירעמט, דעם אומעטיקן, אָנגעברוגזטן מאַן. נעמי האָט נישט געפרעגט. איינמאָל אפילו האט ער געזען, ווי זי האָט שוין אופגעמאַכט די ליפּן. איר אויג איז שוין פאַרוואָלקנט געוואָרן. אָבער זי האָט געשוויגן.

וואָלט דען קשיות שטעלן ניט געהייסן: ספקן זיך? ניין, איר פאָטער איז געווען הערלעך און פול פראַכט, און די בלבולים פון די געצנדינער האָבן אים אַפילו זיין שוכזויל ניט באַשמוצט. די פעלזיקע אותיות פון די הייליקע כתבים האָבן זיך געהויפט צו זיילן פון זיין גדולה. ער איז געווען שמשון הגיבור, וואָס האָט צעשלאָגן אַלע פלישתים. ער איז געווען שלמה המלך, וואָס ער איז קליגער געווען פון אַלע מענטשן, ער איז געווען — און דאָס האט אלץ אפטער געשוועבט אין אירע חלומות — ער איז געווען יוסף הצדיק, דער מילדער, דער קלוגער, וואס פרעה האָט אים איבערן גאַנצן פאָלק געזעצט! און ער האָט ארופגעלייגט ציגזן אפן פאָלק, כדי אים צו באַוואָרענען פון קומענדיקן הונגער. אָבער זיי זיינען נאריש געווען און האבן זיין חכמה ניט געזען. אָ, ווען ער וואָלט שוין ווידער אַמאָל קומען! אויסוויינען זיך אַף זיין האלדז! אין דעם פייער פון זיינע אויגן ווערט די פלאַפלעריי פון דעם דיקן יונגערמאַן צעפּולווערט אין אַש און פאַרוויט.

רבי גבריאל האָט דערווייל געפונען געשריבן אין ספר פונם מקובל ר׳ יצחק לוריא אשכנזי אָט וואָס: „עס קאָן געמאָלט זיין, אַז אין גוף פון א מענטשן ווערט מגולגל ניט נאָר איין נשמה נייערט צוויי און אפילו מער נשמות קאָנען אין איין גוף דורכמאַכן צו גלייכער צייט זייער גלגול אַף דער וועלט. און פאַראייניקט ווערן די נשמות צוליב דעם, כדי זיי זאָלן זיך אונטערהאַלטן איינע די אנדערע און אויסקויפן זייער זינד, וואס איבער זיי זיינען זיי פאַרמשפּט געווארן דורכצומאַכן דעם גלגול״.

דעם קאָפּ איינגעשפּאַרט אַף דער האַנט, איז ער געזעסן, געטראַכט, האָט צוריק געמאַכט אופלעבן פאַר זיך די בילדער, וואָס ער האט געזען בעת גלות אַפריכטן. ער האט געזען די ליניעס פון דער ווילדער באַרגלאַנדשאַפט, פון דעם שטיין, דער וויסטעניש, דעם צעשפּאָלטענעם אייז.איבער דעם דאָס מילדע, לייכט־שפּאַטישע לייכטן פון די קלאָרע באַרגשפּיצן. דעם וואָלקן, דעם פייגל־פלי, די ברוגז־מוטווילקע כוואַליעניש פון די איבערן אייז צעוואַרפענע פעלזן, דעם באַוווּסט פון לעבעדיקע מענטשן אין דער נידער. פון שאַף וואס פאַשעט זיך. ער האט געזוכט די צוגלייכעניש אין יענעם פּנים, וואס מיט אים איז ער פאַרבונדן געווען.

דער צימער ארום איז פאַרזונקען געוואָרן אין נעפּל, די ספרים האבן זיך פאַרלאָרן, און ער איז פאַרזונקען אין יענעם פּנים, האָט געגישטערט אין יעדן שטריך. ער האָט געזען די בולטע אויגן, די קליינע, פליישיקע ליפּן. די רייכע, קאַשטאַנ־פּאַרביקע לאָקן. ער האט געזען הויט און פלייש און האָר, און מער גאָרנישט.

און ער האָט געצויגן מיט די אַקסלען, איז געזעסן אפּגעלאָזן, מאַט, האָט שווער געפּרייכט, ווי א שווער באַלאָדענע בהמה, וואָס האט קיין כח מער ניט אַרופצודראַפּען זיך באַרג אַרויף.

אין דער שכנות פון היילבראָן האָט זיך צווישן ווײַנגער־טנער מילד צעליינט דער שלאָס שטעטענפעלז. דאָרטן איז געזעסן דער גראַף יאָהאַן אַלברעכט פוגער, א יעזואיטן־האַדעוואַניק, א פּאַרברענטער קאַטויל, באַפריינדעט מיטן ווירצבורגער פירשט־בישאָף. שוין אונטער דער ממשלה פון עבערהארד לודוויג האָט דער גראַף עטלעכע מאָל געבעטן, מען זאָל אים דערלויבן ביי זיך פריוואַט אָפּצוריכטן קאַטוילישן גאָטעסדינסט, אָבער ער האָט דאָס ניט אויסגעפועלט. איצט, אונטערן קאַטוילישן הערצאָג, האָט ער אָן לאַנגע מחזקות אַריינגענומען צו זיך אין שלאָס קאַפּוצינער מאַנאַכן און האָט אַף זיין שלאָסבאַרג געגומען בויען אַ קלויסטער און אַ קירך. דער פירשט־בישאָף פון ווירצבורג האָט אים געהאָלפן, אין די קאַטוילישע הויפן האָט מען געקליבן געלט

צוליב דעם צוועק, ער איז געווען אַן איבערגעבענער, זייער חשובער קעמפער פאַר דער קירך.

דאָס איז אָבער געווען בפירוש קעגן געזעץ, און אין פאַרלאַמענט איז אויסגעבראָכן אַ שטורם מיט אַ שטרייננגער פאָדערונג צו דער רעגירונג, צו מאַכן אַ סוף צו אַזאַ עזותדיקער אומאָרדענונג. דער הערצאָג איז געווען ברוגז; זיינע הענט זיינען דאָך געווען געבונדן. ער האָט דאָך בפירוש מתחייב געווען זיך נים ארייננצומישן אין אַזעלכע פראַגן; די גאַנצע דעה איבער די רעליגיעזע ענינים האָט ער איבערגעלאָזן דעם מיניסטעריום, פאַרמאַל מותר געווען אַף זיינע רעכט ווי דער ביסקופ פון די עוואַנגעלישע. ער האָט אויך מסכים געווען, אַז אין ערגעץ זאָלן קיין קאַטוילישע קירכן נים געבויט ווערן. מער נים ער אליין פאַר זיך מעג אָפּריכטן דעם קאַטוילישן דינסט.

האָט דער פאַרלאַמענט באַשלאָסן צו שיקן צום גראַף אַן אונטערזוך=קאָמיסיע און איר בראש פון איר באַשטימט דעם רעגירונגס=ראַט דעם פובליציסט, יאָהאַן יאַקאָב מאָזער, וואָס האָט זיך מיט רייד, מעשים און שריפטן שוין געהאַט ארויסגעוויזן פאַר אַ פייערדיקן פראָטעסטאַנט. ער האָט באַקומען גרויסע פולמאַכטן.

דער גראַף איז אבער געווען א שטיק חוזק און עקשנות, און ער איז נים נוטה געווען נאָכצוגעבן אפילו אַ האָר. ער האָט געלאָזן שטיין די רעגירונגס=קאָמיסיע פאַרן טויער פון שלאָס, אין רעגן און שטורעם. אַז די הערן פון דער קאָמיסיע האָבן אָנגעוויזן אפן קלויסטער און אַף דער קירך, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין בויען, אַזוי אַז מען האָט שוין געקאָנט זען דעם טורעם, און האָבן געפרעגט ביים גראַף, ווי פועלט ער דאָס ביי זיך איבערצוטרעטן דעם בפירושן פאַרבאָט, און ווי דערלויבט ער זיך צו בויען קאַטוילישע קירכעס אין דער מדינה פון הערצאָג, האָט דער קליינוויקסיקער און באַוועגלעכער גראַף שטייף, ברוגז און גאוהדיק געענטפערט, אַז דאס זיינען זיינע נייע ווירטשאַפטס=בנינים. נעענטער צוצוטרעטן האָט ער נים דערלאָזן. דורכן הויף זיינען דורכגעגאַנגען קאַפוצינער פאָרוויין: האָט ער ווייטער מיט חוזק געזאָגט, אַז דאָס איז די נייע משרתים=ליוורייע, וואס ער האָט איינגעפירט

בײַ זיך, און ער האָט נאָך אויסגעדריקט זײַן האָפענונג, אַז אַט די מאָדע וועט זיך גיך פאַרשפּרייטן אין לאַנד. און אַזוי איז די קאָמיסיע צוריק אַוועק צו הײַלבראָן מיט גאָרנישט.

אָבער סוף כּל סוף האָט זיך אײַנגעגעבן אויסצופּועלן, אַז די נײַע בנינים, זאָלן בּאַקוקט ווערן, און דורך אַ שמש פון געריכט האָט מען געשיקט צום גראַף אַ שטרײַנגען בּאַפעל, ער זאָל אין משך פון דרײַ טעג אַנהייבן אַראָפּטראָגן די קירך און דעם קלויסטער. דער גראַף האָט בּכבודו ובעצמו אַראָפּגעוואָרפן דעם שליח פון אַלע טרעפּ, אויפגעהעצט אף אים די הינט. דעמאָלט איז אַראָפּגעקומען מאַזער אַליין, מיט אַ מחנה זעלנער, און זיי האָבן אַראָפּגעריסן די בנינים. דער גראַף איז הייזעריק געוואָרן פון שרײַען און זידלען זיך, אָבער ער האָט בּיזן לעצטן גראָשן אָפּגעצאָלט פאַר דער עקזעקוציע און די זעלנער פאַר זייער אַרבעט. ערשט דעמאָלט איז מאַזער אַוועק. אינם פונדאַמענט פון קלויסטער האָט מען געפונען אײַנגעגראָבן אַ פּאַרמעט, און אף אים איז געווען אָנגעשריבן, אַז אַט דער קלויסטער שטעטנפעלז איז געבויט, כּדי צו פאַרשפּרייטן דעם קאַטוילישן גלויבן איבער דער גאַנצער כּופרישער ווירטעמבערגישער מדינה.

אַ שמחה און אַ גדולה אין לאַנד און אין פּאַרלאַמענט. אין דער קאָמיסיע טומלט דער געפּאַקטער גראָבער בּירגערמייס־טער יאָהאַן פרידריך בּראַקענהיים: עפּעס ווער זײַנען מיר נאָך. אַז מיר ווילן נאָר זײַנען מיר בּכח צו צווינגען די אַפּיקורסישע כּלבים צו פרעסן די אייגענע צואה. דער פאַרכמורעטער נייפער האָט פילאָזאָפירט: „אַסך מניעות ליגן אפן וועג פון די הערשער. אָבער די מניעות גיבן נאָך צו חשק; איז מען זיי בײַגעקומען דערפילט מען טאָפּלט געשמאַק דעם אמתן טעם פון דער מאַכט". דער המון האָט געהוליעט. אין דעם „בלאָען באָק" האָט דער קאָנדיטאָר בּענץ זיך געלאָזט דערלאַנגען נאָך אַ בּעכער ווײַן און האָט געהירזשעט: „עס זײַנען נאָך פונדעסטוועגן פאַראַן ענינים, וווּ קיין זונה און קיין איד האָט נישט צו זאָגן". האַרפּרעכט און בּילפינגער האָבן זיך האַרציק געפרייט. די בּיבל־קאָלעגיעס פון די פּיעטיסטן האָבן אין תמימות און ענווּת געדאַנקט און געלויבט

דעם אויבערשטן. בעאַטאַ שטורמין, די בלינדע הייליקע, האט דאס שוין פון פריער געוווסט. זי האט שוין געטייטלט מיטן פינגער אַפן פסוק: „פאַרשאָלטן איז דער יעניקער, ווער עס וועט זיך מאַכן אַן עגל פאַרן אויבערשטן, געהאַקט אָדער א געגאָסן בילד, א ווערק פון קינסטלערס האַנט, און וועט דאס אופשטעלן אין באַהעלטעניש.“

אָבער אויך ווייט אריבער די שוואַבישע גרענעצן, אין דער גאַנצער דייטשער מלוכה, האָט די שטעטנפעלזער מעשה אָנגעמאַכט א טומל. דער ווירצבורגער פירשט-בישאָף האט דורך זיינע יועצים פּיכטעל און ראַאַב, אפיציעל פּראָטעסטירט ביי דעם הערצאָג. דער הערצאג האט געהאַלטן, אז זיין פּאַרלאַמענט האט אים בכיון געוואָלט אונטערשטעלן א פיסל ביי זיינע קאַטוילישע קרובים, און ער איז זייער גרימצאָרנדיק געווען. פונדעסטוועגן האָט דער ווירצבורגער ביסקופ דעם פּקח מער ניט געמאָנט, ער האָט געוווסט, אז קאַרל אלעקסאַנדער איז איצט פאַרנומען מיט עפּעס אנדערש. האט ער אָפּגעלייגט אַן ענערגישע אקציע אַף שפּעטער.

קאַרל אלעקסאַנדער איז געווען פאַרטאָן מיט לויטער נישטיקע, פּאַרדראַסיקע זאַכן. זים האט איצט זיך ערנסט משתדל געווען, מען זאָל אים אופהייבן צום אדל-שטאַנד. זיין מעמד איז איצט פעסט געגנוג געווען, און צו זיין רייכקייט און מאכט האבן אים איצט נאר אויסגעפעלט די טיטלען. ער האט זיך ארומגעטראָגן מיטן געדאַנק אָפיציעל איבערצונעמען דעם פּאָסטן פון לאַנדהויפּמייסטער. וואָלט ער זיך געשמדט, וואלט זיך דאס שוין געלאָזט מאַכן פון היינט אַף מאָרגן, אבער זיין אמביציע איז געווען צו באַקומען די העכסטע שטעל אין הערצאָגטום, זייענדיק אַ איד. דער הערצאָג האָט אויך, — נאָכדעם ווי זים האָט אים בעתן מאַסקאַראַד צוגעשאַרט מאַגדאלען סיבילע, — אונטערשטיצט דורך זיין ווינער פאָרשטייער די בקשה פון זיין הויף-פאַקטאָר, האָט געפאָדערט פאַר אים אַן אַדל-דיפּלאָם און האָט דערפאַר געבאָטן טויזנט דוקאַטן. אָבער דער ענין האָט זיך ניט גערירט פון אָרט, וורייל ניט נאָר דער ווירטעמבערגער פאַרלאַמענט האָט מיט אַלע

מעגלעכקייטן קעגן דעם געקעמפט, אָבער אפילו די אייגענע קאָלעגן=מיניסטאָרן האָבן אינטריגירט בײַם ווינער הויף קעגן דעם איד. כּדי אונטערצוגעבן דעם הערצאָג היץ און צו באַווייזן, אַז מען קאָן זיך אָן אים נישט באַגיין, האָט זיס אויפגעהערט צו אַרבעטן פאַר קאַרל אלעקסאַנדער; אונטערן אויסרייד פון נויטיקע פּערזענלעכע געשעפטן האָט ער געבעטן אורלויב אף אָפּצופאָרן קיין אויסלאַנד. און תּיכּף ומיד איז שוין דער ענין פון רעקרוטירן נייע זעלנער נישט געגאַנגען, עס האָבן אויפגעהערט אַרייַנצוקומען די געלטער אף אויסצוהאלטן דעם חיל, די ווייבער זײַנען געוואָרן שווערער, און טויזנט אַנדערע קלייניקייטן, וואס זיין פינאַנסדירעקטאָר האָט פריער נישט צוגעלאָזט צו אים, האָבן זיך איצט מיטאַמאָל אויסגעקערט צום הערצאָג מיט זייערע מיאוסע פּנימער. עס האָבן זיך ארויסגעוויזן שוועריקייטן בײַם דעקן די אייגענע גרויסע געלט=הצטרכותן בײַ די מיליטער=ליווערונגען וואָס זיס האָט קינסטלעך פאַרגרעסערט. דערצו נאָך האָט קאַרל אלעקסאנדער שטאַרק אויפגערעקט די שטענדיקגלייכע שטײַפקייט פון מאַגדאַלען סיבילע, און אויך די בײדע שײנע דאַמען געץ, די מוטער און די טאָכטער, וואס זיס האָט פון דערווייטנס קונציק און אומבאַמערקט געלערנט זיי, האָבן אויך איצט אומגעריכט אנגעהויבן ארויסצוווייזן ווידערשטאַנד. רעמכינגען איז געווען לאַנגווייליק, מיט בילפינגער האט ער נישט געוואָלט זיך באַגעגענען, ווייל אים האָט געערגערט דעם מיניסטערס אופפירן זיך בעת שטעטענפעלזער סכסוך, דער פראַנצויז ריאָל איז אים אויסגעקומען צו קלוג, צו איבערגעשפיצט. ער האָט געבענקט נאָך זיין איד. ווען ער וואלט געווען דאָ, וואלט דער שטעטענפעלזער ענין בלי ספק זיך אנדערש פאַרלאָפן: ס׳איז געווען אַ חרפּה, וואָס זיינע מיניסטאָרן זײַנען אָן דער הילף פון דעם איד נישט מסוגל געווען אפילו די ריין=קריסטלעכע ענינים אפּצופארטיקן ווי געהעריק.

ווען זיס איז צולעצט צוריקגעקומען, איז ער אויפגענומען געוואָרן מיט אָפענע ארעמס. ער איז געווען אין האָלאַנד, אין ענגלאַנד. אין פראַנקפורט האָט ער געהאַט אַ פייערלעכן קבלת=פּנים,

אין דארמשטאט האט ער חוזק געמאכט פון זיין ברודער דעם באראן דעם משומד: ער וועט דערגרייכן דאס זעלביקע אן אזעלכע מיאוסע מיטלען. דערצו האט ער זיך נאך אין נידערלאנד באקענט מיט מאדאם דע=קאסטרא, א רויט=בלאנדער, שלאנקער, פיינער, מיוחסדיקער, נאך ניט אלטער דאמע, דער אלמנה פונם פארטוגעזישן רעזידענט אין די גענעראלשטאטן.

זי איז אויך געווען זייער רייך. ער האט געוואלט מיט איר חתונה האבן. זי האט זיין פארשלאג אנגענומען, אבער מיטן תנאי, אז ער וועט געאדלט ווערן. בכל אופן האט זי צוגעזאגט, איננגיכן אים צו באזוכן אין שטוטגארט. בעת מאריע אויגוסטע האט באקומען צו הערן פון דעם פלאן האט זי שטורמיש געלאכט. דעם הערצאג איז ניט געפעלן געווארן די געפלאנטע חתונה פון זיין הויף=איד. ער לאזט אים דען ניט האלטן קיין קעפס=ווייבער, וויפיל ער וויל נאר אליין? „דו איד, דו לעקסט מיר סי ווי אויס, אלע טעלערן‟, האט ער געברומט. אבער זיס האט מיט הכנעהדיקער, אבער פעסטער העפלעכקייט ניט אפגעלאזן פון זיין פלאן און האט אויסגעפועלט ביי דעם הערצאג, ער זאל נאך אמאל אוועקשרייבן קיין ווין וועגן זיין אדלונג. קארל אלעקסאנדער האט אוועקגעשיקט אן אייגנהענטיקן און דרינגלעכן בריוו. ער האט געשריבן אז מיט זיין הויף=איד קאן ער אופטאן מער ווי מיט אלע אנדערע יועצים און באדינטע זיינע, אז מען קאן אים מחמת זיין זשעני און זיין געשיקטקייט, געברויכן צו אלע נוצלעכע ענינים, און אז עס איז זיין פירשטלעכער חוב אים פאר זיין ארבעט אפצודאנקען מיטן אדל=דיפלאם. נאך אזא מין שרייבן איז זיס שוין זיכער געווען, אז אלץ גייט כשורה.

ער איז ווייטער געריטן דורך די גאסן אף זיין שימל אסאדא. ער האט אויסגעזען מיט צען יאר אינגער, ווי ער איז אין דער אמתן געווען, און האט, ווייט און ברייט ארום איבער גאנץ שוואבן, געשמט פארן ערשטן קאוואלער. בויגעוודיק און שלאנק איז ער געזעסן אפן פערד, די שטארק רויטע ליפן אין ווייסן פנים האלב געעפנט, די קאשטאן=פארביקע האר זיינען אראפגעהאנגען פון דער ברייטער הוט, עס האט געגלאנצט די רייט=בייטשל,

באוועצט מיט טייערע שטיינער אונטער דעם ליכטיקן שטערן האָבן זיך געוועלבט די שוועבנדיקע אויגן. די פרויען האָבן אויסגעדרייט די קעפּ: ער איז ווידער דאָ! די בײדע דאַמען געץ זײנען געלעגן אין פענצטער, האָבן געחלומט, אין דער צייט וואָס ער האָט זיי מיט גרויס יראת־הכבוד געגריסט. ער איז ווידער דאָ! ער איז ווידער דאָ! — האָט געברומט דער המון, אבער ער איז אים דאָך געפעלן געווען.

דער שימל אַסיאַדאַ האָט הויך אויסגעצויגן די האַלדז און האָט מונטער און נצחונדיק געהירזשעט אנטקעגן די ביר־גער, די קנאהדיקע קאוואַלערן, די גערייצטע פרויען: ער איז ווידער דאָ!

דער אופהאַלט פון דער הערצאָגלעכער פּאָר אין לודוויגס־בורג איז פאַרענדיקט געוואָרן מיט אַ פייערלעכער פאַרשטעלונג. די הערצאָגין האָט מיטגעשפּילט, אויך דער יונגער געץ, וועלכער האָט יעצט באַקומען אַ געהויבענעם פּאָסטן, און דער געהיימער פינאַנסראַט זיס. אלע שווערערע און ווייניקער דאַנקבאַרע ראָלעס האָבן אויסגעפירט די זינגער און אקטיארן פון דער הערצאָגלעכער טרופּע. טעאַטער פאַר דער העכסטער געזעלשאַפט. די הערן האָבן גע־מוזט קומען אין טעאַטער אין אלאַנזש־פאַריקן און די דאַמען מיט אַנט־בלויזטע אַקסלען. שוין פון דער פערטער שורה אָן האָבן די צו־קוקער איבער דעם וואַלד מעכטיקע פאַריקן געהאַט די מעגלעכ־קייט צו כאַפּן מיטן אויג אַ שטיקל סצענע נאָר דורכן בלויז איבער אַ נאַקעטן פרויען־אַקסל.

אויף דער סצענע געפינט זיך די הערצאָגין. ווי שיין זי איז אין דעם שפּאַנישן קאָסטיום, דער גאָלדענער פּייל מאַכט בולטער דעם שוואַרצן גלאַנץ פון די האָר איבערן פּראָפיל, וואָס לויכט אַרויס אין קאָליר פון אלטן, איידעלן מירמלשטיין. ביי איר אנבליק לאָזט רעמבינגען ארויס אַ מאָדנעם פאַרשטיקטן ברום, ווי אַ חיה, דער הערצאָג קאָן זיך קוים איינהאַלטן, ניט אַ שנאַלץ צו טאָן מיט דער צונג, דער יונגער לאָרד סאָפאָלק ווערט בלאַס, ווי אַ טוך, בעת ער דערזעט איר.

עס ווערט געשפּילט אַ שטיק פון אַן אַלטן גרויסן שפּאַנישן מייסטער. די פּיעסע איז שוין דורכגעגאַנגען דורך אַסך הענט, איטאַליענישע קאָמעדיאַנטן האָבן איר מיטגעפירט אַף זייערע וואָגלענישן און איר איבערגעניצעוועט, אַרייַנגעפלאָכטן אַהין אַריעס און טענץ. איצט האָט דער טיבינגער הויף־פּאָעט זיך גענומען פאַר איר און האָט די גאַנצע פּיעסע איבערגעגאָסן אין געווויסנהאַפטע, זויבערע אַלעקסאַנדרינער פערזן.

די פּיעסע איז געווען זייער אַ שפּאַנענדע און אַן אופרייצנדיקע. אַף דער בינע האָט מען געזען אַ העלד, אַ קאַוואַלער און אַ היציקן ליבהאָבער. ער איז באַשאַפן געוואָרן פאַר קריג און ליבע. ער האָט נאָר געהאַט די טבע, וואָס יעדע פרוי, וואָס ער האָט נאָר איינמאָל געהאַט, איז אים תיכף נמאס געוואָרן.

„אַ פרוי וואָס ציט אונדז אָן, איז ווי אַ טוי, וואָס פאַלט פון הימל, —

נאָר נאָכן גענוס איז זי פאַר אונדז ניט מער, ווי שטויב און שימל״.

האָט ער אָראָפּגעדרשנט פון דער בינע אַראָפּ און די אַלאַנזשפּאַריקן פון די צוהערער האָבן צוגעשאָקלט צושטימונג. און ד׳עם העלדס מעשים האָבן זיך טאַקע געפּאַסט צו זיין כּלל, ער האָט כּסדר געהאַט פאַרפלאָנטערטע געשעפטן מיט פרויען, אין יעדער סצענע האָט ער עמיצן פאַרפירט, געשטאָכן ליבהאָבער, אָפּגענאַרט געליבטע. און נאָר די הערצאָגין, וואָס האָט געשפּילט די ראָלע פון זייער אַן איידעלע דאַמע, האָט זיך אים ניט אונטערגעגעבן, נאָר זי האָט אים כּסדר געמאַכט צום נאַרן, און אין אַזאַ פּנים, ווי עס געשיקט זיך שוין פאַר אַזאַ חשובער דאַמע. מאַריע אויגוסטע האָט דורכגעפירט איר שפּיל מיט גרויס ווערדע און שטאָלץ; אָבער דער הער דע־ריאָל, וואָס האָט צווישן די צוקוקער געהאַט די שאַרפסטע אויג פאַר אַזעלכע זאַכן, האָט געמערקט, אַז אין זיך האָט זי צוגעשמייכלט איבער דער אופגעשרויפטער און אָנגעצויגענער ריר־מיך־ניט־אָן־ראָל, וואָס זי האָט געשפּילט.

דער יונגער באַמטער געץ, וואָס איז געווען איינער פון דעם הויפט=העלדס קאָנקורענטן, האָט באַלד אין אָנהויב שטיק גערדאַרפט דערשטאָכן ווערן. אָבער דער קאָמעדיאַנט, וואָס האָט געשפּילט די ראָל פון העלד, האָט געהאַט מיט אים זייער אַ האַרבע לייעניש, ווייל ער האָט זיך דאָך ניט געוואָלט אזוי לייכט אונטערגעבן, און ווי עס פּאַסט זיך פאַר אַ יונגען שוואַבישן האַר פון גוטן יחוס, האָט ער געקעמפט לויט אַלע כּללים פון דער פעכטקונסט, האָט שיער ניט פאַרוואונדיקט שווער דעם קאָמעדיאַנט, און צום סוף האָט מען אים — אַ ניט וואָלט די פּיעסע זיך גאָר קיינמאָל ניט פאַרענדיקט — כּמעט מיט געוואלד געמוזט אַראָפּשלעפּן פון דער סצענע.

און די קאָמעדיע האט זיך געצויגן ווייטער. דער העלד האָט בשום אופן ניט געהאַט קיין מזל צו דער הערצאָגין. ער האָט איר געוואָלט ארויסגנבענען. אָבער די קליינע געלע נעאַפּאַליטאַנערין, וואָס ער האָט פאַרלאָזן אַליין צווישן ווילדע פעלזן, און וואָס איז ארייננגעפאַלן צו גזלנים אין די הענט, איז ווידער באַפרייט געוואָרן, און דורך אַ ריי אויסטערליש=פאַרפּלאָנטערטע פּאַסירונגען, וואָס דער מחבר האָט צוגעקלערט, פאַלט זי אַריין אין דער פינצטער אין די הענט פון דעם העלד. ער דערקענט זי ניט און אַנטלויפט מיט איר, אנשטאָט מיט דער הערצאָגין. ער קומט מיט איר אין די בערג, דאָרטן דערזעט ער דעם טעות, ווערט גרימצאָרנדיק און באַשליסט זי צו פאַרקויפן צו מאַורישע סוחרים. אָבער זי וואַרפט זיך צו זיינע פיס, יאָמערט און בעט אים תחנונים. און דאָס איז געווען דער שענסטער אָרט פון דער פּיעסע. זי האָט געוויינט: „דו האָסט מיר געשוואָרן, חתונה צו האָבן מיט מיר. אָבער אויב דו האָסט חרטה אַף דעם, באַפריי איך דיך פון דיין שבועה. שפּאַר מיך איין אין אַ קלויסטער אַף שטענדיק! אָדער מאַך מיך פאַר אַ שקלאַווין, פאַר דיין דינסט! איך וועל שטענדיק מתפלל זיין פאַר דיר, דו זאָלסט האָבן גליק. ווּעסטו גיין אין מלחמה, וועל איך אין דיין געצעלט דיר עסן קאָכן, דיר די קליידער ריינִיקן. אָדער פיר מיך אָפּ צו דיין געליבטער, שיינק מיך איר אַוועק פאַר אַ שקלאַווין! ווען

איך וועל זי קאַמען און דו וועסט דערביי שטיין, וועל איך זיך נים באַקלאָגן, איר נים צופּן די האָר, און ווען דו וועסט ריידן צו איר מילדע רייד, צערטלענדיקע ווערטער, אַזוי ווי אַמאָל צו מיר, וועל איך צוזאַמענפּרעסן די ליפּן, וועל שטומערהייט אריבערטראָגן דעם שרעקלעכן פּרוון־גורל: זיין די שקלאַוין פון דער, וואָס דער געליבטער שיינקט איר זיין ליבע. אָבער נאָר פאַרקויף מיך נים! פאַרקויף מיך נים צו די מאַווערן״.

איצט ווען זי האָט די ווערטער גערעדט, איז זי שוין מער נים געווען די קליינע, געלע, גראָבע, פאַרדאָרבענע נעאַפּאָליטאַנערין, איצט האָבן די פערזן זי געטראָגן, און זי איז טאַקע אין דער אמתן געווען אַן עלנטע, פאַרלאָזענע, באַליידיקטע און יאָמערנדיקע פרוי. אין זאַל איז שטיל געוואָרן, מען האָט געהערט, ווי אַ טראָפּן אייל פון לאָמפּ איז אראָפּגעפאַלן אַף דער בינע, און די ליכט האָבן געזונגען אין זייערע לייכטערס.

די בלאָנדע, צאַרטע, פיינע דאַמען גענץ זיינען זייער גערירט געווען, און די טאָכטער האָט אַפילו געכליפּעט, אָבער פון וויינען האָט זי זיך מיט אַלע כּחות אָפּגעהאַלטן, ווייל דעמאָלט וואָלט איר נאָז רויט געוואָרן, און דאָס איז איר נים געשטאַנען. אָבער מאַדאַם דע־קאַסטראָ, די פּאָרטוגעזין, וואָס מיט איר האָט זיס געוואָלט חתונה האָבן, און וואָס האָט געהאַלטן איר וואָרט און איז געקומען קיין שטוטגאַרט, איז געווען אַ פּראַקטישע דאַמע, און פון אַלץ, וואָס זי האָט געזען, געהערט, און אריבערגעלעבט, האָט זי געזוכט ארויסצובאַקומען פאַר זיך נוצן. איצט האָט זי אויך געהאַט פּראַקטישע געדאַנקען און האָט זיך געטראַכט: „יאַ, אַזוי זיינען אַלע מענער. איידער וואָס־ווען זאָגן זיי צו אַלץ, אָבער באַלד נאָך דער ערשטער נאַכט ווערן זיי ברוטאַל. ווען איך האָב מיט אים חתונה, וועל איך בכל אופן פאַרזיכערן מיין פאַרמעגן, און איך וועל זיך אַזוי פאַרזיכערן, אז ביי יעדער מעגלעכער לאַגע זאָל איך קאָנען קומען צו מיין רעכט. בכלל וועל איך זיך נאָך גוט מיישב זיין און אָפּוועגן אַלע פאַר און קעגן״.

„דאָס איז טאַקע אמת, אַז די ווײַבער מוז מען האַלטן שטרײַנג אין צאַם" האָט דער הערצאָג געקלערט. „אָבער ער כאַפּט שוין אריבער די מאָס, איך װאָלט אים געלאָזט קאַטעווען. די איטאַליענערין איז אַ װוילע נקבה. זי איז מיר באַלד אין אָנהייב געפעלן געוואָרן. עס איז פּשוט אַ חידוש, וואָס כ'האָב זי ביז איצט דורכגעלאָזן. אין דעם איז שולדיק מאַגדאַלען סיבילע. איך בין דאָך אַ שוטה — צוליב אײנער פאַרלירן פון אויג אַלע אַנדערע. אָבער הײַנטיקע נאַכט װעל איך שוין דאָס אָניאָגן".

רעמכינגען האָט מיט זײַנע אָקסענע אויגן אופגעפרעסן די קאָמעדיאַנטין. ער האָט שוין אַפילו אײנמאָל פאַרבראַכט מיט איר, אָבער ער האָט איר ניט גוט אָפּגעצאָלט, וויל ער איז געווען אַ גרויסער קמצן, און זי האָט אים דערפאַר אויסגעמידן. „איכ'ל שוין מוזן אַרויסוואַרפן נאָך אַ פּאָר דוקאַטן", האָט ער געזיפצעט. „אָבער דער איד וועט מיר דאָס אומקערן. ער וועט מיך מוזן צונעמען פאַר אַ שותּף צו די נײַע שטיוול־ליוורונגען. אײגנטלעך איז דער פאַרשאָלטענער איד שולדיק אין אַלץ. ער האָט איבער־געפירט די ווײַבער, ער האָט זײ דאָס אויסגעלערנט צו פאַרלאַנ־גען אַזעלכע געלטער פאַר זאַכן, וואָס זײ גופא קאָסט דאָס גאָר־נישט".

אין דעם ווײַטסטן ווינקעלע פון זאַל איז געשטאַנען דער שוואַרצברוינער. ער איז געשטאַנען אויסגעצויגן און האָט געקוקט אריבער די פאַריקן, ער האָט זיך נאָך געהויבן אַף די שפּיץ פינגער, כדי נישט דורכצולאָזן. מיט זײַנע גרויסע חיהשע אויגן האָט ער פאַרשלונגען די דערשלאָגענע, פאַרלאָרענע, קאָמעדיאַנטקע. און ער האָט ניט געקאָנט אײַנהאַלטן זיך פון אַרויסצולאָזן אַ הײזעריקן, כאָרכלדיקן געשרײ, בעת ער האָט געהערט, ווי זי זאָגט: „מײַן זיסער האַר! מײַן גליק! מײַן הימל! קער זיך אום צו זיך אַליין! געפין זיך! איצט וועט דײַן חרטה נאָך זײַן אַ העלדישקייט, ניט קײן פאַרברעכן. הער מיך אויס! זע מײַן עלנט! פאַרקויף מיך ניט צו די מאַוורען!" די לעצטע פראַזע, האָט זי אַרויסגעזונגען מיט אַ דערשלאָגענער, שטילער, רירנדיקער שטים. רעמכינגען און אויך אַנדערע האָבן שטאַרק געוואָלט שפּירן אין

איר גערירטקייט עפּעס אַ שטיקל צוזאַמענהאַנג מיט זייער פּערזאָן; קיינער האָט ניט געקאָנט טראַכטן, אַז בעת זי האָט גערעדט, האָט די קאָמעדיאַנטין גאָר געהאַט אין זינען דעם אומגעלומפּערטן, שטרויבלאָנדן ראַט געץ.

איצט איז אַף דער סצענע אַרויסגעטראָטן זים. ער איז געווען דער פירשט פון די מאַורען, וואָס אים האָט דער שפּאַ־ניער, דער רשע, פאַרקויפט די נעאַפּאַליטאַנערין. „ס'איז קלאָר", האָט רעמבינגען געזאָגט צו זיין שכן, „אַז ווו נאָר עס איז פאַראַן עפּעס צו קויפן, איז שוין דער איד דאָ". אָבער זים האָט זיך אויפגעפירט זייער איידל און ריטערלעך, ניט געקוקט אַף דעם, וואָס ער האָט זיך ליידנשאַפטלעך פאַרליבט אין דער פרוי, וואָס ער האָט געקויפט ווי אַ שקלאַווין, האָט ער זי ניט אָנגערירט. ער האָט געזאָגט:

„איך האַלט ניט פון אזאַ מין ליבע, וואָס נעמט מיט כח,
ווען זי באַגערט.
זי דאַרף דערגרייכן אַליין מיט מילדקייט און מיט צאַרט־
קייט, אַ ניט האָט זי פאַר מיר ניט קיין שום ווערט".

און דערביי האָט ער באמת גלענצנד אויסגעזען אין זיינע ווייסע מאַורישע הוילעלעך, באַוועצט מיט פלאַנדרישע שפּיצן, און ער האָט אינגאַנצן געשימערירט מיט דער שפּעדיקער פּראַכט פון טייערע שטיינער.

דער שוואַרצבראָוינער האָט הנאה געהאַט, וואָס אַ מוסול־מענער פירט זיך אויף אַזוי לייטיש אַף דער בינע. דער הערצאָג האָט געלאַכט: „און געוויינטלעכן לעבן וואָלט זיך מיין איד ניט געלאָזט אַזוי לאַנג בעטן".

אָבער דאָס באַרטעלעמי פאַנקאָרבאַ, דער פּאָרטוגעזישער איידלשטיין־הענדלער און זים' קאָנקורענט, האָט זיך געטראַכט: „אָט שטייט ער דאָ און דעקלאַמירט און רירט אויף אַ וועלט מיט זיינע רייד וועגן דעם, וואָס ער איז אַליין גרייט אוועקצוגעבן פאַר דער פרוי. וואָלט איך געווען אַף איר אָרט, וואָלט איך פאַרלאַנגט דעם סאָליטער פון זיין פינגער. דעמאָלט וועט ער אָבער באַלד ניט ווערן". און ער האָט אויסגעצויגן זיין דאַרע האַלדז

מיטן בלאָ-רויטן, הויט-און-ביינערדיקן קאָפּ און זיינע אויגן פון די טיפע לעכער אַרויס האָבן מיט גרויס שערנעקייט געשלונגען דעם גלאַנץ פונם שטיין.

— - —

אין דער וועבעריי פון דער פירמע שערטלין אין אוראַך האָט געאַרבעט אַ געוויסער קאַספּאַר דיטערלע, אַ מאַן פון אַ יאָר פערציק. אַן אויפגעבלאָזענער פּנים, וואַסערדיקע אויגן, אַ רויטע באָרד, אַ צוגעקוועטשטער שאַרבן. ווען די וועבעריי איז אַריבער צו דער געזעלשאַפט פּאַאַ-אָפּענהיימער, האָט מען אים דאָרטן ווייטער איבערגעלאָזן פאַר אַ וועב-מייסטער. לפנים האָט ער זיך אויפגעפירט הינטיש-הכנעהדיק, אָבער בשתיקה האָט ער מיט די ערגסטע זילזולים געזידלט די אידישע חזירשע באַלעבאַטעשקייט. ער האָט אַליין זיך ניט געבונטעוועט, איז געווען אונטערטעניק ביז לעצט, אָבער ער האָט אַנדערע אויפגעהעצט צום בונט. דערצו נאָך איז ער געווען זייער אַכזריותדיק און גראָב צו אַלעמען, וועמען עס איז געשטאַנען נידעריקער פון אים. צום סוף, ווען מען האָט אויפגעדעקט זיין הנהגה, האָט מען אים משלח געווען.

גיין זוכן אַרבעט אין דער פרעמד האָט ער זיך ניט איינגעשטעלט. איז ער אַלץ נידעריקער און נידעריקער געפאַלן. ער האָט זיך ווי עס איז דורכגעלעבט דורך הויזירעריי און דורך שמוגלען פאַרבאָטענע, ניט אָפּגעשטעמפּלטע סחורות. איז עטלעכע מאָל געזעסן אין תּפיסה, איינמאָל שוין געקאַטעוועט געוואָרן.

ער האָט געהאַט ביי זיך אַ קליינע יתומה, אַ געשוועסטערקינד, וואָס האָט אין איין געשפּאַן מיט אַן אַלטן הונט, געשלעפּט זיין הויזירער-וועגל און איז אים באַהילפיק געווען ביים פאַרקויף; זי איז געווען פופצען יאָר אַלט, פאַרברודיקט, קליין, גראָב, שרעקעוודיק און חוצפהדיק צוגלייך, לאָקערדיק, פאַרעקשנט, גנביש, דערביי אויך קאָקעטיש אַף אַ פּרימיטיוון אופן. ער האָט די מיידל זייער שלעכט געהאַלטן, האָט זי אומרחמנותדיק געשלאָגן, אַזוי אַז אָפטמאָל איז זי געבליבן ליגן צעבלוטיקט און צעמזיקט. אָבער ווען פּאָליציי האָט זיך אַריינגעמישט, געוועלט אָפּנעמען פון אים די מיידל, האָט זי זיך געריסן צו אים, געלייקנט, אַז ער זאָל זיך האָבן

שלעכט באַגאַנגען מיט איר, האָט זיך ניט געלאָזט אָפּשיידן פון אים. אזוי איז דאָס געקומען, אַז דיטערלע האָט געהאַלטן ביי זיך אָט די פאַרוואָרלאָזטע, ברודיקע, קליינע באַשעפעניש במקום אַ ווייב. זי איז געווען צוגעבונדן צו אים, זי האָט אים געליבט אַף אַ משונהדיקן אופן, זיין גראָבקייט און זיין פאַרקאָלטענעטע רויטע באָרד זיינען פאַר איר געווען סימנים פון מאַנסבילשער גבורה. זי האָט אים געליבט אַלעמאָל, דעמאָלט ווען ער האָט זי געשלאָגן און דעמאָלט ווען ער איז צערטלעך געווען צו איר. בהדרגה איז דאָס געוואָרן אַזוי, אַז ער האָט אָן איר זיך ניט געקאָנט באַגיין. ער האָט זיך שוין נאָר באַגנוגנט דערמיט, וואָס ער האָט געוואַלדעוועט אַף די ירידים און געמאַכט סקאַנדאַלן מיט זיינע קונים, האָט געשיכורט, און די דאגה פאַר זייער ביידנס חיונה האָט זיך צום סוף געלייגט נאָר אַף אירע פּלייצעס.

אַז זי האָט דערזען, ווי נויטווענדיק זי איז אים, און אַז זי האָט דערשפּירט איר מאַכט איבער אים, האָט זי אים אָנגעהויבן ווייזן אירע נעגל, חוזק צו מאַכן פון אים, און מער פון אַלץ האָט זי הנאה געהאַט אָפּצוטאָן אים שפּיצלעך בעת ער איז געווען שיכור. אַלץ אָפטער פלעגט טרעפן, אַז ער האָט זי געשלאָגן געהרגעט, ביז זי איז געבליבן ליגן אָן זינען. אַ פּאָר מאָל איז זי שוין געווען אַנטלאָפן, אָבער זי איז צו אים שטענדיק צוריקגעקומען, ווייל סוף-כל-סוף איז ער דאָך געווען דער איינציקער מענטש, וואָס איבער אים האָט זי פאַרמאָגט אַ געוויסע מאַכט און וואס איז אפהייִנגיק געווען פון איר. אזוי ארום האט זיך דאס מערקווירדיקע פּארל ארומגעשלעפּט איבער די לאַנדשע שליאכן, האט געגנבעט, הוויזירט, זיך ווי עס איז דורכגעמאַטערט דורכן לעבן. קאַספּאַר דיטערלע האט בעסער פון אַלעמען אין לאַנד פאַרשטאַנען די מלאכה פון שיטן מיט די ברודיקסטע קללות. דאס האט זייער שטאַרק אימפּאנירט דער מיידל און איז אין אירע אויגן באַשטראַלט געווען מיט אַ באַזונדערן חן פון מאַנסבילקייט און גבורה. באַזונדערס שיין איז ער געווען, בעת ער פלעגט שילטן און זידלען אידן. פון אונטער די רויטע וואנסן זיינע האבן זיך דעמאלט געגאסן גאנצע שטראמען גיפט

און שמוץ, דער אַש=גרויער פּנים איז געווען אנגעשוואלן ארום די וואסערדיקע אויגן, און די מיידל האט מיט באַגייסטערונג זיך צוגעהערט צו זיינע זלזולים. טיילמאל, ווען ער איז געווען אין אַ גוטער שטימונג, און האט געוואלט דער קליינער מיט עפּעס אנטאן אַ פאַרגעניגן, פלעגט ער נאכמאַכן אַ אידן, האט זיך איינגעהויקערט, נאכגעקרימט זיין שפּראַך, האט זיך אויך געפּרווט, צו דער גרויסער שמחה פון מיידל, ארומדרייען זיינע וואנסעס אַרום די אויערן, זיי זאלן אויסזען, ווי פּאות. אבער אן אמתער יום=טוב איז געווען יענעם טאג, ווען ער האט ערגעץ אַף אַ מאַרק זיך צונויפגעטראָפן מיט אידן. אין די הערצאגלעכע נחלאות האט די פּאליציי אונטער דער השפעה פון זיס, אויב אפילו קענן איר ווילן, זיך אנגענומען די קריוודע פון אידן. אבער דערפאר אין די פרייע שטעט האט ער געקאנט איזדעקעווען איבער אידן און אפּשפּילן איבער זיי אַלע נאַרישע שפּיצלעך, וואס זיין ארימער מוח איז געווען ביכולת אויסצוקלערן.

איצט האבן זיי געליגט גרויסע האפענונגען אַף דעם פּאַסחאַ=יריד אין עסלינגען. אבער אַהין איז שוין געווען געקומען אַ איד, יחזקאל זעליגמאַן, פריערדיקער שוץ=איד פון דער גרעפין גרעוועניץ, וואס איז אויך איצט געבליבן זיצן ניט געשטערט אין פריידנטאַל, איינער פון דער גרעפינס געוועזענע נחלאות. ער האט געהאַנדלט מיט אויסארבעטונגען פון די מאַנופאַקטורן זיס=פאַ, און אזוי ווי ער האט געהאַט א פיל רייכערן אויסקלייב, האט ער אומרחמנותדיק קאנקורירט מיטן פרימיטיוון ארעמען קרעמל פון קאספּאר דיטערלע. יחזקאל זעליגמאַן פריידנטאַל איז געווען אַ באַיאָרנטער, מאָגערער, קרומער און מיאוסער מענטש. קאספּאר דיטערלע האָט געפונען אָן א צאל סיבות אַף אפּצוחוזקן פון אים, ער האט איינגעשמירט דאס ביינקל פון זיין קראָם אין חזיר=פעטס, ער האט אַף אים אופגערייצט די קינדער, ער האט אים געלאזן שפּרינגען און שרייען „העפּ — העפּ!“ און דער עולם האט זיך געקאטשעט לאכנדיק. דער איד האט אלץ פארשוויגן. ער האט אויסגעזען דאַר און אפּגעמאַטערט, און אז ער האט צום סוף שוין געקאנט אפּכאַפּן דעם אטעם אליין צווישן זיינע

סחורות, האט זיך א קרומער שמייכל באַוויזן אַף זיינע ליפּן. דער עולם האט אפילו הנאה געהאט פון קאַספּאר דיטערלעס וויצן און האט צוזאַמען מיט אים געשפּעט איבערן אידן, נאר קויפן פונדעסטוועגן האָט מען געקויפט ביים איד, ווייל, ניט געקוקט אַף די באַזונדערע אָפּצאָלן, זיינען זיינע סחורות דאָך ביליקער און פאַרשיידנאַרטיקער געווען, ווי יענעמס נעבעכדיקע ביסל קראַם. קאַספּאר דיטערלע האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ טעמפּן ווילדן צארן אַף יחזקאל זעליגמאַן, ער האָט באַשלאָסן, ביינאַכט אים אָנצושלאָגן מכות־רצח און אים צוטרעטן מיט די פיס. האָט ער אָבער ניט פאַרמאָגט גענוג געלט אַף צו באַצאָלן פאַרן נאַכטלעגער אין דעם אידישן יריד־האַרבעריק, ווו זיין שונא האָט זיך געפונען, און איידער מען האָט פאַרמאַכט די טויערן, האָט ער פאַרלאָזן די שטאָט.

דאָס פּאָרל האָט איבערגענעכטיקט אין אַ שיטערן וועלדל.ביידע זיינען זיי געווען פאַרביטערט און אין דער גרימצאָרנ־דיקסטער שטימונג. ערצו נאָך האָט אָנגעהויבן גיסן אַ רעגן, זיי זיינען דערפראָרן געוואָרן און זיינען געווען הונגעריק. ער האָט דער מיידל געהאַט צוגעזאָגט, אַפן עסלינגער יריד איר אַ קרעלנ־שנור צו קויפן און דעם גראָשנדיקן פדיון, וואָס זיי האָבן געהאַט, האָט זי טאַקע אָפּגעלייגט אף דעם. אָבער ער האָט אָפּגענומען פון איר דאָס געלט און געקויפט דערפאַר בראַנפן. איצט האָט זי געפאָדערט איין זאַך: ער זאָל איר לכל־הפחות לאָזן טרינקען פון דעם בראַנפן. ער האָט זי אָבער געזידלט, האָט געשריען, אַז זי, די פּאַסקודנע זונה, איז שולדיק אין דעם, וואָס זיי האָבן ניט געלייזט מער. זי האָט אים געענטפערט מיט זלזולים, אַז זי וועט אים מסרן, וואָס ער האָט זי געשענדט, אַחוץ דעם האָט ער אויך געראַוּבט און געגנבעט, און אַז פאַר אַלע זיינע מעשים וועט ער בלי־ספק אופגעהאַנגען ווערן. ער איז איר אַרופגעפאַלן שלאָגן, זי האָט אַלץ ניט אופגעהערט שרייען און זידלען, דער הונט האָט געבילט, ער האָט זי געשלאָגן אַלץ שטאַרקער, זי האָט אים גע־כאַפּט ביים, אַז זי האָט זיך אַלץ ווילדער איינגעביסן אין אים

און אים ניט אָפּגעלאָזן, ניט געקוקט אַף אַלע קלעפּ, האָט ער מיטן גאַנצן כּח איר אַ זעץ געטאָן מיט דער בראַנפן־פלאַש איבערן שטערן. זי איז אַנידערגעפאַלן, זיך דערלאַנגט אַ צאַפּל, געבליבן ליגן. דאָס איז ניט צום ערשטן מאָל געשען, און ער האָט זי אַזוי געלאָזן ליגן און באַפרידיקט אָפּגעשאָפּעט. האָט גענומען אויסלעקן די לעצטע טראָפּנס פון דער צעשפּליטערטער פלאַש. דערנאָך האָט ער זיך איינגעוויקלט אין אַ שמאַטע און איז איינגעשלאָפן, ווי אַ קלאָץ, כראָפּענדיק איבערן גאַנצן וואַלד.

אָבער דער רעגן האָט אים דורכגענעצט און אים אויפגעוועקט. ער האָט געבורטשעט, זי זאָל זיך צו אים צורוקן, זאָל אים געבן אַן אַנדער קאָלדרע, זאָל אים איינוואַרימען. זי האָט ניט געענטפערט, און ער האָט זי גענומען שילטן, שטופּן. אַזוי ווי זי האָט זיך נאָך אַלץ ניט גערירט, האָט ער זיך אויפגעהויבן, אַ דורכגעפראָרענער, אַ דורכגעווייקטער, האָט זי גענומען טרעטן מיט די פיס. האָט צום סוף, וואָרטשנדיק, זיפצנדיק, נאָך אַסך ניט איינגעגעבענע פּרוון, אָנגעצונדן דעם בלינדן צעבייַלטן לאַמטערן. זי האָט פון אויבן ביז אונטן באַלויכטן די אומבאַוועגלעכע מיידל. זי איז געלעגן, דער געבּיס אַראָפּגעלאָזט, די אויגן ברייט אויפגעריסן, נאַס, שטייף.

ער איז אַ לאַנגע צייט געשטאַנען אונטערן רעגן אין דעם שיטערן וועלדל, דורכגעפראָרן, לעקישעוואַטע, איינער אַליין מיט דער טויטער און מיטן סקאַווטשענדיקן הונט. דער ווינט האָט דעם לאַמטערן תּיכּף פאַרלאָשן, ס'איז געווען חושכדיק און קאַלט. פון דעם בוים וואָס אָן אים האָט ער זיך אָנגעשפאַרט, האָט אַף אים אַראָפּגעטריפט, די טראָפּנס זיינען אים אַראָפּגעלאָפן איבערן אָרעמען פלאַטשיקן שאַרבן אין דעם קאָלנער אַריין, פון זיין רויטער, פאַרקאָלטנטער באָרד זיינען אויך גלייכמאָסיק געפאַלן טראָפּנס. אַזוי איז ער אַ צייט געשטאַנען און האָט בשום אופן ניט געקאָנט תּופס זיין, ווי אַזוי, און פאַרוואָס זי, באַבעט, דער איינציקער נפש, וואָס איז אים אין זיין לעבן אָנגעגאַנגען, איז איצט געלעגן טויט. נאָכדעם איז ער אויסגעבראָכן אין אַ דערווידערדיקן און דערשראָקענעם געיאָמער, דער הונט איז אויך צוגעשטאַנען; ער האָט אויפגעהויבן

דעם פּוס, כּדי אים אַ בּריקע צו טאָן, אָבער ער האָט אים צוריק אַראָפּגעלאָזן.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזן אַף די קני פאַר דער טויטער; האָט מיט גרויס מי אַראָפּגענומען די קליידער פון דעם שטײפן, מיאוסן, בּרודיקן לײַב, האָט מיט טעמפּער, פּאַמעלעכדיקער פּאַרעסקטקייט גענומען מאַכן איינשניטן איבּער דער גאַנצער הויט. ער האָט דאָס געטאָן מיט די שערבּלעך פון דער בּראַנפנפלאַש. דערנאָך האָט ער אַרופגעלאָדן דעם נאַקעטן, צעקאַלטשעטן קערפּער אַפן וועגל, האָט פון אויבן אַרופגעפּאַקט קאָלדרעס און בּלערליי קלייניקייטן און צוזאמען מיטן הונט האָט ער גענומען ציען דאָס וועגל צוריק צו דער שטאָט. אַהין איז ער אָנגעקומען פּאַרטאָג, ווען מען האָט געעפנט דעם טויער. דעם טויער־וועכטער האָט ער געזאָגט, אַז ער האָט אַן עסק צו פאַרענדיקן מיטן איד זעליגמאַן. האָט מען אים אַרײַנגעלאָזן.

האָט ער צוגעפירט זײַן וועגל צו דעם האַרבּעריק, ווו דער איד האָט זיך אָפּגעשטעלט. אין הויף פון דער אכסניה האָט ער אַוועקגעשטעלט זײַן וועגל, איז אַרײַן אין שײַנק, האָט פאַרקויפט אַלץ פון זיך און געשתיהט. דערבּײַ איז ער כּסדר אַרויסגעלאָפן אין הויף צו זײַן וועגל. און צולעצט, ווען קיינער האָט ניט געזען, אַחוץ די יונגע חזירימלעך, האָט ער אַרויסגעהייבּן פון וועגל דעם גוף און האָט אים פאַרשאָטן אין מיסטהויפן אַפן הויף. עס האָט נאָך אַלץ גערעגנט. נאָכדעם איז ער ווײַטער אַרײַן אין שײַנק. האָט געשיכּורט. שפּעטער האָט ער אַרויסגענומען דער מיידלס קליידער. האָט פּאַמעלעך און זיך פּלאָנטערנדיק גענומען דערציילן אַ מעשה. אַלע האָבּן דאָך געהערט, ווי נעכטן האָט ער און בּאַבּעט געטריבּן קאָטאָוועס מיט יחזקאל זעליגמאַן. אָבער ניט געקוקט אַף דעם, האָט דער איד צוגעזאָגט דער מיידל אַ שנור קרעלן. און דעריבּער האָט זי געוואָלט ניט אַנדערש זיך אומקערן צו אים. ער, קאַספּאַר, האָט זי אָפּגעהאַלטן, געשלאָגן, אָבער בּײַנאַכט — מסתּמא האָט איר דער איד עפּעס אײַנגעגעבּן — איז זי מיטאַמאָל פאַרשוואונדן. אַ מענטש מוז דאָך ווען עס איז שלאָפן אויך, דע־

מאָלט קאָן מען דאָך די אַנדערע ניט אפּהאַלטן. און איצט האָט ער צווישן דעם אידנס סחורה אין דרויסן געפונען אַ פּעקל קליידער, און דאָס זיינען די קליידער פון באַבעט. נו, איז כדאי די מיידל זאָל אַרומגיין הויל=נאַקעט, נאָר מיטן שנירל קרעלן אַפן האַלדז? יאָ, און איצט פּראַוועווען די אידן אויך זייער פּסח.

דאָס אַלץ האָט קאַספּאַר דיטערלע דערציילט, און בעת מעשה האָט ער פאַרטרונקען דאָס לעצטע, וואָס ער האָט פאַרמאָגט. ער האָט דאָס נאָך עטלעכע מאָל איבערדערציילט, און אַרום אים האָט זיך געזאַמלט קלייבן אַלץ אַ גרעסערער געזעמל צוהערערס. און אַלץ געשפּאַנטער האָבן זיי זיך צוגעהערט, און אַלץ פאַרחידושטער און דערשראָקענער האָבן זיי זיך איינגעגעסן מיט די אויגן אין דעם דערציילערס מויל, ווו פון אונטער די אויסגעביסענע רויטע וואָנסן, פון צווישן די פאַרפוילטע שוואַרצלעכע ציין, איז אין איינעם מיטן געשטאַנק פון בראָנפן קלאָגמוטעריש און הינטערפיסלדיק געקראָכן די שוידערלעכע געשיכטע.

און באַלד האָט מען אַפן מיסטהויפן געפונען דעם צעשניטענעם גוף, וואָס די חזירים האָבן שוין אים גענומען פרעסן. ווי אַף פלעדערמויז=פליגלען, און נאָך צוגעפוצט מיט אָן אַ צאָל פאַנטאַסטיש=גרויליקע פּרטים, זיינען די קלאַנגען וועגן דער מעשה=נורא צעפלויגן איבערן שטאָט. געזעמלען האָבן זיך אופגעקליבן, מען האָט געוואָרפן אַלע אַרבעטן אין שטוב און אין גאַס, די טויערן זיינען געשלאָסן געוואָרן, מ׳האָט צוזאַמענגערופן דעם ראַט. מ׳איר געהערט א גרויליקע געשיכטע? אַן אומשולדיק קריסטלעך קינד אַף אַ שרעקלעכן אופן פאַרפייניקט דורך אידן, אָפּגעצאַפּט פון דעם בלוט פאַר מצות, דעם צעקאַלעטשעטן גוף אַרויסגעוואָרפן פאַר חזירים. אַזוי ווייט האַלט עס שוין! וואָס אין דער פרייער מלוכה=שטאָט עסלינגען האָט געקאָנט געשען אַזאַ שוידערלעכע רציחה, דערצו האָבן נאָר דערפירט די אידישע פאַראַנדקעס פונם ווירטעמבערגישן הערצאָג, וואָס האָט אַזוי פיל בזיונות און אַזוי פיל חרפה ארופגעבראַכט אַף דער גאַנצער שוואַבישער מדינה.

טומלדיקע אופרעקונג אין דער גאַנצער שטאָט. פערציק יאָר שוין, נײַן, גאַנצע דרײַ און פערציק יאָר, האָט מען אין דער רוימישער מלוכה אַזוינס ניט געהערט און ניט אַריבערגעלעבט אַזאַ מין שרעקלעכן קרימינעלן פאַל. וועגן אַזעלכע זאַכן האָט מען שוין כמעט נאָר געוווּסט פון ביכער. אין דער געגנט האָט שוין זינט דעם ראַווענסבורגער קינדער־מאָרד אַזאַ מין פאַרברעכן ניט פּאַסירט. אָט זיי, די עלטער־פאָטערס, זײַנען טאַקע געווען אמתע חכמים, וואָס זיי האָבן פאַרטריבן די אידן פון דער גאַנצער עסלינגער סביבה! זינט שלמה פון הערינגען, דעם רופא, האָט מען שוין מער ניט צוגעלאָזן, אַז ווער עס איז פון זייער שבט זאָל מיט זײַן פאַסקודנעם אָטעם פאַרעפּושן די בכבודע לופט פון דער גוטער שטאָט. און בשעת דער קיסר האָט געמאָנט, מען זאָל אײַנצאָלן אין זײַן קאַסע דעם אידן־צינז, האָט מען מיט גרויס שטאָלץ און העלדישקייט אים געקאָנט ענטפערן, אַז שוין אין משך פון צוויי יאָר הונדערטער געפינט זיך אין די מויערן פון שטאָט קיין איין אידישער נפש ניט. איצט האָט דער הערצאָג, דער כופר, דער הורדוס, ווייטער אַרײַנגעלאָזן אין לאַנד די אויסוווּרפן, די פינצטערע רוצחים, וואָס זייער עובדא איז נאָר צו גנבענען אומשולדיקע קריסטלעכע קינדער און פון זיי בלוט אָפּצוצאַפּן. מאַמעס זײַנען מיט גרויס שרעק מתרה זייערע קינדער. מען דערציילט זיך אַלץ שוידערלעכע פּרטים. דאָס, וואָס הײַנט איז געשען מיטן פרעמדן קינד, קאָן מאָרגן געשען מיטן אייגענעם. און די עופעלעך זײַנען אַזוי אײַנגעשראָקן, אַז לאַנג־לאַנג וועלן זיי נאָך אַלץ אַנטלויפן פון יעדן פרעמדן, און זיי וועלן זען שרעקלעכע חלומות וועגן בלוט און חלפים און ווילד־פאַרגרײַזלטע בערד און פאות.

דער איד יחזקאל זעליגמאַן פרײַדנטאַל איז דערווײַל אַרומגעגאַנגען אין פאַרשטאָט וועגן זײַנע עסקים. מען האָט אים אַרעסטירט אין דער רגע, ווי ער האָט געהאַלטן בײַם אײַנמאָנען געלט בײַ איינעם פון זײַנע בעלי־חובות. ער האָט זיך ניט געקאָנט אויסמעלן, וועגן וואָס דאָ גייט, און ער האָט געהאַלטן אין איין טענען און כסדר שווערן זיך, אַז ער האָט נעכטן בשום אופן קיינעם ניט צוריקגעזידלט, ניט

קאַספּאַר דיטערלע און אויך ניט קיין אַנדערן, ער האָט בכלל נעבעכן זיין מויל ניט אויפגעמאַכט. ווייל דאָס איז געווען אַ באַליבּ־טער מיטל קעגן דעם אידישן קאָנקורענט: פריער האָט מען אים דורך ווערטער און מעשים אַזוי לאַנג געקרייצט, ביז ער האָט גע־מוזט עפּעס ענטפערן, און נאָכדעם האָט מען אים געלאָזט אריינ־זעצן אונטער דער באַשולדיקונג, אַז ער האָט מיט חוצפּהדיקע רייד באַליידיקט קריסטן און דעם קריסטלעכן גלויבן. אָבער ניט געקוקט אַף זעליגמאַנס שבועות, האָבן די פּאָליציי־כאַפּערס אים געשלאָגן איבערן מויל, אים שטאַרק געטרייסלט, געבונדן, און גאָס האָט דעם דאַרן ציטערדיקן איד מקבל פּנים געווען אַ גרויסער המון, ער האָט געזען הונדערטער געהייבענע אָרעמס, ברומענדיקע מיילער, בלאָטע און שטיינער זיינען אים געפלויגן אַנטקעגן, מען האָט אים דערלאַנגט אַ שלעפּ צו דער ערד, געטראַטן מיט די פיס און געשפּייט אַף אים, מען האָט געריסן בינטלעך האָר פון זיין קאָפּ און באָרד. ער האָט נאָך אַלץ געפּרווט מפיס זיין זיינע פּייניקער; און שווער פרייכנדיק אונטער די עינויים, אָפּלויפנדיק מיט סלינע און מיט בלוט פון די מוילווינקלען, האָט ער געהאַלטן אין איין שווערן, אַז ער האָט קיין שום זלזולים ניט אַרויסגעבראַכט, בכלל קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט. און ערשט פון די געשרייען פון איין פרוי, וואָס האָט אים כסדר געשטאָכן אין בויך מיט אַ שפּיזל, האָט ער מיטאַמאָל פאַרשטאַנען, אין וואָס מען באַשולדיקט אים, און איז געפאַלן אין חלשות. אָט אַזוי אַ געחלשטן האָט מען אים אין טורעם געבראַכט.

צווישן די שטאָט־יועצים האָט געהערשט אַ גרויסע, צאָרנ־דיקע און חוזקדיקע צופרידנקייט. אָט יענע, די הערצאָגלעכע, די אידלניקעס, זיינען שולדיק אין דעם שווידערלעכן פאַרברעכן. אַהאַ, ווי מען וועט זיי געבן צו פילן, אַז זיי זיינען די שולדיקע! סוף־כל־סוף האָט מען דאָך דערלעבט אַ געלעגנהייט אַנצוווייזן דעם הערצאָג און זיינע אידן דעם געהעריקן אָרט. האָט מען דען ניט שטענדיק מיט זיי פאַרדרייעניש און געשעפטן? האָט דען דער חוצפּהדיקער כופר ניט שטענדיק טענות, אַז די עסלינגער שליאַכן זיינען שלעכט, און אַז די עסלינגער בירגער פירן ניט

דורך דעם אָפּמאַך וועגן בויען די וועגן? נו, וואָס ט'איר איצט זאָגן, איר גרויסע האַרן? וואָס פאַר אַ באַטרעף האָט אַ גריבל אין שליאַך לגבי אַזאַ גרויליקן פאַרברעכן? אויך בנוגע דער רעגולירונג פון דער נעקאַר-פראַגע קאָן מען זיך מיט אים ניט צוזאַמענריידן. אפילו די הכנסות פון דעם עסלינגער שפּיטאָל האָט ער דאָך פאַרמשכונט! הײנט זײַן איד, דער רוצח-היער און דער אויסוואורף! ער מאַכט דאָך אַף טריט און שריט חוזק פון די עסלינגער און לײַגט שטײנער אין וועג זײער מסחר. אָבער וואַרט נאָר, איד! איצט וועט מען דיר פאַר אַלץ באַצאָלן! מען וועט דיר דאָס באַצאָלן איבער די קעפּ פון דײַן גאַנצער פינצטערער און פאַרשאָלטענער חבריא! אין שפּאַנישע שטיװל וועט מען אים אײַנשנורעװען, די בלוט פון אונטער די נעגל וועט מען אים אַרויסקוועטשן, מען וועט אים רײַסן די פלײש מיט גליענדיקע צוואַנגען, און די יעניקע פון די שטאָט-יועצים, וואָס ווינען בײַם מאַרקפּלאַץ, פרײען זיך שוין איצטער, בעת זײ שטעלן זיך פאָר, ווי לעבעדיק ס'וועט זײַן, בעת מען וועט דאָרטן דעם איד פאַרברענען, און זײ זאָגן שוין צו זײערע קרובים און גוטע פרײַנט ערטער בײַ זײערע פענצטער. אַ שאָד איז נאָר, וואָס מען וועט מוזן אויסקלײַבן פאַר אים ניט מער, ווי אײן אופן טויט-שטראָף. הלואי וואָלט מען אים געקאָנט אין דער זעלביקער צײַט הײַנגען און קעפּן, פערטלען און פאַרברענען!

דער עלטסטער צווישן די שטאָט-יועצים איז געווען קרימטאָף אַדאַם שערטלין, דער זעלביקער, וואָס האָט אַמאָל געגרינדעט די אוראַכער וועבערײַ, און וואָס האָט איצט, ווינענדיק אַף דער עלטער אין זײַן עסלינגער פּריוואַטן הויז, געמוזט צוזען, ווי זײַן אַרבעט גײט אונטער, זײַן פאַבריק פאַלט אַרײַן צום איד אין די הענט, זײַנע זין זײַנען געזונקען און אומגעקומען. ער איז שוין געווען אין די הויכע זיבעציקער, און דאָס, וואָס האָט איצט פּאַסירט, איז פאַר אים, פאַרן אַראָפּגײן אין קבר, געווען אַ ווילדע שמחה. ער האָט אַרויסגעריסן פון זײַן ברוסט האַרבע רײד וועגן דער אידישער טײוואָלנישקײט, האָט פאַרן ראַט אין די אויגן באַשפּײַגן מיט רײד דעם פּנים פון יענעם, וואָס איז דאָ, צום

באַדויערן, ניט געווען. הויך און גאַוהדיק האָט ער געטראָגן זיין גרייזן קאָפּ, מיט שטאַרקע טריט איז ער געגאַנגען דורך די גאַסן; מיט כּוח, אַזוי ווי ער וואָלט געשטאַכן אַ שונא, האָט ער געפּויקט מיטן שטעקן איבערן ברוק, פעסט איינקלאַמערנדיק זיין גאָלדענעם קנאַפּ אין דער אויסגעדאַרטער, אָבער ניט ציטערנ־דיקער האַנט.

קאַספּאַר דיטערלע איז דערוויל געזעסן אין שיינק. איצט האָט ער מער ניט נויטיק געהאַט, צו פאַרקויפן פון זיך חפצים, כּדי צו באַקומען בראַנפן. די גאַנצע צייט איז ארום אים געזעסן אַ גרויסע מחנה מענטשן, אים צעשראָקן און געשפּאַנט אריינגעקוקט אין מויל. פריער האָט מען אים געטריבן פון אַלע שוועלן, ווי אַ הולטאַי און אַן ארומשלעפער, איצט אָבער איז ער געווען אַ וויכטיקער מאַן און מען האָט אים באַטיילט מיט כּבודים פון אַלע זייטן. ער האָט דערציילט אַלץ נייע און נייע פּרטים. ער האָט שוין אַליין אָנגעהויבן גלויבן, אז די פאַסקודנע אידן האָבן אים בגנבה אָפּגעקוילעט זיין לעצטע הילף. ווי די וויכטיקסטע ראיה האָט ער געבראַכט דעם פאַקט, וואָס די מיידל איז געבאָרן גע־וואָרן אין דער ניטל־נאַכט, און אַלע האָבן פאַרגאַפט זיך איינגע־געסן אין זיינע לעפצן, בעת ער האָט דאָס ארויסגעבראַכט און האָט זיך דערביי פאַרטופט, ערגעץ אין די וייטקייטן פאַרוואָרפנדיק דעם פאַרגלאָצט־שכּורן בליק פון זיינע וואַסערדיקע אויגן. ווייל דאָס איז שוין געווען אַ דערוויזענע זאַך און איז אַפילו געשטאַ־נען אין די הייליקע ספרים, ווער עס ווערט געבאָרן אין דער ניטל־נאַכט, געפינט זיך אין אַ באַזונדער סכּנה אָפּגעקוילעט צו ווערן דורך די אידן.

מער פון אַלעמען האָבן די ווייבער מער רחמנות געהאַט אף דעם מענטשן. ער איז דאָך געווען פאַר זיי אַ סיבּה און אַ התראה, זיי זאָלן מיט זיבן אויגן אָפּהיטן זייערע אָרעמע קינדער־לעך. זיי האָבן אים געטיילט געבראָטנס און געבעקס, שינקען און קניידלעך. זיינע אופגעפּושטע באַקן האָבן באַקומען צוגיסלעך פאַרב, זיין רויט פאַרקאָלטנט בערדל איז געווען פאַרקאַמט און האָט מער ניט אויסגעזען אַזוי צעגריזשעט; נאָר זיינע דורכגע־

פוילטע, שוואַרצע ציין, זײנען געבליבן, און איינע אַן אלמנה פון אַ בעקער האָט זיך אפילו ערנסט אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק, התונה צו האָבן מיט אָט דעם עלנטן, פאַריתומטן מענטשן, וואָס די אידן האָבן אים אַזוי אומגליקלעך געמאַכט.

---

דער לייב־רופא דאָקטאָר וועדנעלין ברייער האָט באַקוקט דעם הערצאָג. דאָס איז געווען אַן אויסגעדאַרטער, לאַנגער מאַן, נכנע ביז גאָר, איינגעשראָקן און העפלעך, מיט ברייטע, מחילה־בעטנדיקע תנועות, מיט אַן אויסגעהוילטן, אָנגעשטריינגטן קול, וואָס איז אַרויסגעקומען פון די טיפענישן פון ברוסט. ער האָט בסדר דערשראָקן געשמייכלט, האָט אומצייליקע מאָל געזאָגט „פּאַרדאָן", געזוכט צו פאַרגלעטן זיינע אָנזאָגן דורך באַשיידענע, שעמעוודיקע, אומבאַהאָלפענע ווינצלעך. דער הערצאָג איז געווען אַ שווערער פּאַציענט, זיינעם אַ קאָלעגע, געאָרג בורקהאַרד זעגער האָט ער איינמאָל מיטן שייד פון שווערד צעמזיקט ביז האלב־טויט; מיט גרוים חשק האָט ער געוואָרפן די רפואות־פלעשלעך זיינע דאָקטוירים אין קאָפּ.

„נו, וואס איז?", האט דער הערצאָג אָנגעשריען אָפּן רופא. דער ד'אָקטאָר ווענדעלין ברייער האָט מיט עטלעכע פלאַטערדיקע באַוועגונגען זיך געזוכט וואָס ווייטער אָפּצורוקן פון קאָרל אלעקסאַנדער. „דאָס איז נאָר אַ לייכטע אנטצינדונג!", האָט ער אַרויסגעפּישטשעט מיט זיין אָנגעשטריינגטן קולכל און האט דער־ביי אַביסל געשטאַמלט. „גאָר אַ קליינינקע, אַ נישטיקע אָנטצינ־דונג". אָבער דער הערצאָג האָט פאַרכמורעט געשוויגן, און דער רופא האט געשווינד צוגעגעבן: „אייער דורכלויכט דאַרף מחמת דעם נישט זיין באַזאָרגט. אַזא מין אָנטצינדונג האָט קיין שום שייכות נישט צו דער ליבע־מגפה אָדער צו דער פראַנצויזישער קרענק. וויל אין דער צייט, וואָס די ליבע־מגפה באַשטייט פון אַ גיפט, וואס דער טייוול האָט אריינגעגאָסן אינם ווייבלעכן שוים, איז די מחלה פון אייער מאַיעסטעט נאָר אַ פאַרבייגייענדיקע. דאָס איז אין אַ געוויסער מאָס נישט מער, ווי א לייכטער שנופן פון אייער אלערהעכסטן השתנה־בלאָז. מיט גאָטס הילף וועט אייער

דורכלויכט דערפון פטור ווערן אין משך פון דריי חדשים. איך וועל זיך מיר נאך דערלויבן מיט גרויס הכנעה מיטצוטיילן, אז די זעלביקע נישטיקע מחלה איז זייער פארשפרייט צווישן אלע גרויסע קריסטלעכע קריגס=העלדן, אין די כראניקעס שטייט גע= שריבן, אז אויך די גרויסע גענעראלן פון אלטערטום, אלעק= סאנדער און יוליוס קיסר, האבן דערפון געליטן".

דער הערצאג האט פארכמורעט צוגעווונקען דעם רופא ער זאל גיין, און יענער איז אוועק מיט אן א צאל ברייטע, מחילה=בעטנדיקע באוועגונגען.

ווען דער רופא איז ארויס, האט קארל אלעקסאנדער א שנארך געטאן מיט דער נאז, און האט אין גרויס צארן מיטן מארשאל=שטעקן אין צווייען צעהאקט א קליינע פארצעלאינע פי= גור. אין די אינגערע יארן האט ער שוין צוויי מאל געהאט אט די מיאוסע קריינק. דעמאלט האט ער ניט געוווסט פון ווערמען. איצט אבער האט ער דאס געוווסט. די חזירטע, די פאסקודסטווע! אזוי שיין און געשמאק האט זי אויסגעזען פון דער בינע, אזוי פלינק זיינען ארומגעלאפן אירע אויגלעך, אזוי קלוג און אנגע= נעם האט זי גערעדט, ס'האט פשוט אנגעכאפט אן אפעטיט צו איר. א לייכטער ווינט, א שמעקעדיקער הויך, א פארפומע, און ביי זיך אין לייב האט זי זיך ארומגעטראגן מיט דעם טייוולאנישן גיפט און שמוץ. די פאסקודנע, פארשאלטענע זונה! אבער ער וועט זי לאזן קאטעווען בפרהסיא, וועט זי מיט ריטער ארויסיאגן פון לאנד.

שפעטער האט ער זיך באגנוגנט דערמיט, וואס ער האט זי געלאזט דורכפירן דורך גאנץ שטאט געשפאנט אין א מיטט= פורל, אזוי ווי מ'האט זיך נוהג געווען מיט יעדער פרוי, וואס מען האט זי געכאפט טרייבנדיק זנות. און די קליינע, פעטע נעאפאליטאנערין, אנגעטאן אין א גראבער העמד, האט זיך גע= שלעפט איבער אלע גאסן, איינגעשפאנט אין א שווערע פור מיט מיסט, אירע פלינקע אויגן האבן פארלארן און צעשראקן ארומגע= בלאנזשעט, און אף איר האלדז איז געהאנגען א צעטל מיט אן אויפשריפט „זונה", די בירגער האבן מיט באדויערן צוגע=

קנאַקט מיט די ציינער: דאָס האָט מען שוין פריער געקאָנט פאַרשטיין, און זיי האָבן זיך געטראַכט, אַז ביזן זויער=ווערן האָט אייגנטלעך דער ווין גאַנץ באַטעמט געמוזט זיין און ס'איז גאָרניט שלעכט געווען, זיך פון דעם אַ קריגל אַרויסצושעפּן. די ווייבער האָבן זי באַשפּיגן און באַוואָרפן מיט שמוץ. און אַזוי האַט מען זי, קראַנק און אָרעם, אַרויסגעיאָגט פון שטאָט.

אבער גענעראַל רעמכינגען און דער שוואַרץ=ברוינער האבן אויך געכאַפּט די זעלביקע קרענק, וואס דער הערצאָג.

רעמכינגען און קאַרל אַלעקסאַנדער זיינען געזעסן צוזאַמען און פאַרשאָלטן דעם געביין פון די ווייבער. דער הערצאָג איז צוגעשטאַנען צו זים מיט צאָרנדיקע טענות: ער האָט זי דאָך אויך געהאַט, בלי ספק איז ער געווען דער ערשטער, טאָ ווי אַזוי=זשע האָט ער זיך אַרויסגעדרייט? דער טייוול אַליין ווייס, מיט וואָס פאַר אַ שוואַרצע אידישע כישוף=קונצן!

אָבער דער שטרוי=בלאָנדער באַאַמטער געץ איז גאָר שטאַרק צעטומלט געוואָרן. ער איז געווען דער איינציקער, וואס האָט געוווסט דעם גאַנצן צוזאַמענהאַנג. ער האָט די קרענק באַקומען פון דער קעלנערין אין „בלאָען באָק“. ער, אין זיין גרויסער תמימות, האָט זיך פאַרליבט אין דער איטאַליענערין און, אַכטנדיק זי ווי די דאַמע פון זיין האַרץ, האָט ער זי אויך באַשאָנקען מיט דער חולאת.

ביי אַן אַנדער לאַגע וואָלט ער געהאַלטן פאַר זיין הייליקן חוב צו פאַרריכטן און צו פאַרגלעטן זיין שולד, אפשר אפילו חתונה האבן מיט דער איטאַליענערין. איצט אָבער, ווען עס איז אים פון די הויף=רכילות בהדרגה קלאָר געוואָרן, אַף וואָס פאַר אַן אופן דער הערצאָג האָט באַקומען זיין ליבע=לייד, און אַז ער, דער הכנעהדיקסטער און באַשיידנסטער אונטערטאַן, האָט דאָס מכבד געווען זיין הערשער מיט דער פאַסקודנער מתנה, איז פאַר אים די גאַנצע וועלט אונטערגעגאַנגען. אים האָט אינגאַנצן צעבראָכן דער געדאַנק, אַז ער, כמעט אַן אומשולדיקער, איז פאַרמישט געוואָרן אין דער גאַנצער חתונה. ער האָט צוערשט באַשלאָסן זיך צו דערשיסן. שפּעטער אָבער האָט ער דערלאַנגט אַ

טראַכט, אַז אייגנטלעך איז אין אַלץ שולדיק די נעאַפּאָליטאַנערין; זי האָט אים דאָס צוגעדינט, אַז ער זאָל שפּילן אַזאַ מיאוסע ראָלע אין לעבּן פון אַ גאָטגעזאַלבּטן מושל, און ער האָט זיך איינגאַנצן אויסגעטאָן פון שולד, האט די גאַנצע שולד אַרופגעוואָרפן אַף דער זינגערין, און צום סוף האָט ער מיט אַ צעוואָשעטער באַ-פרידיקונג זיך צוגעקוקט, ווי זי האָט געשלעפּט די פור מיט מיסט.

אָבער די נעאַפּאָליטאַנערין האָט טאַקע אַף אַן אמת ליבּ געהאַט אָט דעם אומבּאַהאָלפענעם שטרוי-בּלאָנדן יונגעמאַן. זי האט אים ניט אַרויסגעגעבּן, הגם זי וואָלט זיך אַף דעם אופן אפשר געקאָנט ראַטעווען. בּעת מען האָט זי אונטער זילזולים און מיט גרוים חרפּה געטריבּן איבּער די גאַסן, האָט זי נאָר וועגן אים געטראַכט. זי האָט בּאַוועגט מיט די ליפּן, דער עולם האָט גע-מיינט, אַז זי טוט תּפילה, אָבער זי האָט געשעפּטשעט אָן אַ טאָן און אָן אַ זין יענעם חרוז, וואָס זי האָט דעמאָלט געזונגען אַף דער בּינע:

»מיין האַר! מיין גליק! מיין הימל!
זע צו מיין שמאַרץ און פּיין,
פאַרקויף מיך ניט פאַר אַ שקלאַווין,
אין מאַורען-לאַנד אַריין!«

אין איר קאָפּ האָבּן זיך געפּלאָנטערט אַלע מעשהלעך וועגן דעם בּן-מלך, וואָס דערהויבּט די בּעטלערין צו ווערן זיין ווייבּ. אָט וועט ער תּיכּף אַרויסקומען, און אַלץ, וואָס דאָ שפּילט זיך אָפּ, איז ניט מער, ווי אַ בּייזער, דריקנדיקער חלום. ערשט ווען זי איז שוין אַרויסגעשיקט געוואָרן איבּערן גרענעץ, און ער האָט נאָך אַלץ ניט געלאָזט הערן וועגן זיך, איז זי בּאמת אַריינגעפאַלן אין יאוש.

ווי פון אונטער דער ערד האָבּן זיך גענומען אויסשפּרייטן קלאַנגען וועגן דעם הערצאָגס קריינק. אין די בּיבּל-קאָלעגיעס האָט מען זיך געשעפּטשעט, אַז גאָטס שטראָף לאָזט זיך שוין מערקן. און מען האָט דערבּיי דערמאָנט די מעשה מיט נבוכדנאצר, וואָס האָט קורץ פאַר זיין מיאוסן סוף געמוזט פרעסן גראָז, ווי אַ בּהמה. אָבער אין די הויף-קרייזן האָט די קאַוואַלערישע קריינק איינגע-

בראַכט דעם הערצאָג נאָר גרעסערן כבוד. דער טיבינגער הויפּפּאָעט האָט אַפילו ספּעציעל לכבוד דער געשעעניש אָנגעשריבן אַ פּאָעמע, ווו ס'איז געזאָגט געווען, אַז אָפּטמאָל פאַרלאָזט דער גבור דעם שלאַכט=פעלד פון דער ליבע מיט קליינע ווונדן, אָבער זיי ברענגען אים איין ניט ווייניקער כבוד, ווי די ווונדן אפן מלחמה=פעלד. אַמור, דער גאָט פון ליבע, שיסט אַן אַנדערש מאָל מיט פאַרסמטע פיילן.

די איטאַליענערין האָט ער פאַרגליכן מיט בלערליי חיותרעות, לינדוורעמס און פּיפּערנאָטערס, און האט געשריבן, אַז פון אַזאַ מין פרעמדע האָט מען אַלץ געקאָנט דערוואַרטן. צום סוף האָט ער פול בטחון אויסגערופן, אַז דער יעניקער, וואָס איז ביינגעקומען די טערקן און די פראַנצויזן, וועט אויך אָט די קלייניקייט בייקומען, און אַז דער שוואַבישער אַלעקסאַנדער וועט באַלד ווייטער ווערן דער שוואַבישער פּאַרים.

די הערצאָגין האָט איינגעזען אין איר מאַנס קראַנקווערן אַ רמז פון אויבן. אַף איר וועג איז נאָך אַלץ געשטאַנען דער יונגער לאָרד סאָפאָלק, מיט זיין רויטן, ניט=איבערגעשפּיצטן, אָבער אָן אַ גרענעץ פאַרליבטן פנים. אין זיין הויף און אין זיין משפחה האָט ער שוין, דורך זיין ניט קומען, פאַרלאָרן די גאַנצע חשיבות, ער האָט זי פאַרערט פאַרעקשנט, שטום און יאושדיק, ס'איז נאָר נאָך געווען אַ פראַגע פון טעג ווען ער וועט שוין מאַכן אַ סוף און דאָס, וואָס איר מאַן קאָן איצט צו איר ניט קומען, איז דאָך געווען טאַקע אַ וווּנק! און ס'איז געשען, אַז זי האָט מיט אַ הנאהדיקן און פון=אויבן=אַראָפּיקן שמייכל, זיך דערבאַרימט איבער דעם אָרעמען, געטרייען און פאַרביסענעם יונגעמאַן.

אָבער דער יונגער ענגלענדער איז ניט אַנדערש געווען אַ גרויסער שלימזל, און אַלע פורעניותן האָבן זיך אַף אים געשאָטן. בכלל איז קאַרל אַלעקסאַנדער ניט געווען קיין אייפערזיכטיקער, ער איז גאָר בכלל קיינמאָל ניט געקומען אַפן געדאַנק, אַז מען קאָן אים (אים!) אָפּנאַרן. אָבער איצט — אפשר האָט ער, מחמת זיין חולאַת, פאַרלאָרן דעם צוטרוי צו זיין ווייב,

אָדער אַנדערע האָבן אים אויפֿגעהעצט — איצט איז ער אומגעריכט אריינגעקומען אין דער הערצאָגינס חדרים; דער יונגער לאָרד האָט קוים אין אַן אויסזען, וואָס האָט גאָרנישט געפּאַסט פֿאַר זיין כּבֿוד, באַוויזן צו אַנטלויפֿן. דער הערצאָג האָט געמאַכט אַ ווילדן סקאַנדאַל, האָט צעהאַקט שפּיגלען און טייערע פּאַרפֿומען־פֿודעלעך, האָט מיטן שווערד צעריסן טייערע וועש, האָט אָנגערופֿן מאַריע אויגוסטע מיט די ערגסטע נעמען און האָט איר אַפֿילו געגעבן עטלעכע פּעטש אין איר שיינעם, קליינעם, עגדישאַרטיקן פּנימל אַריין, וואָס האָט געהאַט די פֿאַרב פֿון אַלטן, איידעלן מירמלשטיין. די הערצאָגין האָט וועגן דעם ווייַנענדיק אין גרויס אויפֿרעקונג דערציילט מאַגדאַלען סיבילע, זי האָט זיך אַפֿילו גאַנץ טעאַטראַליש געשוואָרן, אַז זי איז אומשולדיק, אָבער דורך איר אויפֿרעקונג האָט זיך באַלד דורכגעגנבֿעט אַ קליינינק הנאהדיק שמייכעלע. זי האָט קונציק גענומען נאָכמאַכן דעם הערצאָגס אויפֿגערעקטע תּנועות, האָט זיך אַמיוזירט פֿון די מערקווירדיקע און גראָבע זילזולים און זיי אַפֿילו געפּרווט איבערזעצן אין פֿראַנצויזיש און איטאַליעניש. צום סוף האָט זי מיט אַ געלעכטער געזאָגט, אַז גאַטס וועגן זיינען טאַקע נישט צו פֿאַרשטיין; וואָלטן צו איר קומען רעמכינגען אָדער ריאָל, איז זי זיכער, אַז ביים פֿירון־צוואַנציקסטן מאָל וואָלט מען זיי אויך נישט געכאַפּט ביי דער האַנט; אָבער אָט דער אָרעמער, אומגעלומפּערטער אינגל איז באַלד ביים ערשטן מאָל געכאַפּט געוואָרן.

אזוי ווי עס האָט זיך נישט געשיקט, אַז דער הערשער אַליין זאָל זיך שלאָגן מיטן לאָרד איז אַף רעמכינגען געפֿאַלן דער חובֿ, ער זאָל בכל אופֿן, צי דער ענגלענדער איז שולדיק אָדער נישט, זיך דועלירן מיט אים. דער גענעראַל האָט אָבער נישט ארויסגעוויזן קיין באַזונדערע איילעניש דאָס צו טאָן, און דער ענגלענדער האָט באַוויזן אַפּצופֿאָרן, און נישט בשתיקה, נאָר מיט אַסך הכנות און פֿאַראַדן. ער האָט שוין געהאַט פֿאַרלאָרן דעם גלויבן אין גאָט און אין דער וועלט און זיך צעשפּערט מיט זיך אַליין און מיט אַלע מענטשן. די קורצע פֿרייד האָט אים אינגאַנצן געהאַט צעדרייט זיין לעבן. ער האָט זיך מער קיין זאַך נישט געקאָנט דער־

מאָנען, דאָס איינציקע, וואס איז אים געבליבן אין זכרון, איז געווען א צעריסן זאָקנבענדל פון דער הערצאָגין, און צוליב דער בענדל האט גאָר איינגנטלעך ניט געלוינט זיך צו שטעלן אין ריזיקע זיין לעבן, זיין נאָמען און זיין מעמד אין דער היים.

קארל אלעקסאנדער האט געהאט אסך זייטיקע באווייזן, אָבער קיין איין בפירושע ראיה פון מאריע אויגוסטעס פעלשונג איז צווישן זיי ניט געווען. אין אַן אַנדער צייט וואָלט ער זיך מסתמא באַלד בארואיקט, אבער איצט, מחמת זיין קריינק, איז ער געווארן אַן איינגעגעסענער קריגעלניק. מאַריע אויגוסטע זיינען באַלד דערעסן געווארן די שטענדיקע חשדים און די השגחה. אין אָנהויב האט זי אַלץ אריבערגעטראגן, ווי א באלײדיקטע צנועה, אָבער שפעטער האט זי אנטקעגן אַלע גראָבקייטן פונם מאן אָנגעהויבן ארויסצווייזן אַן אופרייצנדיקע, בייסיקע איראָניע און רו־איקייט, און צום סוף האָט זי אים מתרה געווען, אַז זי וועט גאָר אוועקגיין צוריק צו איר פאטער. קאַרל אלעקסאנדער האָט אַף דעם אפגעענטפערט, אז אין יענעם טאָג וועט ער לאָזן קלינ־גען אין אלע גלאָקן, שיסן פון הארמאטן און ער וועט לאָזן טיילן אַלע זיינע אונטערטאנען ווײַן און געבראטנס.

דעם אַלטן עלעגאַנטן פירשט טורן און טאַקסים איז די מחלוקה ניט געפעלן געוואָרן. גוט, זיין טאָכטער האָט זיך אַריינ־געלאָזן מיט אַן ענגלישן פירשט. און פאַרוואָס טאָר מען זיך טאַקע ניט אביסל אַמוזירן מיט אַן ענגלענדער? אמת, זיי זיינען אומ־געשיקט אין געזעלשאַפט, זיי זיינען שטייף און הילצערן, אָבער לגבי די איטאליענער זיינען זיי ניט אָפגענוצט, געזונט און פאַרשטייען צו האַלטן אַ סוד. ווען ער וואָלט געווען אַ פרוי, וואָלט ער זיך אויך אויסגעזוכט אַן ענגלענדער. איבער אַזאַ מין זאַך איז גאָר ניט כדאי אופצוהויבן אַזא טומל און אופצורירן אַ וועלט. אָבער זיין איידים, הייליקייט, איז דאָך שוין אזא מענטש, ער איז אַ קריגס־הויפטמאן, ער איז געוויינט אַלץ צו טאָן מיט רעש און געפיל־דער. פון אַ סטראַטעג פאָדערט מען נצחונות, לחלוטין ניט קיין קינדער־צימער. מיט אַ זיפץ האָט ער דאָס געשריבן צו זיין

פּריינט, דעם פירשט=בּישאָף פון ווירצבּורג, אַ בּריוו מיט אַ בּקשה, ער זאָל זען גיכער צו מאַכן אַ סוף צו דעם סכסוך.

דעם קלוגן, דורכגעטריבּענעם, געפּאַקטן פירשט=בּישאָף איז די איינלאַדונג אַריינצומישן זיך אין דעם ענין געקומען ווי געוווּנשן. ער האָט ניט פאַרגעסן די שטעטנפעלזער געשיכטע, די מפּלה פון דער הייליקער קירך; האָט אים ניט אויפגעהערט צו פאַרדריסן, ער האָט געהאַלטן בּיי זיך דעם גראַף פוגער און האָט נאָר געוואַרט אַף אַ געלעגנהייט, צו זיין אין שטוטגאַרט און פּערזענלעך פונדאָסניי צו געווינען די ווירטעמבּערגער מדינה פאַר רוים. און אַזוי אַרום האָט דער בּישאָף זיך לאַנג ניט געלאָזט בּעטן און איז בּאַלד נאָכן בּאַקומען דעם בּריוו, צוזאַמען מיט זיינע יועצים פיכטעל און ראַאַבּ, אַריינגעפאָרן קיין שטוטגאַרט אין בּאַגלייטונג פון אַ גרויסער צאָל אויסגעפּוצטע, קאָמפאָרטאַבּלע עקיפּאַזשן און פון אַ גלענצנדער, פריילעכער סוויטע.

מיט אַ בּאַהאַלטענעם שמייכעלע האָט ער זיך נאָכגעפרעגט בּיים הערצאָג וועגן זיין קראַנקייט, האָט מיט פאַרגעניגן זיך דערוווּסט, אז ס'איז שוין אַזוי גוט, ווי אויסגעהיילט, און האָט געגעבּן אַ פריינטלעכע עצה, דערווייל נאָך אַלץ ניט צו בּאַנוצן טאָקאַיער=וויין און אנשטאָט דעם צו געבּרויכן דעם קאַווע=געטראַנק פון זיין יועץ פיכטל. האָט מיט ליבּשאַפט געגלעט דאָס קליינע, ווייסע, פליישיקע הענטל פון דער בּרוגזדיקער הערצאָגין, צום סוף האָט ער דאָס פאָרפאָלק דערבּראַכט אַזוי וויט, אַז זיי האָבּן אפילו מסכּים געווען, נאָכדעם, ווי דער הערצאָג וועט אינגאַנצן געזונט זיין, צו שיינקען אַ יורש דער מדינה און דער קירך.

דער פירשטבּישאָף האָט געוואָלט ניט אַנדערש, מען זאָל אים לאָזן אָנקוקן פון דער נאָענט דעם בּאַרימטן געהיימן פינאַנס=ראַט און הויז=איד. קאַרל אלעקסאַנדער האָט קיין חשק ניט געהאַט די בּקשה צו דערפילן. ער האָט מורא געהאַט, מען זאָל פון אים ניט אָפּריידן זיין אידן, וואָס אָן אים האָט ער ניט געקאָנט זיך בּאַגיין. אָבּער ער האָט דאָך בּאמת ניט געקאָנט אָפּזאָגן זיין פריינט אין דעם אומשולדיקן ווונטש. זים האָט זיך בּאַוויזן פאַרן

פּירשטבּישאָף, האָט מיט געניטער הכנעה אָן אַ מאָס אים גע־קושט דעם רינג, אַ שאָט געטאָן אַף אים געשיקטע קאָמפּלימענטן. אָבער דעם ווירצבורגער בּישאָף איז ניט אַזוי לייכט געווען צו כאַפּן אַף דער וועדטקע. זיי האָבּן זיך באַשמעקט איינער דעם אַנדערן, די בּיידע פוקסן, און האָבּן איינער דעם אַנדערן ניט געטרויט אַף אַ טריט. זיי האָבּן מונטער און היימלעך גע־שמועסט צווישן אַנאַנד און קיין איינער פון זיי איז דעם אַנדערן ניט געקומען אַנטקעגן.

ווען דער פירשט־בּישאָף האָט נאָך אַ ריי בּאַראַטונגען און אַ סך טרחה, פאַרלאָזן דעם הערצאָגטום, האָט ער שוין געמענט זיין צופרידן: ער האָט אַ סך דערגרייכט, האָט געלייגט אַ יסוד פאַר גרויסע אויפטועכצן. די שלאָס־קירך אין לודוויגסבורג איז איצט אָפּגע־געבּן געוואָרן פאַר קאַטוילישע גאָט־דינסטן, די קאַטוילישע גלחים בּיים הויף זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן, אין לאַנד זיינען איינגעלאַדן געוואָרן מאָנאַכן. קאַטוילישע פעלד־גייסטלעכע האָבּן שוין אָפּיציעל אָפּגעריכט מעסעס, האָבּן געטויפט קינדער. עס איז אויך אויס־געאַרבּעט געוואָרן אַ פאַרפלאָנטערטע יורידישע אויסטייטשונג פון דעם גלויבּנס־געזעץ אין לאַנד, וואָס לויט איר זיינען די פאַרלאַ־מענטאַרישע פרייהייטן צוניסט געוואָרן. צוגעגרייט איז געוואָרן די אויסגלייכונג פון דער קאַטוילישער רעליגיע מיט דער לוטע־רישער.

אין אַ געלויפיקן, עלעגאַנטן לאַטיין האָט דער געהיימראַט פיכטעל מיט פרומער שמחה אויסגעשריבּן רעמכינגענס בּרודער, דעם אוצר־פאַרוואַלטער פון פויפסטלעכן הויף אין רוים, וועגן אַלץ, וואָס ס'איז דערגרייכט געוואָרן בּעתן שטוטגאַרטער בּאַזוך. נאָכדעם איז געקומען צו רייד וועגן דער סיבּה, וואָס האָט געבּראַכט צו דער נסיעה, דער חולאת פון דעם הערצאָג, און ער האָט פאַרענדיקט: „פון דעם קאַנסטו אַרויסזען, געאַכפּערטער בּרודער, אַז די געטלעכע השגחה בּאַנוצט אָפט די מערקוויר־דיקסטע מיטלען, כּדי צו דערגרייכן איר צוועק, צו פאַרגרעסערן די מאַכט פון דער הייליקער קירך און צו פאַרשפּרייטן דעם איינציקן, אמתן גלויבּן".

זיס איז געזעסן אין איינע קלעמעניש. דער ענין וועגן זיין אדעלונג האָט זיך אלץ מער פארצויגן, גאָר אָן אַן ערך לייַנגער, ווי ער האָט דערוואַרט. דער קיסר איז שולדיק געווען גרויסע געלטער צו די ווינער אָפּענהיימערס. עמנואל אפענהיימער האָט געמאָנט, דער קיסר האָט ניט געקאָנט צאָלן. קיין חידוש, אַז די ווינער קאַנצעלאַריע האט זיך ניט אַזוי געאײלט מיטן שײנקען אַן אפּענהיימער דעם באַראָן־טיטל. אַחוץ דעם האָט נאָך געהעצט דער אגענט פון ווירטעמבערגער פּאַרלאַמענט. מאַדאַם דע־קאַסטראַ איז דערווייל געווען קאַלט, ווי אייז, און זיס האָט בשום אופן ניט געקאָנט ברײנגען די קלוגע אויסגערעכנטע פרוי דערצו, זי זאָל זיך באַשליסן.

אויך די פּלענער פונם ווירצבורגער פירשטבישאָף האָבן זיסן איבערגעפירט די שטימונג. ער האָט געמערקט, אַז דער בישאָף האט אים ניט געשאַנקען זיין צוטרוי, און אַז אים האָט מען ניט געוואָלט האָבן פאַר א שותף אין דעם געוואַלדיקן נייעם פּלאַן, וואָס האָט געדאַרפט ווערן דער יסוד פון דער שוואַבישער פּאָליטיק אין משך פון דעם קומענדיקן צענדליק יאָרן. מען האָט אים אפילו געוויזן עטלעכע פּראָיעקטן, זיצונגען זיינען אויך ביי אים אָפּגעהאַלטן געוואָרן, אָבער רעמכינגען האָט גראָב אָפּגע־שפּאָט פון אַלע זיינע פאַרשלאַגן, און ס'איז קלאָר געווען, אַז די קאַטוילישע האַרן האָבן אויסגעקליבן ווייסענזע פאַר זייער בעל־סוד. זיס האָט זיך אין די קירכלעכע ענינים אויך ניט געפילט אַזוי באַהבינט און פעסט, ווי שטענדיק, און זיין קלאָרער, זאַכלעכער מח האָט באַלד דערקענט, אַז הינטער די אַלע הייליקע פראַגן, וואָס וועגן זיי פּלפּולט מען זיך דאָ אַזוי היציק, ליגן זייער פּשוטע, רעאַלע אינטערעסן, ווי אָפּשאַפן די קאָנסטיטוציע און דעם פּאַרלאַמענט, די מיליטערישע זעלבסטהערשונג פונם הערצאָג; ער האָט ניט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס אפילו צווישן זיך מוזן פּאָליטיקער אָנקומען צו אַזעלכע וויטלויפיקע רמזים. זיינע מיטלען און וועגן זיינען געווען גראַדליניקער, גיכער און פּשוטער. אים האָבן זיך ניט געלייגט אויפן שכל די זיידענע, פאַמעלעכדיקע,

איינשלעפּעריקע מעטאָדעס פֿון די יעזואיטן. ער האָט מיט חידוש צוגעזען, ווי אַפֿילו אין דעם אייגנסטן, אייגענעם קרייז, מיידן זיי אויך אויס אַנצורופֿן זאַכן בײַ זייערע נעמען, מאַכן פֿרומע און מוסר-השׂכּלדיקע אומוועגן, און בעת ער אָדער רעמבּינגען רופֿן שאַרף און זאַכלעך אַן אַ זאַך מיט איר אמתן נאָמען, וואַרפֿן זיי מילדע און אומצופֿרידענע בּליקן אַרום זיך.

דער איד האָט זיך, הייסט עס, געפֿילט אַבּיסל צעטומלט, און ער האָט זיך גענויטיקט אין אַ זיכערן אָנהאַלט.

ער האָט אויסגעפּועלט בײַ קאַרל אַלעקסאַנדער, יענער זאָל אים בּאַפֿולמעכטיקן צו דערלאַנגען אין זיין נאָמען מאַגדאַלען סיבּילע אַ טייערע מתּנה. ער האָט מיט אַ טאָג פֿריער געלאָזט מעלדן זיין אָנקום, און געקומען איז ער מיט גרויס פּאַראַד, אין בּאַגלייטונג פֿון פּאַזשן און לויפֿערס. מאַגדאַלען סיבּילע וואָלט בּאַליידיקט דעם הערצאָג, ווען זי וואָלט ניט ווי געהעריק מקבּל פּנים געווען זיין שליח. זי האָט אים אופֿגענומען.

מאַגדאַלען סיבּילע האָט איצט געוווינט אין אַ שלאָס אונטערן שטאָט. פֿון די סטעליעס האָבּן גאָלדענע כּרובֿימלעך געלאָזט אַראָפּפֿלאַטערן פֿאַרבּיקע סטענגעס, אַף די טייערע גאַבּעלענס זיינען געריטן חשובֿע געיעג-קאָמפּאַניעס, וואונדערלעכע שפּיגלען האָבּן פֿאַרבּרייטערט און פֿאַרלענגערט די פּראַכטפֿולע חדרים, וואָס זיינען אָנגעשטעלט געווען מיט כּל-ערליי טייערע חפֿצים. צוויי קאַרעטעס, אַ שליטן, טראָגשטולן, רייט-פֿערד — אַלץ האָט געוואַרט אַף איר. אין פֿאָרצימער האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ פּאַווע פֿון גאָלד און זילבּער, מיט טייערע שטיינער בּאַזייט — דער סימבּאָל פֿון עשירות. לחלוטין איבּעריקע בּאַדינערס האָבּן ליידיקגייעריש-חשיבֿותדיק געגענעצט אין די קאָרידאָרן. קאַרל אַלעקסאַנדער האָט מיט אַ בּרייטער האַנט בּאַשאָנקען די דאַמע פֿון זיין האַרצן; דער קיניג פֿון פּוילן וואָלט אויך ניט געקאָנט אויסהאַלטן זיין געליבּטע מיט מער פּראַכט און גלאַנץ.

מאַגדאַלען סיבּילע האָט מיט אַן איינגעפֿאָרענער געלאַסנקייט זיך אַרומגעדרייט צווישן אָט דער גאַנצער פּראַכט. זי איז

אַרומגעפּאַרן, האָט אופגענומען געסט, האָט געלאַכט און געפירט לייכטע שמועסן, אָבער אַלץ שטייף, אונטער אַ מאַסקע. דער גאַנצער גלאַנץ האָט זיך ווי אַ טויטער נעפּל געוויקלט אַרום איר; דער גאַנצער שלאָס האָט געהאַט אַ פּנים, ווי אַן אהל, וווּ עס איז פאַרבאַהאַלטן אַ פּרעכטיק-אופגעפּוצטער קבר.

מיט אַ פאַרשטיינערטער העפלעכקייט האָט זי אופגענומען זיסן. אַ מעכטיקע קלייד פון וויאָלעט-ברוינעם בּראָקאַט, לאַנגע, שטרייענגע אַרבּל, אַ קליינער אויסשניט. די בּרוינלעכע בּאַקן און די בּלויע אויגן אין געצווונגענער גלאַסנקייט, די שוואַרצע האָר צערעמאָניעל פאַרבּאַהאַלטן אונטערן פּאַריק. זיס האָט קודם-כּל געפּרוווט בּייקומען איר קאַלטקייט דורך זיין מונטערער אופגע-לעבּטקייט און בּרייטער העפלעכקייט. זי האָט אָבער געענטפערט מיט קנאַפּע ווערטער, און מען איז בּכלל ניט געווען בּכח זי אַרויסצושאַקלען פון איר געפּאַנצערטער פּראַסטיקייט. ער האָט געפּרוווט אַנדערש צוגיין צו איר, האָט אַרויסגערופן זי אָפן אַנגריף און איר געדאַנקט מיט הויכע ווערטער, וואָס זי האָט זיך בּאַשלאָסן אים אופצונעמען. זי האָט געענטפערט, זי האָט דאָס געטאָן לויטן בּאַפעל פון זיין דורכלויכט. אַ ווײַלע געשוויגן, אָבער זי האָט זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן נאָך מוסיף צו זיין, אַז נאָכ-דעם ווי זי האָט זיך שוין אַזוי פיל געלאָזן טרעטן, מוז זי שוין דאָס אויך אננעמען פאַר גוט.

איצט האָט זיס געהאַט פאַרוואָס זיך אַנצוכאַפּן. זיך גע-לאָזן טרעטן! אננעמען פאַר גוט! געוויס, אַזאַ מין אומגליק — צו זיין די אויסדערוויילטע פונם הערצאָג פון ווירטעמבּערג! די טעכטער פון גאַנצן שוואַבּישן אַדל חלומען וועגן דעם. אַ פּראַכט-שלאָס, הונדערט לאַקייען, געציגן, בּעלער און מיט דעם אַלעמען צו קאָמאַנדעווען; יאָ, אַרימע פרייַלן, אַף איר איז טאַקע אַ גרויס רחמנות!

מאַגדאַלען סיבּילע האָט אַראָפּגענומען די מאַסקע. הייסט עס, ער וויל מלחמה, ער מיינט געוויס, אַז זי האָט שוין פאַר-געסן, זיך איינגעלעבּט, אַז ער קאָן ווייטער אָנהויבּן פון דעם פּונקט, וווּ ער האָט דעמאָלט איבּערגעלאָזן, איידער ער, דער

קליינקרעמערישער, טיוולשער איד, האט זי פארקויפט דעם הערצאג. זי האט זיך א שארפן הויב געטאן, האט געלאזט אראפפאלן אף דער פאדלאגע דאס קליינע, מאדישע אזיאטישע הינטעלע, קארל אלעקסאנדערס מתנה, אים אנגעקוקט מיט ברענעדיקע אויגן: ער זאל ניט מאכן קיין קונצן. ער וויים גאנץ גוט, וועגן וואס דא רעדט זיך, וואס ער האט איר אפגעטאן. „איר זייט שולדיק אין אליץ!” האט זי אויסגעשריען, און אירע ברוינלעכע, מענלעך-דרייסטע באקן האבן זיך פאררויטלט, און דער צארטער פוך אף זיי האט זיך גענומען באוועגן.

זים האט געזען, ווי עס הויבט זיך און לאזט זיך אראפ אין גרויס אופרעקונג איר פעסטע, גלאטע האלדז. אט דאס האט ער טאקע געוואלט. זי זאל זיך נאר ניט צו נידעריק שאצן, האט ער געזאגט מיט זיין בויגעוודיקער, צערטלענדיקער שטים. עס איז לחלוטין ניט נויטיק געווען זיין הילף דערביי, זי איז שוין אליין געפאלן דעם הערצאג אין אויג און זיך איינגעגעסן אין זיינע בלוטן. אבער אויב מ׳זאל אפילו דערלאזן, אז ער איז טאקע געווען די סיבה, און ער האט זי אנגעקוקט מיט א העזהדיקן שמייכעלע, נו, איז וואס פאר א בייז האט ער איר דען געטאן? זיי זיינען דאך ניט בדעה צו פירן א שמועס וועגן בירגערלעכער מאָראל, זיי דארפן דאך ריידן זאכלעך, ווי וועלטמענטשן. אין דער אמתן, ער וואלט וועלן וויסן, וואס פאר א צער האט ער איר דען אנגעטאן?

זי האט גענומען גיך עטעמען, האט געמאכט האסטיקערע באוועגונגען, איידער די צערעמאניעלע קלייד האט איר איינגטלעך דערלויבט, איר איינגעבארענע העפטיקייט האט זיך דורכגעבראכן א וועג. וואס ער האט איר געטאן? ער, דער בייזער איד און דער אנשטעל-מאכער! אליץ וואס זי רעדט און וואס זי טוט, האט ער געמאכט צו פאלשקייט און צו מאסקע! ער האט דערשטיקט אין איר גאנץ לעבעדיקן אטעם! „אויב די הייליקע ווערטער פון תנ״ך, האט זי געשריען, אויב די הייליקע ווערטער האבן שוין מער ניט קיין פארב און קיין זין פאר מיר, זייט איר

אין דעם שולדיק! איר האט זיי געמאכט בלאס און טויט! איר!”

אָבּער ס'איז ניט געווען דאָס, וואס זי האָט געוואָלט זאָגן. פאַרוואָס האָט זי אים געליובּט און אים ניט געוואָרפן אין פּנים דעם גאַנצן נאַקעטן אמת וועגן זיין האַנדל מיט געפילן און זיין גאַנצער עלנטער שפּלדיקייט? פאַרוואָס האָט זי דען געליובּט?

און ער האָט שוין אויך דערפילט דעם ניט=ערלעכן תמצית אין אירע ווערטער. זי זאל אַזוי ניט ריידן, האָט ער געזאָגט, זי זאל אַוי צו אים ניט ריידן. דאָס זיינען דאָך נאָר תירוצים, אַליין=אָפּנאַרעריי. די גאַנצע בּיבּל=קאַלעגיע פון הירזאָו און דער אָטעם פון גאָט און די זעאונגען און חלומות, דאָס אַלץ איז דאָך שמינק און מאַסקעס, צוגעפּאַסט פאַר צוקראַבּענע מענטשן אָן אָטעם און אָן לענדן און פאַר געבּריכטע און פאַר מיאוסע אַלטע מוידן. ער האָט זי שאַרף אָנגעקוקט מיט זיינע חוצפּהדיקע, דרינגענדיקע, אָפּשאַציקע אויגן. „ווער ס'איז געוואַקסן, אַזוי ווי איר”, האָט ער געזאָגט, „ווער עס האָט אייערע אויגן, פּריילן, און אייערע האָר, ווי איר זאָלט דאָס אויך זוכן צו באַהאַלטן, דער דאַרף קיין גאָט ניט האָבּן. זייט דאָך ערלעך! לייגט ניט פאַר זיך אַליין! די הוייליקע איז נאָר געווען אַ תירוץ, כּל=זמן איר האָט געוואַרט”.

זי האָט זיך אָפּגעווערט, האָט געשלאָגן צוריק. „איר זייט בּיכולת געווען אוועקצוגנבענען בּיי מיר וואס איך האָב געהאַט”, האָט זי געזאָגט, „אָבּער באַשמוצן דאָס אין מיינע אויגן וועט איר מיט אייער גאַנצער טייוולאָנישער קונסט ניט בּכח זיין. רעדט! רעדט אַלע אייערע נישטיקע פאַרשאָלטענע און העזהדיקע רייד. איר וועט מיר אָבּער מיין גאָט ניט מאַכן צו אַ חלום פון אַ משוגענער בּעל=תּענהניצע”. זי האָט זיך ווייטער אַריינגעלעבּט אין די באַנומענע שעהן איבּער סוועדנבּאַרגס ספרים, אין דער תמימותדיק=פרומער שיין פון דער בּרידער=עדה, די פּנימער פון אַמאָל האָבּן פונדאָסניי פאַרבּ באַקומען, זי האָט זיך אַריינגעוויקלט אין דעם פרומען טשאַד פון דער בּלינדער הייליקער, זי האָט געצווונגען דעם עבר, ווייטער אַהער צוקומען, אַף אַ מינוט איז זי ווייטער געוואָרן, ווי אַמאָל, פּשוט און אָן ספיקות, איר גאָט האָט

אופגעלעבט. „אויב ער פארשטייט מיך אפילו״, האָט זי אויסגערופן, און דער איד איז פארחידושט געווען פון דעם פרומען אופבלי פון איר שטים, „גאט לעבט דאָך!״ און נאך אמאָל האָט זי אויסגערופן: „גאט לעבט!״, און ער איז פאר איר טאקע אינדעראמתן לעבעדיק געווארן.

אבער ניט מער, ווי אף איין רגע. זיס האט געשוויגן, האט איינגעזאפט אין זיך איר ברען און איר גלי. דערנאך האט ער דאס אלץ אפגעווישט מיט איין מאַך פון דער האנט. „אויב אזוי״, האָט ער א זאג געטאן כל אחר יד, טאָ פאַרוואס זייט איר אנטלאפן פון מיר דעמאלט, אין וואַלד פון הירזאו? און פאַרוואס האט אייך אייער גאט ניט געהאלפן קעגן דעם הערצאג? איך בין ניט פון די שטארק־גלויביקע; אָבער אין דעם גלויב איך, אז מען קאָן ניט באַוועלטיקן קיין פרוי, וואס איז אנגעפילט מיט גאט. ווען בעאַטאַ שטורמין וואלט געווען א שיינע, וואלט קיין בן־אדם צו איר קיין צוטריט ניט געהאט, ניט קיין גענעראַל און ניט קיין הערצאג. ווען זי וואלט אבער געווען שיין״, האט ער געגעלאכט, „וואלט זי גאט ניט געהאט״. און אין דער צייט, וואס איר פנים איז פארלאשן געווארן און אין דער צייט, ווען זי האט פארשטיינערט נאכגעקוקט איר אוועקלייפנדיקן גאט, איז ער נעענטער צו צו איר, און איצט האט ער איר געזאגט דאס, פארוואָס זי האט מער פון אלץ געציטערט, אבער ער האט דאס געזאגט ניט מיט נצחון. ער האט דאס געזאגט גוטמוטיק, מיט זיין צערטלעכסטער שטים: „איך וויל אייך עפעס זאגן, מאגדאלען סיביליע. איך וויל אייך אויסזאגן פארוואס איר זייט דעמאלט אין וואלד אנטלאפן פון מיר, ווייל איר האט מיך געליבט. און אלץ, וואס איר האט זינט דעמאלט געטאן און געפילט, שנאה און יאוש און פראָטעסט און פארשטיינערטקייט און קלאָג, דאס אַלץ האט איר געטאן און אריבערגעלעבט נאר דערפאר. און נאך עפעס וויל איך אייך זאגן: זינט דעמאלט איז פאר מיר ניט אריבער א טאָג, איך זאל ניט זען און ניט שפירן אייער פנים״.

מאַגדאַלען סיביליע איז זיכער געווען, אז ווי נאר ער וועט אויסריידן פאר איר דאָס ווארט, וועט זי אומקומען. אט האט ער

זי אויסגעטאָן נאַקעט און האָט אָנגערופן מיט זייער אמתן, נישטיקן און לעכערלעכן נאָמען אַלע אירע דערהויבענע געפילן, איר הייליקן ברען אַריבערצוציען דעם שטן אַף גאָטס צד. ס׳איז דאָך אַלץ אַזוי פּשוט געווען, און מ׳האָט אַזוי לייכט געקאָנט געפינען פאַר דעם א פּשוטע און נאַרישע דערקלערונג: זי איז געווען א קליינע, נאַרישע, שוואַבישע דאָרפס=מיידל, וואָס האָט זיך אין דער ערשטער רגע פאַרכליאַבעט אין א קאַוואַליר, וואָס זי האָט דערזען און איר באַגייסטערטקייט און איר ליבע צו גאָט איז געווען ניט מער ווי פּשוטע תאווה, אָבער מאָדנע, זי איז לחלוטין ניט אומגעקומען, בעת ער האָט איר די ווערטער געזאָגט. זי האָט נאָר באַקומען כח, זי האָט זיך אָוועקגעשטעלט אים אַנטקעגן, און מיטאַמאָל האָט זי גענומען ריידן, און מיט גראַדע, ניט=געקינצלטע און צאָרנדיקע ווערטער האָט זי אים געזאָגט: יאָ, זי האָט אפשר טאַקע אָנגעטאָן איר געפיל אין אַנדערע קליידער און אים מאַסקירט, אָבער ער האָט געטאָן די געמיינסטע, די שענדלעכסטע, די אידיש=עקלדיקסטע זאַך, ער האָט פאַרהאַנדלט זיין געפיל!

ער האָט פון אירע ווערטער נאָר אַרויסגעלעקט די האָניק, און מיט געזעטיקטן שטאָלץ האָט ער זיך צוגעקוקט, ווי ער האָט זי אינגאַנצן אויסגעפילט. און ער האָט זי פונדאַסניי געוואָלט מאַכן גלויביק, כדי ער זאָל מיט נאָך מער גלאַנץ קאָנען פאַראַדירן פאַר איר. מיט געניטן סאָפיזם האָט ער פאַר איר פאַרשפרייט דעם אַרגומענט, וואָס האָט זי אינגאַנצן געדאַרפט דערשלאָגן, איר איבערגעבן אין זיינע הענט אַריין. חניפהדיק און געשיקט האָט ער אים אויסגעשפרייט פאַר איר: ווי אומגערעכט זי איז אַנטקעגן אים! געוויס וויים ער, אַז דעמאָלט וואָלט אים ייער לייכט געפאַלן אַריינצובאַקומען איר געפיל אין זיינע הענט, אַזוי אַז זי וואָלט זיך אים מיטן גוטן ווילן איבערגעבן. אָבער ער האָלט ניט פון קיין ביליקע מיטלען. פאַר אים איז צו וואָלוול געווען מאַכן א רושם אַף דער שוואַבישער לאַנדשער מיידל מיט זיין מאַכט און גלאַנץ. און דאָס, וואָס דער הערצאָג האָט זי געוואָלט באַקומען, איז פאַר אים געווען ווי א רמז. איצט האָט זי

שוין פֿאַרזוכט דעם טעם פֿון מאַכט, איצט שטייען זיי גלייך פּנים אל פּנים און ער קעמפֿט מיט ערלעכע וואָפֿן. און ער האָט זיך געפֿרייט, ווי פֿיין, און ווי געשיקט ער האָט פֿאַרדרייט דעם גאַנצן ענין פֿאַר זיין טובה וועגן.

מאַגדאַלען סיבילע האָט געוווסט, אַז דאָס אַלץ זיינען נאָר מליצות, גאַלאַנטע אויסריידן, אָבער זיינע ווערטער זיינען פֿאַר איר געווען, ווי בוימל. זי האָט אַזוי לאַנג געקעמפֿט, און איצט האָט זי מיט גרויס חינוך און חשק זיך געלאָזט אָפּנאַרן. דערווייל האָט ער זיך אַלץ מער פֿאַרשיכּורט פֿון זיינע אייגענע רייד, האָט זיך אַלץ מער היץ אונטערגעגעבן. ער האָט ניט באַמערקט אָדער ער האָט ניט געוואָלט מערקן, דעם חילוק צווישן דער גלייכער, נאַטירלעכער, פּשוטער לאַנדשער מיידל און דעם הויפֿישן, צערעמאָניאַלן און געצאַצקעטן פּוץ אירן, ער האָט ניט געזען, אַז מיטן פּאַריק, וואָס אונטער אים זיינען באַהאַלטן געווען אירע טונקעלע האָר, איז אַפּגענומען געוואָרן עפּעס פֿון איר עצם מהות, אַז דער ברוין-וויאָלעטער בראָקאַט אויף איר האָט איינגעצויגן און פֿאַרשנורעוועט די לעבעדיקע, אָטעמדיקע מיידל און זי געמאַכט צו א ליאַלקע, און אַז די שלאַנקע באַוועגונגען פֿון אירע גלידער און די אומשולדיקע, ניט-איינגעצאַמטע פֿייערלעך אין אירע אויגן זיינען איצט איינגעהאַמעוועט און צוגעגליכן געוואָרן צו דער גאַנצער סביבה. ער האָט געוואָלט זען זי אַזוי, ווי פֿאַר אים איז דאָס נויטיק געווען, ער האָט זיך געוואָלט דערהויבן איבער איר, זי זאָל זיין א פּוסבײַנקעלע פֿאַר זיין גדלות. ער האָט געזאָגט: „אויב עמיץ פֿאַרמאָגט נאָר אַזאַ געשטאַלט, ווי איר, און קאָן דעם קאָפּ האַלטן אַזוי שטאָלץ, ווי איר, איז ער לחלוטין ניט באַשאַפֿן געוואָרן אַף צו זינגען גאָטספּאָרכטיקע לידעלעך אין דער ביבל-קאָלעגיע פֿון הירזאַו“. ער איז געשטאַנען הינטערן שטול, מיט די עלנבויגנס אָנגעשפּאַרט זיך אַפֿן לען, האָט זיך געבויגן צו איר, גערעדט שטיל, מיט זיין אַריינדרינגענדיקער שטים, און די בולטע אויגן האָבן געוואָרפֿן אַף איר הייסע בליקן: „האָט איר דען איצט ניט דערפֿילט, וואָס עס הייסט פֿאַרמאָגן מאַכט? אַדרבא, פּרוווט זיך צוריק אומקערן אין אייער ביבל-קאָלעגיע! טריקנט באַרן אין

אייער פרייער צייט, שטריקט זאָקן! פּרוּווט דאָס טאַקע טאָן! איר װעט דאָס שוין מער ניט זיין בכח", האָט ער מיט נצחון פאַרענדיקט. „איר האָט שוין איצט דערפילט, צו וואָס איר זייט טאַקע באמת באַשאַפן געוואָרן".

זי איז אויפגעשפּרונגען, טויט אָטעמענדיק, האָט אויפגעהויבן די האַנט, ווי וועלנדיק זיך פאַרשטעלן פון עפּעס. דאָס הינטל איז דערשראָקן אָפּגעלאָפן אין אַ ווינקעלע. זי איז געשטאַנען קעגן אים אין גרוים אויפרעקונג, אומגלויבּיק. אָבער דאָך איז זי זשעדנע געווען ווייטער צו הערן זיינע רייד. ער איז זי נאָכגעגאַנגען מיט גנבישע טריט איבּערן ווייכן טעפּיך. איז נעענטער צו צ איר.

„וואַרפט דאָך אַוועק אייערע קינדערשע חלומות, מאַגדאַלען סיבּילע! זיי האָבּן געטויגט נאָר פאַרן הירזאוּער וואַלד. איצט איז דער לוּדוויגסבּורגער שלאָס אייער וואָר. קוקט זיך אַבּיסל צו צו אָט דער וואָר! כאַפּט זי אָן מיט בּיידע הענט! ס'איז אַ באמת גוּטע, שיינע ווירקלעכקייט. איך שטאָלציר דערמיט, וואָס איך האָבּ אייך אָנגעוויזן דעם וועג צו איר".

איצט איז ער גאָר נאָענט געשטאַנען בּיי איר, און זי האָט זיך פאָרט איינגעשפאַרט אין אַ ווינקל, ווי וועלנדיק אַנטלויפן פון אים. „מאַגדאַלען סיבּיליע!" — האָט ער באַשוואָרן, און בעת ער האָט גערעדט, האָט ער שוין כמעט אַליין געגלויבּט אין זיינע ווערטער; ער האָט איינגעזען, אַז זי איז לכתחילה שוין נוטה געווען זיך צו לאָזן איינריידן, זי איז געווען פרישע ערד פאַר דעם מין זריעה.

„מאַגדאַלען סיבּילע! איין גאָט ווייס, אַז איך האָבּ אייך ניט אָפּגעטראָטן דעם הערצאָג, כּדי איר זאָלט מיך פיינט באַקומען. איך האָבּ דאָס נאָר צוּליבּ אייך געטאָן, כּדי אייך אַרוּפצוּפירן אַפן אמתן וועג. מיר האָבּן אַ גלייכן וועג, מאַגדאַלען סיבּילע, איין וועג — איר און איך: און דער וועג הייסט — מאַכט!"

זי האָט דערשראָקן און פאַרחידוּשט זיך צוגעקוקט צו אים, ווי צו אַ שטריק-טענצער, און בּיסלעכווייז פאַרטריבּן אין דעם ווייטסטן ווינקל אירן די לעצטע אויפבּליצן פון אומצוטרוי. און ער

האָט געהאַלטן אין איין שפּילן פאַר איר א ראָליע. עס איז זייער ליַיכט געווען זיך צו גרויסן פאַר זיין מוטער, וואָס האָט שוין לכתחילה אין אים געגלויבט, דערצו האָט מען קיין גרויסע טרחה ניט געדאַרפט. אָבער אַריבערציען צו זיך אָט די מיידל, וואָס האָט מיט אַלע כּחות זיך איינגעשפּאַרט, — דאָס האָט געצויגן, דאָס איז פאַר אים געווען א נצחון, א באַשעפטיקונג פון זיין מאַכט, וואָס ער האָט אַזוי געלעכצט נאָך איר. גלייך צו א גרויסן קאָמעדיאַנט אַף דער באַלויכטענער סצענע, וואָס די קאַלטקייט פון עולם גיט אים צו אַלץ מער היץ, און ער זוכט צו באַוויַיזן אַלץ מער קונצן, כּדי צו פאַרכאַפּן דוקא די ווידערשפּעניקע, אַזוי האָט זיס זיך אויך אַלץ מער געהיצט, זיך פאַרשיכּורט אין זיינע אייגענע רייד. האָט ניט־אָפּגעהיט אַנטפּלעקט פאַרשיידענע פאַרבאַ־האַלטענע ווונטשן זיינע און אַרויסגעזאָגט מיינונגען, וואָס וואָלט געווים זיי בעסער געווען צו האַלטן בסוד. אַזוי האָט ער זיך גע־הוידעט אַרוף און אַראָפּ, פאַרשיכּורט פון די אייגענע רייד, אַלץ בלאַנקער אויסרייבנדיק דעם שפּיגל, וואָס אין אים האט ער זיין אייגן בילד — א שווישפּילער, א בעל־גאוה פון זיך אַליין.

שוויַיגנדיק, אופגעט רייסלט, האָט זי זיך צוגעהערט, ווי ער זאָגט: „נו, מאַגדאַלען סיבילע, איצט שטייען מיר גלייך־אַף־גלייך, איינס אנטקעגן אַנדערן. איר און איך — יעדער פון אונדז האַלט זיין האַנט ביים רודער פון דער מאַכט. ניט דער הערצאָג האָט א רעכט אַף אייך. ווער איז ער דאָס אָט דער הערצאָג?"

דער צעקאָכטער זיס האָט גערעדט אַזעלכע רייד, וואָס ער האָט זיך אַליין קיינמאָל ניט דערלויבט פאַר זיך צו טראַכטן, און שפּעטער, בעת ער האָט זיך אויסגעניכטערט, האָט ער גרויס עגמת נפש דערפון געהאַט.

„דער הערצאָג! ער מיינט, אַז מען קאָן הערשן איבער א לאַנד מיטן כּח פון זעלנער־רעגלאַמענט. ער האָט קיין שום ידיעה ניט אין דער צונויפקניטלונג פון געשעענישן. ער פאַרמאָגט ניט קיין אייגענעם בליק, ניט קיין אייגענעם מח, אפילו ניט קיין אייגן האַרץ, דעם תענוג פון לעבן מעסט ער נאָר אויס לויט דער צאָל פרויען און אויסגעליידיקטע בוטלען. דאָס ווילדע רעווען פון זיין

רעמבינגען האַלט ער פאַר דיאַניזישער גלוסטיקייט. דאָס איז א גליקלעכער צופאַל, באַזונדערער מזל, וואָס ער האָט אייך באַגעגנט. אייער אמתן חן זעט ער ניט און באַנעמט ניט. איך האָב דערצו די רעכט, איך! איך האָב אייך געבראַכט אַהין, ווו איר געפינט זיך איצט, איך האָב אייך געזען פון ערשטן טאָג אָן. איך ווייס אייער ווערט. איך האָב זיך אליין ארופגעדראַפּעט. איך—א איד און א נבזה און א גאָרנישט, בין אַרוף טריט נאָך טריט, און איצט שטיי איך הויך איבער די אַלע שוואַבישע גולמים, אַזוי הויך, פונקט ווי מיין שימל אַסיאַדאַ שטייט איבער זייערע גראָבע אַרבעטקליאַטשעס. און אַזוי האָב איך אייך אויך געשטעלט העכער פון די אַלע באַלעבאַטישע, היימיש־געבאַקענע שוואַבישע פרויליינס. און איצט שטיי איך פאַר אייך — א גלייבער פאַר א גלייבער, איך שטעל ארוים צו אייך מיין תביעה און פאַרלאַנג אייך. וואלט איר זיך מיר אָפּגעגעבן אָן באַוווּסט און טעמפּ, באַלד ווי איר זייט אַראָפּגעקומען פון דעם הירזאוער וואַלד, וואָלט דער נצחון פאַר מיר געווען צו לייכט און אַזוי ווי גענאַרט. איצט דאַרפט איר זיך באַשליסן, — איר זייט שוין געניט און ווייסט, ווער איך בין, ווער איר זייט. איצט זאָלט איר מיר זאָגן: „איך געהער צו דיר, איך גיי צו דיר".

אין גרוים צעטומלעניש איז זי געשטאַנען. זי האָט געשוויגן. און ער, אָן צו שרעקן זיך אויסגערעכנט פאַרן איינדרוק, האָט זיך מיט איין מאָל ארויסגעוויקלט פון זיין בּרען און זיך צוריק אָפּגעטובלט אין דעם קאַלטן וועלטלעכן טאָן. און איידער נאָך זי איז געקומען צו זיך, האָט ער איר שוין צערעמאָניעל געקושט די האַנט, זיך טיף פאַרבויגנדיק, און האָט זי געלאָזן אליין, אַ צעטומלטע און אַן אופגעטרייסלטע.

זייער מונטער האָט ער זיך צוריק אומגעקערט אין שטאָט, צוזאַמען מיט זיין סוויטע. איצט האָט ער שוין פאַרמאָגט די באַשטעטיקונג, וואס ער האט באַדאַרפט. האָט זיך געפילט הויך און זיכער אַנטקעגן אַלעמען, ווער עס האָט אים נאָר געוואָלט שאָדן אָנטאָן. יאָ, זאָל אים דאָס טאַקע עמיץ נאָכטאָן, דער אומגעלומפּערטער רעמבינגען, דער דיקער פירשטבישאָף. יענע האָבן

פאַרמאָגט יחוס, ער האָט זיי אָבער אריבערגעיאָגט. ער איז דער שטאַרקערער.

און דער שימל אַסידאַ האָט איצט, צוריקוועגס, געפילט אַף זיין רוקן דעם בעל־הבית פיל לייכטער, ווי בעתן רייטן אַהינוועגס. ס'איז געווען אַ תענוג, אים צו טראָגן אַף זיך, און דער שימל האָט הויך אויסגעהירזשעט זיין גדולה איבער גאַנץ שטאָט.

---

דער עסלינגער קינדערמאָרד האָט אָנגעמאַכט גרויס גערודער און געשריי אין אַלע ווינקעלעך פון לאַנד. מען האָט זיך דערציילט אַלץ שוידערלעכערע פרטים וועגן דעם, ווי דער איד האָט אָפּגעצאַפּט ביי דער פאַרפייניקטער מיידל דאָס בלוט און דאָס אריינגעבאַקן אין זיינע מצות, כדי אַף אַזאַ אופן צו באַקומען מאַכט איבער אַלע קריסטן, וואָס מיט זיי האט ייִר געהאַט צו טאָן. עס זיינען ווייטער אויפגעלעבט אַלע אַלטע מעשיות, די לעגענדע וועגן זימאָן דעם קדוש פון טריר, דעם קינד, וואָס די אידן האָבן אויך אַף דעם זעלביקן אופן אומגעבראַכט, און וועגן דעם אינגל לודוויג עטערליין פון ראַווענסבורג. פון הינטער אָט די אַלע מעשיות האָט זיך אַלץ שטראַליקער ארויסגעהייבן דאָס בילד פון דער טויטער מיידל, און אַלע האָבן גערעדט וועגן דעם, וואָס פאַר אַ כשרע, זיסע, הייליקע בתולה דאָס איז געווען. אין די שיינקלעך האָבן די וואָגלענדיקע כלי־זמרים באַזונגען און באַשפּילט די געשעעניש, צייטונגען און פלוג־בלעטלעך האָבן זי באַשריבן אין ווילדע שירים און אויסגעמאָלט אין בלוטדאָרשטיקע צייכענונגען.

אין פאָלק האָט זיך שוין געלאָזט מערקן אַ באַוועגונג אַף אָפּצורעכענען זיך מיט די אידן. ביי די טויערן פון די געטאָס האָבן זיך געקליבן געזעמלען, און אַז אַ איד האָט נאָר געהאַט די העזה זיך צו באַווייזן, איז ער אופגענומען געוואָרן מיט מיאוסע זלזולים, און מען האָט אים באַוואָרפן מיט שטיינער און בלאָטע. דער מסחר האָט זיך אָפּגעשטעלט, קריסטלעכע בעלי־חובות האָבן זיך איזדעקעוועט איבער זייערע אידישע קרעדיטאָרן, זיי געריסן די בערד, זיי באַשפּיגן. די געריכטן האָבן פאַרשלעפּט פּראָצעסן

צווישן אידן און קריסטן, האָבן ניט געוואלט משפטן פאַר אידן. אין בייערן, אין ראָזנהיימער געגנט, אַפן גרויסן האַנדל=שליאַך צווישן ווין און דעם מעריב, האָט אַ תבואה=הענדלער, וואָס האָט געליטן פון אידישער קאָנקורענץ, צוזאַמען מיט אַן אַנטלאָפענעם שרייבער צונויפגעקליבן אַ באַנדע, כדי אָפּצוהיטן אַפן וועג אידישע סוחרים און זייערע סחורות אויסצוראַבירן. די קורפירשטלעכע רעגירונג האָט זיי ניט געשטערט און גוטוויליק זיך צוגעקוקט צו דעם: און נאר שאַרפע פראָטעסטן מצד שוואַבן און די ענערגישע אַריינמישונג פון דער ווינער קאַנצעליאַריע האָבן געווירקט, אַז ס'זאָל געמאַכט ווערן דערצו א סוף.

אויך אין די הויפן און קאַבינעטן האָט מען זיך מיטן גרעסטן אינטערעס צוגעקוקט צו דעם עסלינגער ענין. מען האָט געזען, אַף וואָס פאַרא הינערשע פיסלעך ס'איז געבויט געווען די גאַנצע געשיכטע, און מען האָט צוגעשמייכלט, אַף וואָס פאַרא פרימיטיוון אופן די רייכשטאָט עסלינגען האָט דאָ בדעה געהאַט אָפּצוטאָן דעם ווירטעמבערגער הערצאָג און זיין פינאַנסדירעקטאָר. אָבער אַלע האָבן דערלעבט אַ נקמה, און זיך פאַרכלינענדיק פון הנאה האָט מען איינגעזען, אַז גראָד די נאַאיוויטעט איז זייער געשיקט. די הויפט=ראיה פאַרן בילבול איז געווען דער פאָלקס=גלויבן, אַז די געבאָרענע אין ניטל=אָוונט שטייען אין אַ באַזונדער סכנה מצד די אידן, און אַף אָט דעם גלויבן איז אין דעם פאַל טאַקע ספּעקולירט געוואָרן, ווייל די דערהרגעטע מיידל איז אויך געבאָרן געוואָרן אין יענעם אָוונט.

איבער די אידן האָבן זיך גענומען פאַרציען שווערע, אָטעמפאַרכאַפּנדיקע, געדיכטע כמאַרעס. איינגעהייקערט אין זייערע ווינקעלעך האָבן זיי דערשראָקן געוואַרט און פאַרשטאַרט אַרויסגעקוקט אַפן מאוימדיקן גרויל, וואָס האָט זיך אָנגערוקט אַף זיי. אַי וויי! שטענדיק, ווען מען האָט אַף איין אידן אויסגעקלערט אַזאַ ווילדן בילבול, האָט מען שוין די טויזנטער אויסגעקוילעט, פאַרברענט, געהאַנגען און די צענדליקער טויזנטער זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון זייערע ערטער און פאַראַגלט געוואָרן איבער דער וועלט. פאַרוויקלט אין גרויל, זיינען זיי געזעסן אין די געטאָס,

ארום זיי האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ טויטע שטילקייט, אָנגעזאָפּט מיט אימה, מיט רציחה, עפּעס אזוי ווי די לופט וואָלט אויסגע־מיטן זייערע גאַסן און זיי האָבן אומזיסט געקייכט נאָך אָטעם. די ערשטע וואָך איז געווען די שרעקלעכסטע. די וואַרטעניש, אָט דאָס אימהדיקע, געליימטע זיצן איינגעקאָרטשעט און ניט־וויסן: ווער, ווו, ווי. די חשובסטע זיינען געלאָפן צו די מאַכטהאָבער. שטענדיק, ווען נאָר מען האָט זיי נויטיק געהאַט, האָט מען זיך געחנפעט צו זיי, איצט האָט מען זיי אפילו ניט צוגעלאָזן. אָט דאָס ציען מיט די אַקסלען אין די וואַרט־חדרים. אָט דאָס אָנ־קווענלען פון זייער טויט־שרעק. אָט דאָס לאָזן זיי אַף הפקר, אָט דאָס אָפּווענדן דעם פּנים פון די ניט־באַשיצטע. אָי וויי! אָט די מאַכטהאָבער, וואָס האָבן זיך געהייסן גוט באַצאָלן פאַר זייערע שוץ־בריוו, און האָבן איצט קיין צייט ניט צו פאַרטיידיקן זייערע אידן אין דער נויט. אָי וויי! אָט די צוויי נאַקעטע און אָפּגעלאָ־זענע זעלנער ביים טויער פון געטאָ זאָלן דאָס זיין די שמירה קעגן אַ באַנדע פון הונדערטער גזלנים און רוצחים! אָי וויי! מען זעט באַשיימפּערלעך, ווי די שטאָט־יועצים און די אַמטן מאַכן צו די אויגן און פאַרשטאָפּן די אויערן, אזוי אַז די חברה וועט אומ־געשטערט קאָנען באַפאַלן די אומבאַשיצטע. ווײ געשריען! נאָר איין גאָט קאָן העלפן! ווײ געשריען איבער דעם אָרעמען פאָלק ישראל! ווײ געשריען איבער די אומבאַשיצטע, צעריסענע געצעלטן פון יעקב!

צו אַלע אידישע קהילות, פון פּוילן ביז עלזאַס, פון מאַנ־טואַ ביז אַמסטערדאַם איז די שווערע בשורה דערגאַנגען. אומע־טום איז זי ארומגעפלויגן מיט איריע שוואַרצע פליגלען, מיט איר רויבערישן שנאָבל, און אַלעמענס הערצער האָט זי אָפּגע־ליימט. אַ איד זיצט אין תּפיסה אין דער שוואַבישער מדינה, אין עסלינגען, אין דער זינדיקער שטאָט, אין דעם נעסט פון אַלע רשעות און נידערטרעכטיקייט, און די גוים זאָגן, ער האָט גע־קוילעט זייערס אַ קינד. אדום באַוואָפּנט זיך, וויל אונדז באַפאַלן היינט, מאָרגן — ווער ווייס. שמע ישראל!

זיינען די מענער ארומגעגאַנגען מיט טויט־בלאַסע פּנימער און האָבן פאַרגעסן אָן זייערע געשעפטן, און זייערע שיינע, אויס־געפּוצטע פרויען האָבן צעשראָקן און מיט פאַרלאָרענע אויגן ארומגעפלאַטערט אין די ווינקעלעך, מיט טיפן גלויבן ארופגע־קוקט צו די מענער, גרייט בלינד זיי צו פאָלגן, וואָס זיי וועלן נאָר הייסן. דעם אָטעם האט איינגעהאַלטן די גאַנצע אידישע עדה פון רוימישן קיניגרייך און ווייט אריבער זיינע גרענעצן.

אידן האָבן זיך געקליבן אין די בתי־מדרשים, געשלאָגן זיך על־חטא, געזאָגט וידוי, געפאַסט מאָנטיק און דאָנערשטיק און ווידער אמאָל מאָנטיק. זיינען זיי געשטאַנען איינג צונויפגעפּרעסט אין די שולן, איינגעהילט אין טליתים און קיטלען, זיך געשאָקלט און געוואָרפן מיט פאַנאַטישן ברען. זיי האָבן געשריען צו גאָט מיט פאַרזאַוישטע קולות, וואס האָט דערמאָנט אָן די שרייענדיקע מי־אוסע טענער פון די שופרות, וואס זיי בלאָזן ראש־השנה. זיי האָבן זיך מתודה געווען אין זייערע זינד, זיי האָבן געשריען: נים פון אונדזערטוועגן, רבונו של עולם, דערבאַרעם זיך איבער אונדז, נים פון אונדזערטוועגן, נאָר פון וועגן די מעשים־טובים פון די אבות!״ זיי האבן אויסגערעכנט די נעמען פון די אבות, א ריי־סטער אָן א סוף פון אומגעקומענע אַף קידוש־השם, פון די אַלע פאַרפייניקטע און געמאַטערטע דורך די יונים און די רוימער, די געקוילעטע און די געוואָרגענע און די פאַרברענטע דורך די קריסטן, די קדושים פון די פוילישע קהילות ביז צו די קהילות פון טריר, שפייער, וואָרמס. זיי זיינען געשטאַנען, איינגעוויקלט אין ווייסע קיטלען, די קעפּ באַשאָטן מיט אש, זיי זיינען געשטאַ־נען דעם גאנצן טאָג, התלהבותדיק זיך געשאָקלט, ביז כלות הנפש, זיך אויסגעטענעט מיט רבונו של עולם און געמאָנט פון אים, ווען דער טאָג האָט געגראָט, און אַז דער טאָג האָט זיך שוין געוויקלט אין שטנם פון בין־השמשות, האָבן זיי נאָך אַלץ געשריען מיט הייזעריקע, אויסגעווייינטע קולות: „געדיינק דעם בונד מיט אברהם און די עקדה פון יצחק!״

און אין עזרת הנשים, אָפּגעשיידט מיט גראַטעס און אומ־באַמערקט פאַר די מענער, האָבן זיך געפונען די פרויען. זיי

זיינען געזעסן איינגעשראָקן, פאַראומערט, מיט אופגעריסענע אויגן, ווי פ.ויגלען אין אַ ריי אַף אַ שטעקל אין אַ שטייג, און האָבן שטיל גאָטספאָרכטיק און הכנעהדיק געלייענט דעם טייטש-חומש און די אַנדערע ווייבערשע ספרים אין עברי-טייטש.

אין אַלע שולן און בתי-מדרשים פון מאַנטואַ ביז אַמסטערדאַם, פון פוילן ביז עלזאַס, זיינען די מענער אַזוי געשטאַנען, געפאַסט, מתפלל געווען, און צו דער גלייכער שעה, ווען דער באַגינען האָט זיך געגרויט און ווען דער טאָג האָט זיך גענייגט צום אוועקגיין, האָבן אַלע אידן פון אומעטום זיך אויסגעדרייט צו מזרח-צו, פאַרוויקלט אין קיטלען, און אַלע האָבן געזאָגט דאָס זעלביקע: „קיין זאַך איז אונדז ניט געבליבן, אחוץ דער תורה", און פאַרענדיקט:

„שמע ישראל; ד' אלקינו, ד' אחד".

אָבער ווען די ערשטע טעג פון גרויסער אימה זיינען פאַרביי, האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז די שטאָט עסלינגען האָט אָפּגעלייגט דעם פּראָצעס פון דעם איד יחזקאל זעליגמאַן פריידנטאַל. מעגלעך, אַז דאס איז געשען איבער פּאָליטישע סיבות, אָדער מען האָט דאָס נאָר געטאָן צוליבן תענוג פון לייגער מאַטערן די אידן, אָדער מ'האָט נאָך געהאָפט צו באַקומען נייערע, פעסטערע באַווייזן, — ווי עס זאָל זיין, אָבער עס זיינען אַוועק חדשים, דער איד איז פאַרשפאַרט געווען אין תפיסה, און זיין פּראָצעס האָט זיך ניט גערירט ווייטער. דערווייל איז נאָר געבליבן ביי דעם ערשטן פאַרהער מיט ענוים.

די אידן אָבער, וואָס זיינען שוין אין משך פון די טויזנטער יאָרן צוגעוווינט געווען צו כלערליי רדיפות, האָבן, נאָכן אָפּכאַפּן זיך פונם ערשטן, ליימענדיקן שרעק, באַלד גענומען לויפן, איילן זיך, צוגרייטן פאַר זיך באַהעלטענישן פאַר דער קומענדיקער סכנה. זיי האָבן געלאָזט באַזיגלען און באַשטעטיקן זייערע שוץ-בריוו, האָבן געדונגען באַוואָפנטע לייט פאַר זייער שמירה. איבער אַלע וועגן זיינען געלאָפן זייערע שלוחים, כדי אומעטום און גלייכצייטיק צו אָרגאַניזירן שוץ, אין אַלע הויפן און ראַטהייזער האָבן זייערע אַגענטן מיט כלערליי מעגלעכקייטן געזוכט משפיע צו זיין אַף

די מאַכטהאָבער און זיי אַריבערצוציען אַפן צד פון די אידן; דער גרעסטער טייל פון זייער מזומן־פאַרמעגן איז אין פאָרעם פון וועקסלען און קרעדיט־בריוו אריבערגעשיקט געוואָרן קיין אויסלאַנד, אין זיכערע ערטער.

אָבער איבער אלע זייערע מחשבות און מעשים האָט אַליץ געהויערט די געדיכטע כמאַרע. דער אָנקומענדיקער גרויל האָט געריבט ביי זיי דעם שלאָף, זייער שפּייז און געטראַנק האָט אָנגעוואָרן יעטווידן טעם און ריח, זיי האָבן אָנגעוואָרן די רו צו פירן דעם געשמאַקן און גליבטן שאַרפן פלפול אין תלמוד לערנען, זיי זיינען אָפטמאָלס געבליבן שטיין אַפן האלבן וואָרט. און די שווערע כמאַרע איז אפילו אריינגעדרונגען אין זייערע שבתים, אין די שטאָלצע, הייליקע שבתים, וואָס זיי האָט דער גרעסטער קבצן אַף אַ מלכותדיקן אופן שטענדיק אָפגעריכט, זיך טראָגנדיק מיט חלומות וועגן דער פארלאָרענער מלוכה און מיט משיח־ביינקעניש.

מען האָט זיך אפילו פאַרזיכערט, אָבער דאָס אַליץ איז נאָר לפנים געווען, איז געגליכן צו דעם דינעם סכך אַף די סכות. די כמאַרע איז שוין שווער אראָפּגעהאנגען, און קעגן דער כמארע האָט קיין מיטל ניט געקאָנט העלפן. און שטענדיק — אין די וואָכעדיקע טעג און אין די ימים־טובים, האָט פון יעדן ווינקעלע ארויסגעלאָקערט די אימה.

דער פראַנקפורטער רב, ר' יעקב יהושע פאַלק, איז געזעסן איבער דער תורה. קעגן זיין ווילן האבן די ביינערדיקע פינגער פון זיינע אויסגעדאַרטע, געקניטשטע הענט אופגעמישט אין דעם פינפטן חומש, אין דעם ספר דברים, די תוכחה, די פרשה מיט די שוידערלעכסטע קללות, וואס א מענטשלעכע פאַנטאַזיע קאָן נאָר צוקלערן. און די אויגן פון דעם אלטן רב האבן זיך אָפגעשטעלט אַף די דרויענדיקע, פירקאַנטיקע אותיות, און ער האָט געלייענט:

און גאָט וועט ארופשיקן אַף דיר אומגליק, צומישעניש, און פאַרטיליקונג אין גאר דער טועכץ פון דיין האַנט, צו וואָס דו וועסט זיך נאָר נעמען, דו וועסט דיר פאַרקנסן אַ ווייב, און אן

אנדערער וועט זי צונעמען, אַ הויז וועסטו זיך אויסבויען, און וווינען אין דעם וועסטו ניט. גאָט וועט דיך איבערענטפערן אַ געשלאָגענעם אין די הענט פון דיין שונא; מיט איין וועג וועסטו אַרויס אַנטקעגן אים, און מיט זיבן וועגן וועסטו פון אים אַנטלויפן. ער וועט זיין דער קאָפּ, און דו וועסט זיין דער וויידל. און ער וועט דיך באַדריקן און וועט דיר איינג מאַכן, אַז דו וועסט עסן די פרוכט פון דיין אייגענעם לייב, די פלייש פון דיינע זין און טעכטער, וואָס גאָט האָט דיר געגעבן, אין דער איינגשאַפט און באַדריקונג, וואָס דער פיינט וועט דיך דריקן. די פרוי, די ווייכסטע און די פאַרצערטלסטע, וואָס איר פוסטריט האָט קיינמאָל די ערד ניט געהאַט אָנגערירט פון ווייכלעכקייט און פאַרצערטלטקייט, וועט איצט מיט שנאה בליקן אַף איר מאַן און אַף איר זון און אַף איר טאָכטער. פון וועגן דעם פיצעלע אירן, וואָס זי האָט געבאָרן, וועט זי פחד האָבן, יענע זאָלן אים ניט אופעסן נאָך איידער זי וועט דאָס טאָן, פון גרויסער נויט אין פאַרבאָרגעניש און אין עלנט און אין איינגעניש און באַדריקונג מצד דעם שונא. און גאָט וועט דיך צעשפּרייטן צווישן אַלע פעלקער; און דו וועסט ניט געפינען קיין אָפּרו צווישן די פעלקער און קיין אופהאַלט פאַר דיינע פוסטריט. און גאָט וועט דיר געבן אַ ציטערדיק האַרץ, א צעשראָקענע אויג און אָפּגעשוואַכטע געבליטן; און דו וועסט טאָג און נאַכט לעבן אין שרעק און פחד האָבן פאַר דיין לעבן. און אין דער קלעמעניש פון דיין האַרצן, וואָס דו וועסט זיך קלעמען, און אין דער זעאונג פון דיינע בליקן, וואָס דו וועסט זען, וועסטו זאָגן: זאָל שוין קומען דער אָוונט! און אין אָוונט וועסטו זאָגן: זאָל שוין קומען דער פרימאָרגן!

דאָס אַלץ האָט דער זקן געלייענט און זיין האַרץ איז פול געוועזן מיט גרויס שרעק, ער האָט אַריבערגעצויגן איבערן קאָפּ זיין טלית, כדי מער ניט אָנצוקוקן די גרויסע, התראהדיקע אותיות, און ער האָט געוויינט און געקרעכצט. די רביצין האָט זיך ניט געדרייסט אים צו שטערן בעתן לערנען, איז דערשראָקן געשטאַנען פאַר דער טיר און זיך צוגעהערט, ווי ער

קרעכצט, און זי האָט אין גאַנצן געציטערט, און איר אַלט האַרץ האָט געקלאַפּט פאַר שרעק ביזן האַלדז אַרויף, אָבער זי האָט זיך ניט דערוועגט אים צו שטערן.

פון ר׳ יעקב יהושע פאלקס טיף־איינגעפאַלענע, מידע, באַיאָרנטע אויגן האָבן זיך אָן אויפהער געגאָסן טרערן און זיין טלית איז אינגאַנצן אויסגעווייקט געווען.

---

דער קירכראַט־דירעקטאָר פיליפ היינריך ווייסענזע איז גאָר אַן אַנדערער געוואָרן זינט יענער נאַכט, ווען מאַגדאַלען סיבילע איז אַריינגעפאַלן אין דעם הערצאָגס נעץ. אמת, אין דער גאַנצער מלוכה, און באַזונדערס אין דעם שוואַבישן קרייז, איז זיך ניט פאַרלאָפן קיין איין געשעעניש פון פּאָליטישער וויכטיקייט, וואָס ער זאָל ניט האָבן אַריינגעשמעקט אַהין מיט זיין גלוסטיקער נאָז און אין וואָס ער זאָל ניט האָבן אַריינגעשטעקט זיינע פיינע, שפּילעוודיקע פינגער. אָבער איצט האָט שוין זיין פלינקייט געהאַט אין זיך עפּעס אָפּגעלאָזנס, אומבאַוועגלעכס, אַ מין מעכאַנישקייט. עס איז אָפטמאָל פאָרגעקומען, אַז אין מיטן שמועס האָט אָט דער געניטער וועלטלעכער מאַן זיך מיטאמאל איבערגעריסן, אָנגעהויבן ריידן גאָר וועגן זייטיקע זאַכן. אָדער ער האָט גאָר גענומען טרייסלען מיטן קאָפּ, עפּעס אונטערמורמלען, נאָכהעם אנטשוויגן ווערן. אַן אַנדערש מאָל האָט מען אַט דעם מאַן, וואָס האָט שטענדיק אַזוי שטרייגנג אָפּגעהיט די כללים פון דער מאָדע, גאָר געזען גיין אָן קניבענדלעך, אָדער מען האָט געמערקט אַנדערע חסרונות אין זיין אָנטאָן זיך. זייער משונהדיק איז געווען זיין הנהגה מיט פרויען. ער האָט זיך באַנומען מיט דער גרעסטער העפלעכקייט, אָבער טיילמאָל פלעגט ער זיך דערלויבן אין דאַמען־געזעלשאַפט צו זאָגן עפּעס אַזאַ גראָבקייט, אַז אפילו דער גענעראַל רעמכינגען פלעגט פאַרשטיינערט ווערן. אַחוץ דעם האָט מען זיך אויך זייער געוווּנדערט איבער דעם, וואָס ער האָט פאַרפירט ליבע־אינטריגעס. ביז איצט האָט ער דאָך זייער פרישותדיק געלעבט. אַ חידוש איז אויך געווען דאָס, וואָס ער האָט פאַרפירט

ליבּעס דוקא מיט אזעלכע דאָמען, וואָס זיינען שוין דורכגעגאַנגען דורך זיס׳ הענט.

בנוגע זיס האָט ער איצט זיך אויפגעפירט נאָך הכנעהדי־קער, ווי פריער. דאָס האָט פאַרחידושט, ווייל אין די קרייזן, וואָס זיינען געשטאַנען נאענט צום הערצאָג, האָט מען געוווּסט, אַז דער איד שטייט שוין ניט אַזוי פעסט אין מיטלפּונקט פון מאַכט, ווי מיט עטלעכע חדשים צוריק. און ביי זיין מעמד, האָט ווײַ־סענזע גאָר לחלוטין ניט נויטיק געהאַט זיך צו חנפענען און דרייען מיטן ווײַדל פאַרן פינאַנס־דירעקטאָר. פונדעסטוועגן האָט ער ניט דורכגעלאָזן קיין שום געלעגנהייט אים אַרויסצווייזן זיין געטרייִשאַפט, און ער האָט זיך אַזוי אונטערגעלעקט, אַז זיס האָט אים אפילו חושד געווען אין פּלאַנעווען עפּעס אַן אינטריגע קעגן אים. און איינמאָל האָט ווייסענזע גאָר אומגעריכט מיט אַ מין חוזק־מאַכעריי מרמז געווען אַף דעם פינאַנס־דירעקטאָרס אידיש־קייט, וואָס ביז איצט האָט ער דאָס אויסגעמיטן. ער האָט אים געפרעגט דעם טייטש פון עטלעכע העברעאישע ווערטער, און הגם זיס האָט אים געענטפערט, אַז ער האָט שוין לאַנג פאַר־געסן זיין ביסל העברעאיש, האָט ער אים נאָך עטלעכע מאָל, און אַלץ אין גרעסערע געזעלשאַפטן געשטעלט די זעלביקע פראַגע.

אין איינעם אַן אָוונט האָט ער פּלוצלונג איינגעלאַדן צו זיך זיינע ביידע אַלטע פריינט, בילפינגער און האַרפּרעכט. זיי זיינען ביידע געקומען, פאַרזאָרגט, גרייט צו העלפן, האָבן געפרעגט, וואָס איז גע־שען. אָבער ס׳איז קיין זאַך ניט געשען. און די געסט האָבן צעטומלט זיך איבערגעקוקט, נאָכדעם אים אָנגעקוקט, האָבן איינגעזען, ווי עלנט ער איז, און זיינען פאַרבליבן ביי אים. כּדי איבערצורייסן די שטילשווייגעניש, האָט בילפינגער אים געפרעגט, ווי ווייט ער האַלט שוין מיט זיין פּירוש אַף דער ביבל. אַלע פּירושים, וואָס זיינען פאַראַן, זיינען דאָך אין בעסטן פאַל ניט מער, ווי מיטל־מאַסיקע ווערק, און עס פילט זיך אַ גרויסער דוחק אין דער צו־געזאָגטער אַרבעט פון דעם פריינט. ווייסענזע האָט אַף דעם געענט־פערט מיט אַ בלאַסן, אויסגעליידיקטן שמייכעלע און אַ נישט־זאָגנדיקער

תנועה מיט דער האַנט, אַז ס'וואָלט אפשר בעסער געווען, ווען ער וואָלט זיך ניט גערירט פון הירזאָו און וואָלט אַלע זיינע יאָרן אָפּגעאַרבּעט אַף דעם ווערק. „יאַ", האָט האַרבּרעכט אַף דעם געזאָגט, און אייגנטלעך איז דאָס גאָר קיין תשובה ניט געווען, „אַ מאָדנע משוגענע צייט איז איצט, אַלע וועגן זיינען שמוציק, און ס'איז זייער שווער צווישן אָט דעם אַלעמען צו פאַרבּלייבּן ריין".

ווייסענזעס פּאָליטישע לאַגע איז געוואָרן אַלץ פילדייטנדיקער. ער האָט פאַראייניקט אַ סך זאַכן, וואָס האָבּן ניט געלאָזט זיך פאַראייניקן. ער איז געזעסן אין דער עלף-קאָמיסיע פון פאַרלאַמענט, האָט פאָרמולירט און סטיליזירט די אָנקלאַגן פון די דעמאָקראַטן קעגן דער רשעותדיקער הערשאַפט פון הערצאָג, און צו דער גלייכער צייט איז ער געווען דעם זעלבּיקן הערצאָגס שווער פון דער לינקער האַנט און זיין בעל-סוד. ער האָט אָפּגעהאַלטן באַראַטונגען מיט זיס, מיט די יעזואיטן, מיט די גענעראַלן, און צו דער גלייכער צייט האָט ער געשריבּן היציקע פאַרטיידיקונג-שריפטן פאַר דער קאָנסטיטוציע און פאַר די עוואַנגעלישע פריהייטן. זיינע טעפּ זיינען געשטאַנען אַף אַלע פייערן, זיינע פענטעס זיינען אויסגעלייגט געווען אין אַלע וועלדער. דער אמאָליקער ווייסענזע וואָלט בּלי-ספק גליקלעך געווען, צו האָבּן אין די הענט די ספּרונזשינעס פון אַזוי פיל קאָמפּליצירטע מאַכינאַציעס, פאַרשווערונגען, אינטריגעס, משא-ומתנס, באַראַטונגען. ער וואָלט גרויס תענוג געהאַט פון דעם אַרומשמייען אָן אַן אָטעם, פון דער צאַפּלדיקער האַרמידערדיקער און וויכטיקער פאַרנומענקייט אַף הונדערט הענט. אויך איצט האָט דער קירכן-ראַט-דירעקטאָר געהאַט אַ האַנט און אַן אויג אין איטלעכן עסק, אָבּער צו אַלעמענס פאַרוווּנדערונג, האָט ער פּלוצים אין רעכטן מיטן טומל און הוהא אָפּגעטראָטן און דערקלערט, אַז ער מוז זיך אויסרוען, און האָט זיך באַזעצט אין זיין פּוסטן הירזאָוער הויז אַרבּעטן איבּער זיין בּיבּל פּירוש.

ער איז אָבּער דערמיט פון אָרט ניט געקומען. מיט קנאה און פאַרדרוס האָט ער געקוקט אַף די בּייזיקע ספרים פון די

פריערדיקע מפרשים, וואָס האָבן אויך, צו גלייך מיט אים, גע־
אקערט דאָס זעלביקע פעלד. אפנים, אַז נאָך אַ לאנגע צייט
וועלן די סטודענטן מוזן בייקומען אָט די האַרבע חכמה.
עס וועט נאָך געדויערן אַ גוטע ווײַלע, ביז עס וועט זיך
אים איינגעבן אָנצופילן אָט דעם ריזיקן קערפּער מיט האַרץ און
מיט לעבן.

ניין, די אַרבעט האָט זיך בײַ אים לחלוטין ניט געריהרט פון
אָרט. דער לאָמפּ האָט אפילו געברענט ביז אַ שטיק אין דער
נאַכט איבער זיין טיש מיט די ביכער; אָבער זיינע אויגן האָבן
ניט געזען די אותיות, ניט די געגריזלטע גריכישע, ניט די
פעסטגעבויטע דייטשע, ניט די פּירקאַנטיקע העברעאישע. זיי האָבן
געזען נאָר איינע, וואָס איז דאָ ניט געווען: ברוינלעכע, מיט מילדן פוך
באַוואַקסענע, מענלעך־דרייסטע באַקן, בלויע אויגן אין אַ זעלטענעם
קאָנטראַסט צו די טונקעלע האָר איבער דעם. האָבן זי געזען
איינגעשלאָסן אין שטילן ליכטיקן עיגול פון לאָמפּ. דורך די טעג
האָט ער זיך געשלעפּט איבער די חדרים, — ווי גרויס און פּוסט
זיי זיינען געווען! — זיך געשלעפּט אין פּאַנטאָפל, אַן אַ פּאַריק,
אָפּגעלאָזן, אַריינגעשמעקט אין איין ווינקל, אין דעם אַנדערן,
האָט מיט זיין אויסגעדאַרטער האַנט געגלעט אַ טישטעכל, דעם
לען פון אַ דיוואַן, און אויף זיין פּנים איז געלעגן אַ קרום
שמייכעלע.

ער האָט געלאָזן צו זיך רופן דעם מאַגיסטער יעקב פּאַ־
ליקאַרפּ שאַבער. יענער האָט זיך מאָוימדיק דערשראָקן. פאַרשטייט
זיך, אַז דער קירך־ראַט־דירעקטאָר וועט ריידן האַרבע דיבורים
וועגן זיין גלויבן, אים שטראָפן פאַר זיין אָפּזונדערן זיך, אים
שלעפּן צום בית־דין, פאַרשפּאַרן אין תּפיסה, פאַרטרייבן פון לאַנד.
איצט, בעת זיין אייגענע טאָכטער געפינט זיך שוין מער ניט אין
דער ביבל־קאָלעגיע, וועט ער דאָך געווים ניט האָבן קיין איינזע־
עניש. ער האָט זיך באַגאַנגען מיט שוויים, זיינע פרומע קינדער־
אויגן זיינען געוואָרן קיילעכדיק און צעשראָקן, ער איז געלאָפן אַהין
און צוריק מיט קורצע טריטעלעך און שווער סאָפּענדיק. אבער
באַלד איז ער בייגעקומען זיין שרעק. אויב גאָט האָט אים אויס־

דערוויילט, אַז ער זאָל זיך מקריב זיין פאַר דער הייליקער אמונה, איז ער מיט דאַנק גרייט צו נעמען אױף זיך די שליחות. און אַזוי איז ער אריין צו דעם פּרעלאַט, אפילו אַ ביסל אונטערשוויצנדיק, אָבער דאָך מוטיק און דרייסט, און האָט תיכּף ומיד גענומען ריידן וועגן חנניה, מישאל ועזריה אין קאַלך־אויוון. אָבער וויסענזע האָט אים איבערגעשלאָגן און געזאָגט, אַז ער האָט אים כּלל וכלל ניט געלאָזט רופן צוליב וואסערע עס איז געשעפטלעכע ענינים, ער האָט נאָר חשק געהאַט נאָך אַמאָל צו זען און זיך אויסצוריידן מיט זיין טאָכטערס אַלטן פריינט.

דער מאַגיסטער האָט פאַרלייכטערט אָפּגעעטעמט און האָט גענומען תּמימותדיק און מיט גרויס פאַרכצומקייט ריידן וועגן מאַגדאַלען סיבילע און וועגן דעם, ווי שטאַרק אָט די גאָטס־פאַרטיקע, איידעלע און אויסדערוויילטע שוועסטער — גייט איצט אױף זייער גאַנצן קרייז. וויסענזע האָט זשעדנע זיך צוגעהערט צו זיינע רייד, דער מאַגיסטער האָט אין דער שטיל זיך פאַרגעוואָרפן, ווי אַזוי האָט ער דאָס אַזאַ ליבנסווערדיקן מענטשן געהאַלטן פאַר אַן אכזר און פאַר אַ הולופרנוס, און ער איז אינגאַנצן צעגאַנגען פון מתיקות. דער קירכראַט־דירעקטאָר האָט געפונען אָפּרו און שלום פאַר זיין נשמה אין דער פּשוטער תּמימותדיקער פּלאַפּ־לעריי. ער איז זיך אָפּטער צוזאַמענגעקומען מיטן מאַגיסטער, און זיי האָבן אָנגעהויבן זאַלבעצווייט צו מאַכן שפּאַצירן אין וואַלד. שרעקעוודיק און איינגעהאַלטן האָט שאָבער גענומען ריידן וועגן זיינע אייגענע שירים און תּפילות, האָט זיי אַפילו פירגעלייענט. און בעת וויסענזע האָט דאָס אַלץ פריינטלעך אויסגעהערט און אפילו גענומען ריידן וועגן דער מעגלעכקייט אָפּצודרוקן די שירים, האָט ער מיט דעם חסד אינגאַנצן אָפּגעקויפט דעם יונגנ־מאַן. אַזוי אַז ער האָט אים אַפילו אָנגעטרויט זיין טיפסטן סוד וועגן דער פרינצעסין פון דעם הימלישן ירושלים און וועגן איר פאָטער, דעם אידישן רשע.

וויסענזע האָט אָנגעשטעלט די אויערן. זיין מאַטקייט און אָפּגעלאָזנקייט איז פון אים מיטאַמאָל אַוועק. איצט האָט ער גאַנצע טעג זיך גענומען ארומדרייען אין וואַלד מיטן מאַגיסטער,

וואָס איז ברייטער ווי לייִנגער געוואָרן פון דעם גרויסן כבוד. איז געשטאַנען ביים הילצערנעם פּאַרקן, האָט זיך אַליך פונדאַסניי גע־לאָזט איבערדערציילן אַלע פּרטים. האָט זיך שטאַרק נאָכגע־פרעגט אַפן אַלטן האַלענדער, מינהער גבריאל אָפּענהיימער וואָן־סטראַטען. האָט געחשבונט. נעמי האָט ער אַפילו קיין איין מאָל ניט געזען, אָבער פון דער גאַנצער מאָזאַאיק האָט ער זיך צונויפ־געשטעלט כמעט אַ ריכטיק בילד.

איצט האָט אויך זיין לאָמפּ געברענט ביז אַ שטיק אינ־דערנאַכט אַריין, אָבער דער פּרעלאַט האָט מער ניט געבלאָנד־זשעט מיט אומזיכערע, זקנישע טריט; פלינק, ווי אַף פעדערן איז ער איצט אַרומגעלאָפן איבער די ווייסע, גרויסע חדרים, זיינע באַוועגלעכע חלומות האָבן אויסגעפילט די צימערן מיט מענטשן און מיט קומעדיקע געשעענישן, טיף און הנאהדיק האָבן זיינע דינע ליפּן געשמייכלט, און אָפטמאָל האָט ער געשעפּטשעט פאַר זיך: „מיר'ן זען, מיין הער געהיימער פינאַנס־ראַט!“ אָדער: „נו, נו, ווער וואָלט זיך דאָס געריכט, עקסעלענץ?“

יאָ, ווער האָט זיך דאָס געקאָנט ריכטן! ער איז געווען אַן אַלטער פוקס, האָט שוין באַשמעקט און באַקוקט דאָס לעבן און די מענטשן פון אַלע זייטן. האָט זיך איינגערעדט, אַז ער פאַר־שטייט צו לייענען אַף מענטשלעכע פּנימער. און ער האָט זיך ווידער אַמאָל איבערצייגט, אַז אַף אָט דער גרויסער וועלט־סצענע איז פאַראַן נאָך מער שמינק און מאַסקעס, ווי אַפילו דער פאַרביסנסטער סקעפּטיקער קאָן זיך נאָר פאַרשטעלן. ווער האָט דאָס גאָר געקאָנט טראַכטן? און אין זיין איינזאַמען, שטילן צימער האָט ער ארויסגערופן פאַר זיך דעם פּנים פון דעם איד. ער האָט צוגעמאַכט די אויגן און האָט זיך איינגעגעסן אין יעדן שטריך באַזונדער, אין די תאוהדיקע רויטע ליפּן, אין די ווייסע, קאַלטע, עלעגאַנטע באַקן, אין דער אומבאַרימהאַרציקער, נצחונ־דיקער גאָמבע, אין די לאָקערנדיקע, האַסטיקע, שוועבנדיקע אויגן, אין דעם גלאַטן ניכטערן שטערן מיט די בעל־חשבון־האַרבעלעך איבער די ברעמען. וועמען וואָלט גאָר איינגעפאַלן צו זוכן הינטער אָט דעם אייזקאַלטן און אייזקלאָרן געשעפטסמאַן און מאַכט־

מענטש די סענטימענטאַלע אידיליע אין וואַלד פון הירזאָו!
נו, מיין הער פינאַנס־דירעקטאָר! איר גערדיינקט, ווי איר זייט
געשטאַנען פאַר מיר אין יענעם גרויליקן אָוונט אין אייער פּאַלאַץ!
וואָס פאַר אַן אופגעוועקטן, גרויסוועלטישן און שמועסגרייטן פּנים
איר האָט דאָס געמאַכט! יאָ, מיין הער העברעער, דעמאָלט האָט
איר מיר געזאָגט, איך זאָל זיך אַביסל מער צוזאַמעננעמען. אמת,
איך בין טאַקע געווען אין יענעם אָוונט אַביסל אָפּגעלאָזן און
האָב צופיל געפּלאַפּלט און זיך אופגעפירט ניט אינגאַנצן
מעשה וועלטמאַן. איך בין טאַקע געזעסן זייער עלנט אין דער
צייט, וואָס איר זייט געשטאַנען פאַר מיר אַזוי שלאַנק און עלע־
גאַנט, און די מאַרך פון מיינע ביינער האָט זיך טאַקע ביי מיר
— מאָדנע געברעקלט. יאָ, יאָ, כ׳וואָלט טאַקע נייגעריק געווען
צו זען, ווי אייער עקסעלענץ וועט זיך פירן אין אַן ענלעכן
פאַל.

דער קירכראַט־דירעקטאָר איז געבליבן שטיין אין מיטן
גאַנג דורכן צימער. דער לאָמפּ האָט שטיל געשיקט זיין שיין
דורכן ברייטן רוים, אַ נאַכט־פלעדערל האָט אומגעלומפּערט גע־
זשומעט, די סך ביכער ארום האָבן שטום און געלאַסן געקוקט,
דורכן אָפענעם פענצטער איז אריינגעדרונגען דער שטאַרקער
אָטעם פון באַנאַכטיקן וואַלד. איז דאָס געווען נקמה, — דאָס,
מיט וואָס ער האָט זיך דאָ איצט אָפּגעגעבן? זיינען דאָס געווען
נקמה־פּלענער? פע, ער האָט זיך ניט פאַרנומען מיט אַזעלכע
פּשוטע און ברודיקע קליינקייטן. ער איז נאָר געווען — יאָ,
וואָס איז ער געווען? — ער איז געווען נייגעריק, נייגעריק, צו־
צוזען, ווי דער איד וועט זיך האַלטן. צי ער וועט אויך אַזוי
פלוצים לאַבערדיק און אַלט ווערן, און וואָס ער וועט בכלל טאָן.
אָ יאָ, דאָס וועט בלי־ספק ווערט זיין צו זען, דאָס וועט זיין אַ
גוטער משל, אַסך אינטערעסאַנטער פון דעם, וואָס מען לייענט
געוויינטלעך אין די ראָמאַנען און וואָס מען זעט אין די קאָ־
מעדיעס.

„לאָמיר זען, עקסעלענץ! אָט איז דאָס, מיין הער געהיימ־
ראַט!" האָט דער פיינער, עלעגאַנטער פּרעלאַט צו זיך געזאָגט.

מיט אַ הנאהדיקן, ברייטן שמייכעלע. נאָכדעם האָט ער זיך זייער אופגעלייגט געזעצט איבער זיין פירוש צו דער ביבל. מיט אראָפּ־וואַרפנדיקע, חוזקדיקע אויגן האָט ער געקוקט אַף די חשובע אַרבעטן פון אַלע פריערדיקע מפרשים, די שטרייננגע געלערנטע און ניט־איבערגעשפּיצטע לייט, און זיין ווערק האָט פלינק און לעבעדיק זיך געריכט פון אָרט.

---

און דערווייל האָבן אין שטוטגאַרט די משולחים פונם ווירצבורגער ביסקופּ שטיל און פאַרביסן געאַרבעט. איצט זיינען אופגעקומען נייע מענטשן, דערעיקרשט מיליטערלייט, וואָס האָבן ווייניק וואָס געקוקט אַף זיסן און האָבן לחלוטין ניט פאַר־באָרגן זייער פאַראַכטונג צו דעם איד. צווישן זיי איז געווען דער גענעראַל גראַף פאָן־רעדער, אַ גראָבער נפש, און דער קאָמענ־דאַנט פון אַספּערג, אויבערשט־לייטענאַנט פאָן בווגהויזן, ווייטער נאָך אַ גאַנצע מחנה פון רעשנדיקע און לעבעדיקע אָפיצירן, וואָס האָבן איצט ניט אַף א מינוט אָפּגעלאָזן דעם הערצאָג, די קאַ־פיטאַנען טאַרנאַקאַ און לאַובסקי, דער ריטמייסטער בוקאָוו. און נאָך אַן אָפיציר, וואָס איז באַזונדערש דערווידער געווען זיסן, מאַיאָר פאָן־רעדער, דעם גראַפס אַ פלימעניק, קאָמענדאַנט פון דער שטוטגאַרטער בירגער־בריגאַדע, פונם שטאָטישן רייטער־קאָרפּוס, אַ שרייער מיט אַ נידעריקן שטערן און גראָבע לאַפּעס, וואָס האָבן נאָך אומגעלומפּערטער אויסגעזען אין הענטשקעס. אָבער מער פון אלעמען פאַרהאַסט און דערווידער איז פאַר דעם איד אליץ געבליבן יענער דאָס באַרטעלעמי פּאַנקאָרבאָ, דער קורפּפאַלצישער געהיימראַט, דירעקטאָר פון דער טאַבאַק־מאַנו־פאַקטור, דער יווועלן־הענדלער, וואָס איז איצט פונדאָסניי אופ־געשווומען, ווי שטענדיק מיט דער אופגעהויבענער רעכטער פּלייצע, און שטרייננג־צערעמאָניעלע, אַלט־פריינקישע פּאַרטוגעזישע הויף־מלבושים מיטן בלוי־רויטן, אויסגעדאַרטן פּנים איבער דעם גוואַלדיק־ברייטן שפּיצן־קאָלנער, און האָט פון זיינע לייגלעכע, שטייפע, שמאָלע אויגן געלאָקערט אַף אים.

אָט די אַלע, דערצו נאָך די פריערדיקע שונאים, — רעמכינגען, דער קאמערדינער נייפער — האָבן איצט מיט לייב און לעבן זיך אפגעגעבן דעם קאטוילישן פראיעקט. זיס האט געהאט א ווייטן בליק איבער דער גאנצער זאך, ער האט געזען פיל ווייטער און קלארער, ווי די אַלע לעקישעוואטע אפיצירן. אבער ער האט געשפירט, אז ער איז אויסגעשלאסן פון דעם פראָ־יעקט. וועגן די וויכטיקע נייס פלעגט ער זיך דערוויסן בדרך אגב, אָדער ער פלעגט זיך גארניט דערוויסן; און נאר בעת מען האָט זיך שוין ניט געקאָנט באגיין אָן זיין פינאנס־טעכנישער עצה, האָט מען אים מיטגעטיילט דאָס און יענס, אַזוי פון אויבן אראָפּ, אָן שום חשק, און איינמאָל, ווען ער האָט פאָרזיכטיק געפּרוווט ווייטער ארייננדרינגען, האָט אים דער הערצאָג גראָב אָנגעשריען, ער זאָל איינמאָל פאר אלעמאָל אופהערן צו שפּיאָנירן. ווען עס וועט קומען די צייט, וועט מען אים דאָס אפשר אליין געפינען פאר נויטיק צו זאָגן.

קאַרל אלעקסאנדער, וואס איז געזונט געווארן גיכער, ווי ער האָט זיך גערעכנט, איז איצט געווען זייער טעטיק און גוט געשטימט. דערצו איז נאָך צוגעקומען, וואָס די איבערבעטעניש מיט מאריע אויגוסטע, וואָס דער ווירצבורגער האָט אויסגעפועלט, האָט אויך געבראכט גוטע רעזולטאטן; די הערצאגין איז פאר־גאנגען אין טראגן. דאָס פאלק האט זיך דערוווּסט פון דעם נייס מיט ניט קיין באזונדער גרויסער הנאה. ווען דער הערצאג וואָלט געשטאָרבן, ניט איבערגעלאָזן קיין יורש, וואלט די פראָ־טעסטאנטישע ליניע ווייטער געקומען צו דער ממשלה; איצט אָבער וועט מען שוין אין גאנצן און אף אייביק פאַרשקלאפּט בלייבן ביי רוים און ביי די יעזואיטן. די באפוילענע גאט־דינסטן, ווו מען האָט געמוזט מתפלל זיין פאר דער הערצאָגין, זיינען זייער שיטער באזוכט געווען; עס זיינען געקומען נאר די, וואס האָבן געמוזט קומען.

דער הערצאג אבער האָט אויסגעדריקט זיין פרייד אף אַן אומגעלומפערטן אופן. ער פלעגט אָלעמען דערציילן וועגן זיין יורש, וואס דארף קומען. איבער זיין פליישיקן, לייכטזיניקן פנים

האָט זיך ברייט פאַנאַנדערגעגאָסן אַ הנאה, ער האָט געמאַכט גראָבע וויצן, האָט אַרומגערינגלט מאַריע אויגוסטע מיט אומגעשיקטער אַפגעהיטקייט. זי ווידער איז גאָרניט צופרידן געווען מיט איר מעוברתדיקייט. זי האָט זיך געשראָקן פאַרן אָנווערן די שיינע געשטאַלט, זי האָט פחד געהאַט, אַז דאָס קינד זאָל איר ניט שטערן, דאָס האָבן אַליין האָט איר געשראָקן און אָפּגעעקלט צוגלייך; אַחוץ דעם איז איר דער גאַנצער ענין פון זיין אַ מוטער אויסגעקומען עפּעס ווי אַ נידעריקע זאַך, וואָס פּאַסט לחלוטין ניט פאַר אַן אַריסטאָקראַטין. זי האָט אַפילו געטראַכט וועגן באַזייטיקן די מעוברתדיקייט, און האָט שוין אַפילו געגעבן וועגן דעם אָנצוהערעניש דורך רמזים דעם דאָקטאָר וועגדעלין בריוער. אָבער דער מעדיקוס האָט זי ניט פאַרשטאַנען, אָדער זיך געמאַכט ניט פאַרשטייענדיק. מיט זיינע ברייטע, ווי מחילה־בעטנדיקע תּנועות און מיט זיין אויסגעהוילטן געמאַטערטן קול האָט ער גערעדט וועגן דאָס גליק פון זיין אַ מוטער, ער האָט געבראַכט משלים פון פאַרצייטן, האָט דערמאָנט די מוטער פון די גראַקכן און פון די אַנדער העלדישע מאַמען, וואָס האָט געזאָגט, זי וויל בעסער, מען זאָל איר זון ברענגען צו איר פון מלחמה־פעלד אַפן שילד, איידער ער זאָל קומען אָן אַ שילד. שווער אָפּגעזיפצט, האָט מאַריע אויגוסטע אָפּגעלאָזן אירע פּרווון.

אָבער דערפאַר האָט זי מיט גרויס נייגעריקייט און אינטערעס זיך צוגעהערט, ווי זים האָט איין מאָל ביי אַ געלעגנהייט דערציילט וועגן לילית, דער מלכּה פון די שדים. זי איז געווען אדמס ערשטע ווייב און זי האָט זיך צעקריגט מיט איר מאַן דערפאַר; ווייל ער האָט ניט באַפרידיקט איר תּאווה. דעמאָלט האָט זי, מיטן כּח פון כּישוף, אַרויסגעבראַכט דעם שם־המפורש און איז אוועקגעפלויגן קיין מצרים, דער לאַנד פון אַלע שוואַרצע קונצן, און זינט דעמאָלט, אין טיפער שנאה צו חוהן און צו יעדער נאָרמאַלן משפּחה־לעבן, טוט זי אָן כּלערליי רשעות און פיין פאַר געווינערינס און זייגקינדער. אָבער אין מצרים האָבן זי אָנגעיאָגט די דריי מלאכים, סני, סנסני און סמנגלוף, וואָס גאָט האָט זיי נאָכגעשיקט נאָך איר; צוערשט האָבן זיי זי געוואָלט

דערטריינקען, אָבער נאָכדעם, ווי זי האָט געשוואָרן, אַז זי וועט מער קיין בייז ניט טאָן ניט קיין געווינערין און ניט קיין זויג־קינד, וואָס וועט שטיין אונטערן שוץ פון די דריי מלאכים, האָבן זיי זי אָפּגעלאָזן. זינט דעמאָלט הייזגט מען אויס איבערן בעט פון א אידישער געווינערין אַ קמיע מיט די נעמען פון די דריי מלאכים.

נייגעריק און מיט אַ שטילן שרעק אין האַרצן, האָט די הערצאָגין בסוד געפרעגט ביים איד, צי ער קאָן איר באַקומען אָט אזא קמיע. ער האָט מיט הייסער הכנעה זיך באלד אָנ־געכאַפּט פאר דעם און איר צוגעזאָגט דאָס צו ברענגען. שפּעטער האָט זי וועגן דעם דערציילט איר גייסטלעכן, פּאַטער פלאָריאַן. יענער האָט זי שטרענג און צאָרנדיק געוואָרנט פון דעם. אָבער זי איז דאָך געבליבן ביי דאָס אירע, געוואָלט ניט אַנדערש באַקומען די קמיע, מיט דעם איז מען דאָך געווען עפּעס זיכערער, און שפּעטער, נאָכן באַנוצן, מעג מען דאָך זיך מתודה זיין אַף דעם.

בכלל האָט זי, ווי איר שטייגער, זיך באַצויגן צו איר מעוברתדיקייט מיט אַ לייכטן ביטול און חוזק. זי האָט זיך אויפ־געפירט ווי עמיץ, וואָס איז ארוים פון שטוב אין לייכטע זומער־מלבושים, איז דורכגעווייקט געוואָרן פון אַ גוס רעגן, און ביז זיינע קליידער וועלן אויסטריקענען האָט ער דערווייל ארופגעצויגן אַף זיך פויערשע מלבושים, און מאַכט אַליין חוזק פון דער פאַר־שטעלעניש.

אזוי איז זי געזעסן אין ניטל־אָוונט געפּעשטשעט און שיין, איינגאַנצן פארוויקלט אין ווייסע לופטיקע שפּיצן, וואָס פון זיי האָט גנביש ארויסגעקוקט דער עגדעש־קאָפּ, מיטן קאָליר פון אַלטן, איידעלן מירמלשטיין. ארום איר האָט זיך געקליבן די קליינע געזעלשאַפט מקורבים, וואָס זיינען אפן היינטיקן אָוונט איינ־געלאַדן געווען. דער הערצאָג האָט ניט געהאַט קיין חשק צו רופן זיסן, אָבער מאַריע אויגוסטע האָט, זינט איר העפלעכער און שפּאַסיקער הויף־איד האָט איר דערציילט די מעשה מיטן מיטל קעגן לילית, געהאַט מיט אים עפּעס א געהיימען אָפּ־

מאַך אָן ווערטער, און אין דעם אָוונט האט זי אויך ניט אַנדערש געוואָלט אים האבן ביי זיך. איצט, בעת ער איז אזוי איזאלירט געווען, האט אים באַזונדער הנאה געטאָן, וואס מען האט זיך אָן אים דערמאָנט. און פון דאַנקבארקייט האט ער געשאנקען דער הערצאָגין אַ זייער שיינע געמע מיט אַן אויסגעשניטענעם בילד פון א זויגקינד און א רייצנדן כינעזישן קינדער־קלאַפּערל פון פאָרצעלאַי און העלפאנדביין. אבער אלס דריטע מתנה האט ער איר מיט א שמייכעלע סודותפול דערלאנגט אַ גאָלדן שקעטעלע. זי האט געוווסט, אַז אינעווייניק ליגט די קמיע.

אָבער די אַנדערע איז ניט געפעלן געווען, וואָס זיס שטייט נאָך אַלץ אין חן, וואָס ער האָט זיך דעם אָוונט אויך אַריינגעדרייט אין הערצאָגלעכן שלאָס, און זיי זיינען אים באַפאַלן מיט אומגעלומפּערטע, בייסיקע וויצן. דער הערצאָג האָט איבערגעחזרט רעמכינגענס אַ ווארט און האָט געוואָרנט מאַריע אויגוסטע, זי זאָל זיך ניט פאַרקוקן אַפן איד, כדי ווירטעמבערג זאָל ניט באַקומען קיין הערצאָג מיט אַ קרומער נאָז. מאַריע אויגוסטע האָט נאָר צוגעשמייכלט. בשתיקה האָט זי געגלעט דאָס קליינע שקעטעלע; בשתיקה, כדי די אַנדערע זאָלן ניט זען, האט זי ארויסגענומען, וואס אינעווייניק איז געלעגן, האט דאָס באַטראַכט: אַ שטיקל פּאַרמעט, באַשריבן מיט רויטע, פּירקאַנטיקע אידישע אותיות; און צווישן די אותיות האָבן זיך געשלענגלט און געפלאָכטן מיט אומרואיקע תנועות געגרייזלטע פיגורלעך האָבן התראהדיק און קאָמיש ארויסגעקוקט פרימיטיווע פייגעלעך.

זיס האָט אויסגעהערט אלע שטאָכן און גראָבע אָנפאַלן מיט זיין שטענדיקער אופמערקזאַמקייט און געלאַסנקייט. שפּעטער האָט ער געזאָגט דעם הערצאָג און ווייסענזסע, אַז ער האָט געהערט, ווי זיי האָבן זיך איינמאָל געהאַמפּערט וועגן דעם, וועלכער נוסח אין דער ווייַנאכט־עוואַנגעליע איז דער ריכטיקער: דער עוואַנגעלישער „און אַ נחת רוח פאַר די מענטשן", אָדער דער קאַטוילישער — „פאַר די מענטשן מיט אַ גוטן ווילן". ער איז גליקלעך, וואס ער איז כביכולת אביסל באַהילפיק צו זיין אין אויסטייטשן אַט דעם הארבן אָרט. ביידע האַרן האבן אים פאַר־

חידושט אָנגעקוקט, אויך די אנדערע פאַרזאַמלטע זיינען אַנטשוויגן געוואָרן און מיט אַן אויסדרוק פון חוזק און אומגלויבן זיך געקליבן האָרכן; זיס האט זייער העפלעך און געלאַסן געזאָגט, אז זינט דער צייט פון פּראָפעסאָר ברוך ד׳עספּינאזאַ, וואס דער פאַרשטאָרבענער פּפאַלצישער קורפירשט האט געהאַט בדעה אים צוצוציען צו זיין אוניווערסיטעט אין היידלבערג, האבן פיל אידן אָנגעהייבן וויסנשאַפטלעך פאַרטיפן זיך אין דער ברית=החדשה, און וועגן דעם ספקדיקן טעקסט האט ער אָנגעפרעגט ביי זיינעם אַן אַמסטערדאַמער געשעפטפריינט, און יענער האט אים מיטגעטיילט, אַז אין גריכישן טעקסט שטייט געשריבן „אוידאָקיאַס״, וואָס די לאַטיינישע ווולגאַטאַ און די קאַטוילן האבן ריכטיק איבערזעצט מיט „גוטער כונה״, ערזאַמוס אָבער האט אָפּגעדרוקט זיין ביבל לויט אַ מאַנוסקריפּט, ווו ס׳איז על=פּי=טעות פאַרצייכנט געווען „אוידאָקיאַ״, אָן אַן „ס״ צום סוף און לוטער האט דאס דעריבער איבערזעצט „נחת רוח״. אזוי ארום האט דער אלזייטיקגעלערנטער הער קירכראַט אין דעם פאַל א טעות, דער לוטעראַנישער פּירוש איז דאָ פאַלש, און זיין דורכלויכט דער הערצאָג האָט דעם ריכטיקן טעקסט.

זיס האט די גאַנצע אויסטייטשונג ארויסגעבראַכט זייער ביישיידן, העפלעך און זאַכלעך. זיינע אויספירן זיינען געווען אזוי קלאָר און אַלגעמיין=פאַרשטענדלעך, אז אפילו עטלעכע אפיצירן האָבן דאס אויך תופס געווען; און מאַריע אויגוסטע איז זייער צופרידן געווען מיט דער קלוגשאַפט פון איר הויף=איד. אָבער אַלע אַנדערע האָבן זיך געבייזערט, הלמאי א איד האָט אין דעם היילִיקן אוונט מיט אזוי פיל מבינות אויסגעטייטשט אַ עוואַנגעליעטעקסט, און רעמכינגען האט געשריען, אז איצט משמעות, האַנדלען שוין מער ניט די אידן נאר מיט וועקסלען און יווועלן אַליין, נאָר זיי פאַרשאַכערן שוין גאָטס וואָרט אויך. וויסענזע האט גענומען ריידן וועגן דער פּרוי אין נייעם טעסטאַמענט, געגליכן צו שלמה המלכס טויזנט ווייבער. ער האט גערעדט לייכט און ביי=געוודיק, ווי שטענדיק. אָבער פון זיינע ווערטער האָט ארויסגע=הילכט עפּעס פאַרבאַהאלטנס, פאַרביסנס, אזוי אַז מאַגדאַלען סי=

בילע איז שטארק בלייך געווארן און די הענט האבן איר גענומען פרירן.

שיין און שלאַנק איז זי געזעסן ביי דער זייט פון דער קאַפּריזער, צירלעכער מאַריע אויגוסטע. די הערצאָגין האט געהאלטן איר האנט, זי געצערטלט, עס איז איר וויל באַקומען צו גלעטן מיט איר קליינער, פּוכיקער הענטל די גרויסע האנט פון דער מיידל. מאַגדאלען סיבילע האָט איצט פונדסאָניי און ליידנשאַפטלעכער ווי פריער געקעמפט מיט זיך צוליב זיס. דעם פּאָליטישן מצב האט זי ניט קלאָר אָפּגעשאצט, אָבער דאס האט זי געזען, אז ער איז איצט געשטאַנען גאָר אליין, אז ער איז אַרומגערינגלט מיט שונאים, און ער איז איר אויסגעקומען, ווי א שלאַנקער, בויגעוודיקער פּאַנטער צווישן אומגעלומפּערטע, באַוואקסענע בערן. מיטן הארצן האט זי אויך געשפּירט די משונהדיקע פארפלעכטונג צווישן אים און דעם הערצאָג און צווישן אים און איר פאָטער.

זיס האָט געזאָגט אַזוי כל אחר יד, אז ניט די פרויען פון אַלטן טעסטאַמענט און ניט פונם נייעם זיינען לויט זיין גוסט נאָך. די ערשטע זעען אים אויס צו העלדיש, די צווייטע — צו סענטימענטאַל. און זיינע אויגן האָבן מיט אַ באַדייטונגפולן שמייכעלע זיך געגליטשט פון דער הערצאָגין צו מאגדאלען סיבילע, פון דער רויט=בלאָנדער, גראַנדיאָזער און אויסגערעכנטער מאַדאַם דע=קאַסטראָ, וואָס איז איצט שוין שטארק אָפּגעקילט געוואָרן צו אים, אָבער זי האָט זיך פון שידוך נאָך אַלץ ניט געוואָלט אָפּזאָגן אינגאנצן, צו די צוויי צוקער=זיסע דאַמען געץ, דער מוטער און דער טאָכטער, ווי פון איין פורעם אויסגעגאָסן, און וואָס אַרום זיי האָט דער הערצאָג זיך נאָך אַלץ, אָן הצלחה געדרייט.

רעמכינגען האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דער טעמע וועגן אלטן טעסטאמענט. מיט זיין אויסגעווייקטן ווינער לשון, וואָס ער האָט אים געהאַלטן פאר באַזונדערס אריסטאָקראַטיש, האָט ער געזאָגט, אַז וועדליק מען הערט, ווי די אידן ריידן, מוז דער אלטער טעסטאמענט אין דער מקור=שפּראַך קלינגען זייער ווילד און

אומגעלומפערט. „מיינט איר, עקסעלענץ", האָט זיס זייער העפלעך אים געפרעגט, „אז דער אויבערשטער האָט גערעדט מיט אדם אין גן־עדן אפן ווינער לשון, אָדער אף העברייאיש?" די הערצאָגין האָט געלאַכט, זיך געפרייט מיט איר אידנס שאַרפן צינגל, איבער רעמכינגענס פסק. זי האָט בשתיקה אַ גלעט געטאָן דאָס שקעטעלע מיט דער קמיע און האָט אין א רגע פון שטילשוויגעניש פיין און צערטלעך געלאָזט ארייַנקלינגען די גלעקעלעך פון דעם קלאַפערל. אָבער דער גראף רעדער האָט געפונען פאַר נויטיק אונטערצוהאלטן רעמכינגען. ער האָט געזאָגט צו דער הערצאָגין, אז עס איז א נס, וואָס איר דורכלויכט האלט נאָך ניט ביים געלעגן ווערן. די קינדער, וואָס ווערן געבאָרן היינטיקע נאכט, זיינען פארמשפטע קינדער. און די רייד האָבן סוף כל סוף אלעמען ארופגעפירט אף דעם וועג, וואָס מען האָט אים שוין פון לאנג געוואָלט דערגרייכן, און מען האָט גענומען מיט גרויס חשק און מיט אלע פרטים ארומריידן דעם עסלינגער קינדער־מאָרד. זיס האָט די גאנצע צייט פארעקשנט געשוויגן. די אָפיצירן זיינען לחלוטין איבערצייגט געווען דורך דעם באַוויז, וואָס די מיידל איז געווען אַ געבאָרענע אין דער ניטל־נאכט. מער ניט דע־ריאָל, דער פריידיינקער, האָט געזאָגט, אז אויב די אלע געבאָרענע אין דער ניטל־נאכט דרויט טאקע א סכנה מצד די אידן, וואלט דאך יעזוס זיך אויסגעקליבן אן אנדער נאכט געבארן צו ווערן; דעמאלט וואלט אים ניט אויסגעקומען צו שטארבן אפן קרייץ, און די מענטשהייט וואלט פארשפארן צו באקומען דעם קריסטלעכן גלויבן.

דערווייל האט דער געהיימראט פאנקארבאָ געבעטן די הערצאָגין אים צו דערלויבן פון נאָענטן צו באטראכטן זיס' מתנות. מיט זיינע אויסגעדארטע, בלאָ־רויטע, פאָדאגרישע פינגער האָט ער זיי באטאפט, זיי צוגעטראָגן הארט צו דער רויבפויגלנאָז און זיי גענוי באקוקט מיט די פארשטארטע, לייַנגלעכע, טיףאייַנגעגראָבענע אויגן; נאָכדעם האָט ער גערעדט וועגן דעם אָנווערטיקן מאטעריאל, וואָס פון אים זיינען געמאכט זיס' מתנות, און דערציילט, אז אינם האנדל מיט צירונג איז אייַנגעפירט א

מנהג אועלכע חפצים אומזיסט צו פארטײלן. און מיט רשעות האָט ער אָנגעוויזן, אנטקעגן דעם, אף דעם אומגעהויערן ווערט פונם סאָליטער, וואָס זים טראָגט אף זײן אײגענעם פינגער. און זײנע אויגן האָבן געריק ארויסגעבלישטשעט פון זײערע טיפע באַ־העלטענישן. אָבער מאריע אויגוסטע האָט פארטײדיקט איר איד. דאָס איז נאָך ניט אלץ, וואָס ער האָט איר געשאָנקען, האָט זי געזאָגט מיט איר שוועבנדיקער, לײכט־חוזקדיקער שטים, און זי האָט געוויזן די קמיע און דערצײלט די געשיכטע וועגן לילית. אלע האָבן, אביסל דערשראָקן, זיך צוגעהערט, מיט לײכטן פחד באקוקט די פרימיטיווע פײגעלעך, די פירקאנטיקע, אומהײמלעכע אותיות אפן פארמעט. צום סוף האָט קארל אלעקסאנדער מיט א הויכן, אביסל געצווונגענעם געלעכטער, פארטריבן די אלגעמײנע געלײמטקײט און האָט גענומען שפּאָטן, אז זי וועט נאָך מיט דער צײט ווערן א אידישקע, אָבער זי מעג זיך, לכל־הפחות, פרײען, וואָס זי וועט ניט דארפן מאכן איבער זיך קײן ברית מילה.

נאָכן עסן האָט ער אָפּגערופן זים אָן אַ זײט, אים גע־פּאַטשט איבערן פלײצע און געוועזן זײער צוגעלאָזן צו אים. זײן פשוטע און קלאָרע דערקלערונג פון דעם קאטוילישן און עוואַנ־געלישן טעקסט און דער אופן, ווי ער האָט דאָס אויסגעטײטשט, איז געווען זײער אינטערעסאנט. נאָכדעם האָט ער אריבערגעפירט דעם שמועס אַפן מקובל און זיך נאָכגעפרעגט, צי מען וואָלט אים ווידער אמאָל ניט געקאנט קריגן צו זען. ער ווײס דאָך געווים, אט וועגן יענעם ענין, וואָס ער האָט ניט געוואָלט ארויס־זאָגן. זים האָט אויסגעמיטן צו געבן אַ גראַדן ענטפער. קארל אלעקסאנדער איז ניט שטארק צוגעשטאנען, האָט צוגעגעבן, אַז ס'איז טאקע אמת, עס איז ניט פון די לײכטע זאַכן דעם אַלטן בײצוקומען, ער איז אַ האַרבער פעטער. אבער אײנס מוז זים אים פאַרשאַפן פון דעם אַלטן: א האראסקאָפּ בנוגע דעם, וואָס ער האָט אין דער צוקונפט צו דערווארטן פון די ווײבער — גוטס אָדער שלעכטס. ווײל נאָך דער פאַסירונג מיט דער נעאַפּאָליטאַנערין, נאָך דער פאַרשלעפּעניש מיט דער הערצאָגין, נאָך די אַלע נאַ־

רישע, צירלעך־מאנירלעכע וואַקלעניִשן פון דער מוטער און טאַכ־כער געיִן, וויל ער טאַקע וויסן, ווו ער האַלט אין דער וועלט, און ס'וועט זייער רעכט זיין, ווען זים וועט אַרויסבאַקומען פון דעם מקובל אַ האַראָסקאָפּ פאַר אים. נאָכדעם, ווי ער האָט פאַר־שאַפט דער הערצאָגין די סגולה, וועט ער אים אויך טאָן די געפעליקייט; און ווייבאַלד ער האָט דורכגעפירט אַזאַ שווערן ענין, ווי די אויסטייטשונג פון דעם שפּראַך, וועט דאָך דאָס צו דערגיין פאַר אים זיין גאָר פון די גרינגע זאַכן. זים האָט בשום אופן ניט געקאָנט אָפּזאָגן, האָט זיך געקווינקלט, האָט נאָכ־געגעבן.

אין גיכן איז מען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען. די קאַטוילן זיין נען נאָך אַוועק אין דער שלאָס ־ קאַפּליצע צום באַגינען ־ גאָט־דינסט. ווייסענזע האָט געבעטן ביי זים די דערלויבעניש אים צו־באַגלייטן.

זייערע קאַרעטעס האָבן זיי אָפּגעשיקט פאָרויס, און אַליין צופוס געגאַנגען. די נאַכט איז געווען לעפּלעך, ס'האָט געבלאָזן אַ שטאַרקער ווינט. ווייסענזע האָט גענומען ריידן. ער האָט זיך געחידושט, וואָס די מזרחדיקע לעגענדעס זיינען אַזוי אַריינגעדרונ־גען אומעטום און זיך איינגעוואָרצלט אין אַלע ווינקעלעך פון דער וועלט. ער האָט גערעדט וועגן דעם דייטשן וואַלד, און ווי מאָד־נע עס איז, ווען מען בויט אויס אין רעכטן מיטן פון דייטשן וואַלד אַ מזרחדיקן בנין. אין זיין געגנט, אין וואַלד פון הירזאַו, איז איינער אַ האַלענדער געפאַלן אויף אָט דער משונהדיקער המצאה. און אָט אַזוי שמועסנדיק איז מען דערגאַנגען ביז צום הויז פון דעם איד, און דער קירכראַט־דירעקטאָר האָט זיך דאָסמאָל אָפּגעזעגנט באַזונדערס צערעמאָניאַל און דאַנק־באַר. באַלד, ווי עס וועט נאָר פאַרטיק ווערן זיין פירוש אויף דער ביבל, וואָס אין אים וועט די היינטיקע ליבנסווערדיקע מיטיילונג פון זים ספּעציעל אַרומגערעדט ווערן, וועט ער זיך נעמען דעם כבוד איבערצוגעבן דעם הער פינאַנסדירעקטאָר דעם ערשטן עק־זעמפּלאַר פון דעם ווערק.

זיס איז געגאנגען דורך דעם האלב טונקעלן קאָרידאָר. אין די אויערן האט אים אפגעקלונגען: „א, דו פריילעכע, א, דו הייליקע, א דו ליכטעליקע ווייגאכט-צייט!" מיט שטילע טריט איז אָנגעקומען דער קאמענדאנער, האָט געפרעגט, צי זאָל ער שוין העלפן זיין דורכלויכט זיך אויסטאן צום שלאפן גיין. זיס האָט אים ארויסגעשיקט. ער האט ניט געקאנט שלאפן. עס איז טאקע אמת, אַז דאָס, וואָס דער אלטער פוקס האט אים דאָ דערציילט וועגן הירזאו, האָט אייגנטלעך אויסגעוויזן צו זיין אומשולדיק, און דערצו איז דאָס הויז פון זיין פעטער גאָר ניט מזרחדיק געווען; אָבער צי איז דען אין ווייסענזעס רייד ניט געלעגן אמאָל א באַהאַלטענע כונה?

ער האָט זיך געזעצט איבער זיינע פאפירן, אבער אפילו די ציפערן האָבן אים איצט אויך ניט אָנגעקוקט מיט דער קאַלטער זאַכלעכקייט, וואָס שטענדיק. דער געגריילטער געפלעכט פון ווייסן הייזלע מיט זיינע בלומען האָט זיך געקלאַמערט אָן זיי. ער האָט א שליידער געטאָן פון זיך די געגזענע פען, האָט גענומען גיין אהין און צוריק אין שווערע, אומהיימלעכע געדאנקען, און פון אַלע זייטן האָט זיך דערטראָגן דער געקלאנג פון די גלאָקן צום פרימאָרגן-גאָטדינסט.

יצחק לאַנדויער איז געזעסן אין איינעם פון זיס פראַכטפולע לענשטולן אין אַן אומבאַקוועמער און געצוווּנגענער פאָזע. וועגן די געשעפטלעכע ענינים האָט מען שוין געהאַט אָפגעשמועסט, און איצט האָט זיס נערוויז געוואַרט, אַז דער גאַסט זיינער זאָל שוין אַרויסריידן, וואָס ער האָט אַפן האַרצן. אָבער יצחק לאַנדויער האָט זיך ניט געאיילט. ער האָט זיך פּאַמעלעך געקאַמט מיט די פינגער דאָס רויטע, אָפגעבליאַקעוועטע בערדל און געזאָגט: „יאָ, דער פראָצעס קעגן ר' יחזקאל זעליגמאן פריידנטאל וועט, הייסט עס, שוין פאָרקומען אין פיר וואָכן אַרום. א שרעק, ר' יוסף זיס. פאַר אייך מוז דאָס באַזונדערס אימהדיק זיין. אָט האָט איר זיך אייערע לאַקייען, אייערע כינעזער, אייער גאָלדענע קאַמזויל, אייער פּאָפּוגיי. די עסלינגער לאַכן זיך אויס פון דעם אַלעמען און זיי ברייגגען זיך אום דעם אומשולדיקן ר. יחזקאל זעליגמאַן

פרײדנטאַל.״ זים האָט געשװיגן, און לאַנדױער האָט װײטער גע־
רעדט: „בעת איך האָב אײך דערצײלט װעגן דעם ראַװענסבורגער
קינדערמאָרד, האָט איר געמאַכט אַ גאַוהדיקן פּנים, װי אַ גױ,
און האָט געזאָגט: אַלטע מעשׂיות. אָט האָט איר אײך אײערע
אַלטע מעשׂיות. איצט טאַנצט שױן דאָס שלימזל פֿאַר אײער
נאָז.״

אָבער יוסף זיס האָט פֿאַרביסן די ליפּן און געשװיגן. בעת
ס'זײנען אָנגעקומען די ערשטע ידיעות װעגן די מעשׂים פֿון דער עסלינגער
מאַכט, האָט ער, נאַטירלעך, באַלד פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס אַלץ
איז אָנגעשטעלט געװאָרן צוליב אים, נאָר צוליב אים. ער האָט
געװאָלט עפּעס טאָן, האָט זיך אָבער באַלד געצװוּנגען צו באַט־
ראַכטן אַלע פּראָ און קאָנטראַ פֿון אַן אַרײַנמישונג. װען ער װאָלט
זיך אָנגענומען פֿאַר יחזקאל זעליגמאַן, װאָלט ער דערמיט גע־
שטעלט אין ספק זײן אַדעלונג און זײן שידוך מיט דער פֿאָר־
טוגעזין, װאָלט אַרױסגערופֿן אַן אַ צאָל מחלוקת און מלחמות
מיטן פּאַרלאַמענט און װאָלט געמוזט אָנװערן אַ סך קאָנצעסיעס
בײ די עסלינגער. דורך דעם איז אים שױן זײן טאַקטיק קלאָר
געװאָרן. דעם איד יחזקאל זעליגמאַן האָט ער ניט געקענט. אױב
די עסלינגער זײנען גרײט צו קאָמפּראָמעטירן זײער יוסטיץ דורך
אַ באַשײמפּערל עד־קרומען פּסק־דין, נאָר כדי אים צו ערגערן, זאָלן
זײ דאָס טאָן. זײער זאַך. ער װעט זיך ניט אַרײַנמישן. בלײבן
שטרײנג־נײטראַל. און שװײגן.

און אַזױ האָט ער אױך געטאָן. האָט זיך באַגנוגנט נאָר
דערמיט, װאָס ער האָט זיך מער אָפּגעגעבן מיטן באַשיצן
די ספּעציפֿישע רעכט פֿון די עטלעכע אידן, װאָס האָבן געהאַט די
דערלױבעניש צו װױנען אין הערצאָגטום. אַחוץ דעם האָט ער זיך
דורך קײן שום שטאַבװאָרט און דורך קײן שום חוזק ניט געלאָזן
אַרױסנאַרן פֿון זײן פּאַסיװן װינקל.

אױך אַף יצחק לאַנדױערס רײד, װיבאַלד זײ האָבן אױך ניט
געררײצט, האָט ער ניט געקאָנט געפֿינען קײן ענטפֿער. אָבער יע־
נער האָט זיך פֿאַרעקשנט און ניט אָפּגעלאָזן: „איך, צוזאַמען מיט
נאָך עטלעכע אידן, האָבן מיר אױפֿגעקױפֿט אַלע אָבליגאַציעס פֿון

דער שטאָט עסלינגען, ווען די שטאָט וועט באַשליסן צו מאַכן דעם פּראָצעס, וועל איך מיט אַ וואָך פריער קומען מיט מיינע אַבּליגאַציעס. ווען זיי וועלן אָפּלאָזן, וועל איך אויך אָפּלאָזן. וועלן זיי צוקוועטשן, וועל איך אויך צוקוועטשן. אָבער מען קאָן גאָר־נישט וויסן," האָט ער פאַרדאַגעט פאַרענדיקט און זיך געריבן די פרידנדיקע הענט. „די גוים זיינען געשטראָפט מיט כּלערליי רשעות און שטות. און ווען עס דערגייט צו אַ אידן, ווילן זיי בּעסער בּלוט, איידער געלט. און איר, ר׳יוסף זיס?" האָט ער אים געשטעלט די שאלה גראַד, ווייל מען האָט פון אים נאָך אַלץ קיין וואָרט ניט געקאָנט אַרויסבּאַקומען.

זיס האָט, נאָך אַ לאַנגער צוגרייטונג, געענטפערט, זיך אַרויסדרייענדיק: „איך קען ניט דעם איד זעליגמאַן. אין מיין בּאַ־צירק וועל איך שוין געפינען מיטלען ווי צו באַשיצן זיך און אַלע אידן."

יצחק לאַנדויער איז אַרויס פון די כּלים: „ער קען ניט! ער וועט שוין געפינען מיטלען, ווי צו בּאַשיצן! וואָס זאָל דאָס בּאַטייטן! זיצט זיך דאָ מיט זיינע לאַקייען, זיין גאָלדענעם קאַמ־זויל, מיט זיינע כּינעזער — און קען ניט! און וועט געפינען מיט־לען זיך צו בּאַשיצן! לאָזט זיך זאָגן פון אַן אַלטן געשעפטסמאַן: צו וואָס אָט די גאַנצע שמאַטעריי, ווער גלויבּט אָט דער גאַנצער שמאַטעריי, ווער לאָזט זיך דען גענאַרן, קוים זייט איר ניט בּכוח צו בּאַשיצן ר׳ יחזקאל זעליגמאַן פריידנטאַל?" און ער האָט אופ־געבּראַכט גענומען פאָכען מיט די הענט פאַר יענעמס פּנים, זיין קאַפּאָטע האָט צאָרנדיק געפלאַטערט: „פּאָפּוגייעס, גאַבּעלענס, שטיי־נערנע פיגורן! און צו וואָס דאַרף מען שטיינערנע פיגורן?" האָט ער גיפטיק געחוזקט. „משה רבּינו און שלמה המלך האָבּן דאָך קיין מאָל אין לעבּן ניט אויסגעזען אַזוי ווי אייערע שטיינערנע פיגורן! און די אויגן זיינען בּיי זיי אויך ניט געווען צוגעמאַכט. אַניט וואָלטן זיי דאָך ניט אויפגעטאָן דאָס אַלץ, וואָס מיר וויסן פון זיי." און ער האָט היציק געקוקט פאַר זיך, אויפגעבּראַכט דורך יענעמס געלאַסענעם שווייגן.

„קיין ערלעכער איד וועט מיט אייך שפּעטער ניט וועלן האָבן קיין געשעפטן," האָט ער פּלוצלונג אַרויסגעפּלאַצט מיט זיין לעצטן טרומף. אָבער זיס האָט געקוועטשט מיט די אַקסלען: „מיט געוואַלד וועט מען פון מיר גאָרנישט אַרויספּרעסן," און ער האָט זיך אָפּגעקערט. פאַר יצחק לאַנדויער איז איצט געבליבן נישט מער, ווי צו פאַרלאָזן די שטוב, עפּעס מורמלענדיק און שטאַרק פאַנאַנדערקאַמענדיק מיט די פינגער דאָס שיטערע בערדל.

אין עטלעכע וואָכן אַרום, קורץ פאַרן עסלינגער פּראָצעס זיינען אין זיס' וואַרטצימער געשטאַנען אַ מנין אידן, בראש מיט רבי יעקב יהושע פאַלק, דעם קליינעם, דאַרן פראַנקפורטער רב מיט די איינגעפאַלענע אויגן; מיט אים דער פּרנס און די דריי חשובסטע בעלי־בתים פון דער קהילה, און נאָך אַ דעפּוטאַציע פון די פירטער אידן, אויך אין דעמזעלביקן באַשטאַנד. זיי זיינען צוזאַמענגעקומען אין פרייידנטאַל, ווו ס'האָט זיך, זינט די צייטן פון גרעוועניץ, באַזעצט אַ קליינע אידישע קהילה, זיי זיינען געווען ביי דער ווייב פון יחזקאל זעליגמאַן; אָבער זי איז אינגאַנצן אָפּגעטעמפּט געווען פון צרות און קיין שום טרייסט האָט זי ניט געקאָנט דורכנעמען. נאָכדעם זיינען זיי געפאָרן קיין שטוטגאַרט און זיך אָפּגעשטעלט אין דער אידן־אַכסניא, און אומעטום אין גאַס האָט זיי דער המון מיט רשעות נאָכגעברומט. מיט גרויס התלהבות האָט דער מנין אידן געדאַוונט דריי מאָל אין טאָג, זיך געזאַמלט אַרום דער ספר תורה, וואָס זיי האָבן מיט זיך מיטגעפירט, זי געקושט מיט יראת־הכבוד און כונה. אין זייער גרויסן עלנט האָבן זיי גאַנצע טעג כסדר זיך געבעטן ביים אויבערשטן תחנונים, מיט הענט, ליפּן און אַלע איברים. און איצט זיינען זיי געשטאַנען, אויסגעמאַטערט, אָפּגעשלאָפט און אופגערעקט, אין שווערע קאַפּאָטעס, מיט שפּיציקע אידנהיט אַף די קעפּ און מיט אידנרעדעלעך אַף די אַרבל, צווישן פיגורן, גיפּס־צאַצקעס, גאָבעלענס, גאָלד און לאַפּיסלאַזולי אין דעם וואַרטצימער פון זיס. זיי האָבן געשוויצט און האָבן זעלטן־ווען זיך דורכגעוואָרפן מיט אַ פּאָר געשעפטשעטע, הייזעריקע ווערטער. אַ שפּילזייגער האָט מיט

אַ דינעם, ווי זילבער פליסנדיקן ניגון אויסגעשפּילט די פולע שעה, און זיי זיינען געשטאַנען און געוואַרט, ביז דער געהיימער פינאַנס־ראַט וועט זיי אַריינלאָזן צו זיך.

דעם טאָג איז געווען אַ תּענית פאַר אַלע אידן פון דייטש־לאַנד, ס'האָט געפאַסט יעדער, ווער ס'איז נאָר געווען עלטער פון דרייצען יאָר. זייער צאָל איז געווען אכציק טויזנט.

זיס וואָלט גערן געווען אין גאַנצן ניט אופצונעמען די דע־פּוטאַציע. שוטים זיינען זיי געווען, אָט די לייט. זיי האָבן דאָך געדאַרפט פאַרשטיין, אַז ווען ער וואָלט נאָר וועלן זיך אַריינמישן אין דעם ענין, וואָלט ער דאָס בלי ספק אַליין טאָן. אַזוי האָבן זיי אים נאָר געקאָנט אָנמאַכן בזיונות. דער פאַרלאַמענט האָט אַליץ ענערגישער אָנגעהייבן אנטייטן אפן געזעץ, וואָס איז פאָרמעל נאָך געווען גילטיק, אַז אידן טאָרן ניט אופהאַלטן זיך אין הערצאָגטום, אחוץ אין ספּעציעלע פאַלן. דער הערצאָג האָט דערקלערט, אַז בנוגע זיין פינאַנסדירעקטאָר און די יעניקע אידן, וואָס ער גע־פינט פאַר נויטיק צוצולאָזן אין לאַנד, קאָן ער זיך ניט לאָזן בינדן די הענט; אָבער בנוגע די איבעריקע אידן מעג עס טאַקע בלייבן ביי דעם אַלטן געזעץ. אויסגענוצט די עסלינגער מעשה, האָט דער פאַרלאַמענט איצט פון דאָס ניי געלאָזט באַקאַנטמאַכן די אַלטע, שטרייגגע תּקנות. ס'איז געווען אַ גרויסער חידוש, וואָס בראש פון אָט דער אידנפיינטלעכער באַוועגונג אין פאַרלאַמענט איז געשטאַנען ווייסענזע. האָט ער אפשר גאָר געוואָלט הינטערן קאַמף קעגן די אידן פאַרבאַהאַלטן זיינע רעליגיעזע אינטרי־געס?

ביי אַזאַ מין מצב איז די אידישע דעפּוטאַציע בכל אופן געווען איבעריק, אויב ניט שעדלעך. פון דער אַנדער זייט ווידער זיינען די מענטשן, וואָס האָבן מיט אים איצט געוואָלט ריידן, געווען די חשובסטע מענער פון דעם אידישן קיבוץ אין דייטש־לאַנד, און ער האָט זיי געמוזט אופנעמען, ווען ער וואָלט נאָר געקאָנט ממלא זיין די בקשה פון אָט די שתדלנים, וואָלט ער געוויס שטאַרק צופרידן געווען זיי אויסצוהערן פון אויבן אַראָפּ,

איצט האָט ער זיי אופגענומען אָן חשק, באַשלאָסן ביי זיך, זיי אָפצופטרן מיט אַן ענטפער ניט אַהין, ניט אַהער.

דער מנין אידן איז אַריין, אומגעשיקט אונטערהויסטנדיק און שאַרנדיק מיט די פיס. דער גאַנצער קליינער קאַבינעט איז פול געוואָרן מיט זיי. זים איז געשטאַנען קעגן זיי שלאַנק, עלעגאַנט און שטייף.

האָט רב יעקב יהושע פאַלק, דער פראַנקפורטער רב, אָנגעהייבן: „מיר האָבן זיך צוזאַמענגענומען מיט אַלע כחות, און האָבן משפיע געווען מיט געלט און מיט מתנות. אָבער ס'האָט אונדז נישט געהאָלפן. ווייל דאָס פאַלק איז זייער אופגעבראַכט. דער ראַט פון עסלינגען וויל אָפשינדן זיינע אידן; און דאָס ווערט אויך געמאַכט, כדי אייך אָפצוטאָן, דערפאַר וואָס איר זייט אַזוי מעכטיק ביי אייער מושל. דער גרימצאָרן פון די רשעים איז גרויס, אדומס רשעות הייבט זיך מעכטיק קעגן ישראל. ער פרעסט געלט, אָבער ער ווערט דערפון ניט מילדער".

זים האָט נישט געענטפערט, האָט אויסוואַרטנדיק געשוויגן, און איצט האָט גענומען ריידן דער רב פון פירט, אַ באַלייבטער, פאַרדאגהטער און שטאַרק - באַוואַקסענער איד: „מיר האָבן ניט מער פון וואַנען צו וואַרטן אַף הילף, ר' יוסף זים, אַ חוץ פון אייך. ר' יחזקאל זעליגמאַן פריידנטאַל איז געהעריק צו ווירטעמבערג. מיר בעטן אייך, איר זאָלט פאָדערן, מ'זאָל אים אַרויסגעבן דעם הערצאָג. כדי זיין ענין זאָל קאָנען באַהאַנדלט ווערן לויט די ווירטעמבערגער געזעצן. קיין אַנדער הילף איז מער ניטאָ", האָט ער פאַרענדיקט מיט אַ פאָדערונג, האַרט צוטרעטנדיק צו זים.

העפלעך, עלעגאַנט און ניט גערירט האָט זים זיך אָנגעשפאַרט אָן שרייבטיש. „דער איד יחזקאל זעליגמאַן", — האָט ער טרוקן געענטפערט, — „איז אין מיין רשימה ניט אַריינגעטראָגן; עס איז דעריבער אַ ספק, צי ער געהער צום הערצאָגטום. די שטאָט עסלינגען וועט זיך דעמאָלט באַקלאָגן ביים ווינער הויף, דער פאַרלאַמענט וועט אויך צושטיין דערצו. עס לוינט ניט, אַז איך זאָל פאָדערן, מען זאָל אים אַרויסגעבן".

„עס לוינט ניט!‟ — האָט זיך דער רבֿ פֿון פֿירט גענומען היצן. דער קליינער, אויסגעדייווערטער און מילדער פֿראַנקפֿורטער רבֿ איז אים אַרייַנגעפֿאַלן אין די רייד: „איר האָט פֿאַר אונדז אַסך געטאָן. דעריבער האָבן מיר געהאָפֿט, אַז איר וועט אונדז אויך דאָס מאָל העלפֿן, אונדזער אומשולדיק בלוט זאָל ניט פֿאַרגאָסן ווערן‟. אָבער דער באַלייבטער, היציקער רבֿ פֿון פֿירט האָט זיך ניט געלאָזט איינשטילן. „עס לוינט זיך ניט!‟ האָט ער געשריען. „עס לוינט זיך ניט צו ראַטעווען אַ מענטשלעך לעבן, אַ לעבן פֿון אַן אומשולדיקן אידן!‟

„איר זעט שטענדיק נאָר איינס, מורנו ורבנו‟, האָט זיס געענטפֿערט רואיק און העפֿלעך און האָט אים אַפֿילו אָנגערופֿן מיטן טיטול. „איך מוז אָבער אַרייַנקוקן טיפֿער אין דער צוקונפֿט, מיין חובֿ איז זיך פֿאַנאַנדערצוקלייבן אין דעם צוזאַמענהאַנג. לאָמיר שוין זאָגן, אַז מיר גיט זיך אַפֿילו איין אַרויסצוראַטעווען ר׳ יחזקאל זעליגמאַן — דעמאָלט וועל איך אויך מוזן אָפּצאָלן פֿאַר דעם דער שטאָט עסלינגען און דעם קיסר מיט אַ ריי קאָנצעסיעס. איך קאָן זיך ניט דערלויבן צו זיין אַזוי ווייכהאַרציק. איר האָט זיך אייער פּשוטן און קלאָרן פּרינציפּ: אַ איד ווערט געמשפּט — ער טאָר ניט אומקומען. איך טאָר זיך אָבער ניט לאָזן פֿאַרפֿירן פֿון אַזאַ פּשוטן רעיון; איך מוז חשבונען, מעסטן און וויגן. איר האָט נאָר אייערע אידישע דאגות, איך האָב טויזנט אַנדערע זאָרגן‟.

„וויפֿיל קינדער פֿון פֿאָלק ישראל וואָלטן אָפּגעגעבן זייער גאַנץ האָב און גוטס, און נאָך מער פֿון דעם, אַבי נאָר צו פֿאַרהיטן, אומשולדיק בלוט זאָל ניט פֿאַרגאָסן ווערן‟, האָט אַף דעם געענטפֿערט דער פֿראַנקפֿורטער רבֿ מיט זיין מילדער, ציטערנדיקער שטים. „איר זייט בכּח דאָס צו פֿאַרהיטן מיט איין שטריך פֿון אייער פּען. שליסט אויף אייער האַרץ, ר׳ יוסף זיס!‟ און דער באַלייבטער רבֿ פֿון פֿירט האָט נאָך מוסיף געווען: „ווילט איר טאַקע דעם גאַנצן כּלל ישראל לאָזן אַף הפקר נאָר איבער די עטלעכע פּוסטע דרשות, וואָס מען וועט וועגן דעם האַלטן אין פֿאַרלאַמענט?!

זים איז נאָך אַלץ געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן שרײַבטיש מיט אַ זײער העפלעכער און גרויסוועלטישער מינע, און זײַן רואיקײט איז געװען װי אַ דאַמבע קעגן דער צערודערטקײט פון דעם מנין אידן, װאָס האָבן סאָפּענדיק און אופגערעגט פאַרפולט דעם גאַנצן קלײנעם קאַבינעט. מיט אַ פלינקן, בײזן און גאוהדיקן בליק פון זײנע בולטע ברוינע אויגן האָט ער אָפּגעמאָסטן דעם דרײסטן, היציקן רב; אָבער ער האָט זיך תיכּף װײטער אײנגע-האַמעװעט און האָט געלאַסן געענטפערט: „איך האָב שוין אַזױפיל אופגעטאָן פאַר די דײטשע אידן, אַז קײנער װעט מיר ניט חושד זײַן אין האָבן אַ װאָסער עס ניט איז שלעכטע כּונה. אז איך װאָלט געװאָרן אַ קריסט און זיך אָפּגעקערט פונם אידישן פאָלק, װאָלט איך הײנט, נאָכן רוימישן קיסר, געװען דער מעכטיקסטער מענטש אין דער מלוכה. אָבער איך בין ניט געװען קײן פּחדן, האָב זיך פון מײַן אידישקײט ניט אָפּגעזאָגט; יאָ, איך האָב ניט געשריען װעגן דעם אין די גאַסן, אָבער איך האָב אויך קײנמאָל ניט געלײקנט, אז איך בין אַ איד".

„באַװײזט דאָס טאַקע איצט אויך! איצט, איצטו!", איז מיט אומגעדולד צוגעשטאַנען דער רב פון פירט, אַרױסשטעלנדיק פאָרױס זײַן שװערן, באַװאַקסענעם קאָפּ.

אָבער זים האָט געענטפערט נאָך קאַלטבלוטיקער, װי פריער: „איר קענט דאָך שטענדיק אַזױ גוט װעגן און מעסטן. אדרבא, מעסט און װעגט! קוקט אַרײַן אַביסל װײטער פון דער רגע! זאָל איך אַרױסמאָנען ר' יחזקאל זעליגמאַן פרײדנטאַל? איך װעג אין מײַן רעכטער האַנט זײַן טױט, און אין דער לינקער — די אַלע פאַרדראָסן, זילזולים, סכּנות און פּלאָנטערנישן, װאָס װעלן זיך נעמען שיטן אַף מיר, װען איך װעל אים אַרױסראַטעװען". ער איז אַ װײַלע שטײן געבליבן, האָט געלאַסן אָנגעקוקט די צען פּנימער, װאָס האָבן זיך אײַנגעגעסן אין אים מיט אופמערקזאַמקײט, אופרעקונג, שפּאַנונג. און ער האָט אַזױ כּל אַחד יד פאַרענדיקט: „איך װיל נאָך הײנט קײן החלטה ניט אָננעמען. אָבער עס איז זײער מעגלעך, אז װען איך װעל דאָס אַלץ אױסמעסטן אַף אַזא

אופן, וועל איך קיין חשק ניט האָבן צו ריזיקירן צוליב אַ קליינקייט״.

די אידן זיינען אופגעשפרונגען. אין גרויס אופרעקונג האָבן הענט געגומען פאַכן אין דער לופטן, אופגעבראַכטע אויסרופן האָבן זיך געטראָגן פון אַלעמענס מיילער: אַ וויי געשריען!

און איבער דעם רעש האָט זיך ארויסגעהויבן דער התראה־דיקער הארבער נביאישער קול פון דעם פירטער רב, וואָס האָט ארויסגעבאָרכלט: — אַ קליינקייט! אַזאַ מענטש ווי איר, א איד, אייערער אַ ברודער, ווערט געפייניקט, און וועט איבער גאַרנישט מיט נישט געטויט ווערן אין גרויסע יסורים און בזיונות. בעת איך טראַכט וועגן דעם, אז איך קאָן דאָ גאַרנישט העלפן, ווערט מיר מיין בלוט פאַרקילט אין די אָדערן. און איר קוועטשט מיט די פּלייצעס: אַ קליינקייט!, און ער האָט מיט צאָרנדיקע טריט זיך דערגעענטערט צו זיס.

אָבער דער אנדער רב, דער פראַנקפורטער, האָט אים אָפּגעצויגן אַף צוריק און געזאָגט מיט זיין זייער מילדער, זקנישער שטים: „מיר ווילן אייך ניט נויטן, ר׳ יוסף זיס, מיר האָבן אייך נאָר בעטן געוואָלט. דער אויבערשטער האָט אייך דערהויבן איבער אַלעמען, ווי נאָך קיין איד ניט אין דייטשלאַנד. ער האָט גע־מאַכט דאָס האַרץ פון אייער פירשט צו ווייכן וואַקס אין אייערע הענט: פאַרהאַרטעוועט איר אָבער ניט אייער האַרץ אַנטקעגן דער נויט פון אייערע ברידער!״

פאַר דער צייט, וואָס דער אַלטער רב האָט געזאָגט די ווערטער, זיינען אַלע ארום שטיל געוואָרן. דער שטורעמדיקער רב פון פירט האָט אויך געשוויגן. נאָך אַ קורצן שווייגן האָט זיס געענטפערט, און איצט האָט זיין שטים שוין ניט אַזוי זיכער געקלונגען, ווי פריער: ער האָט בשום אופן זיך ניט אָפּגעזאָגט באַהילפיק צו זיין. אָבער, ווען ער וועט נאָך אַ גרינטלעכן ישוב־הדעת זיך דאָך ניט קאָנען אריינמישן, זאָלן זיי דאָס ניט אופ־נעמען, ווי אַ בייזע כונה, און זיי זאָלן פאַרשטיין די סיבות דער־פון.

דערמיט זײַנען זיי אוועק, און ער האָט זיי דרך=ארצדיק אַרויסבאַגלייט דורכן פֿאָדערצימער.

ווען ער איז געבליבן אַליין, האָט ער זיך גענומען בײַזערן. ער איז געווען מיט זיי וואַרעמער און פֿרײַנטלעכער, ווי ער האָט פֿריער בדעה געהאַט. ער האָט זיי טײלווײַז אויפֿגעקלערט זײַנע אמתדיקע סיבות. פֿאַרוואָס, אײגנטלעך, איז דאָס אַזוי געשען? ער האָט זיך געדאַרפֿט האַלטן קילער, העפֿלעכער, אָט אַזוי ווי ער איז שוין די הונדערטער מאָלן געווען, אין אַסך וויכטיקערע און האַרבערע שמועסן. אין דעם פֿאַל איז דאָך שוין יעדער וואָרט געווען קלאָר פֿאָרגעשריבן. ער האָט געדאַרפֿט צוזאָגן מער, אָבער זיך ניט בינדן, צו זיי קאָן מען דאָך ניט צוגיין מיט אײדעלערע ראיות. זיי קוקן אויס פֿאַרעקשנט און ווי פֿאַרבישופֿט נאָר אויף איין זאַך: ראַטעווע זיי אָפּ זייער שמאַטעוואַטן יחזקאל זעליגמאַן!

ער איז אַרומגעגאַנגען איבערן קאַבינעט, און זײַן אומצופֿרידנקייט איז אַלץ געוואַקסן. אַף אַזוי פֿיל ניט תּופֿס צו זײַן! האָט ער זיי דען ניט געשאָנקען אויסטערליש=גרויסע נדבות אין פֿראַנקפֿורט? האָט ער דען ניט געשטיצט זייער מסחר, ווו ער האָט נאָר געקאָנט? האָט ער דאָך אין פֿאַרשיידענע ענינים דורכגעפֿירט פֿאַר זיי פֿאַרלײַכטערונגען. ער איז דאָך אויך דער איינציקער גורם דערצו, וואָס איצט וווינען אין הערצאָגטום עטלעכע הונדערט אידן, אַף צו להכעיס אַלע געזעצן פֿון לאַנד. ווי זיי האָבן דאָס אין פֿראַנקפֿורט, דעמאָלט, זיך אַזוי אונטערטעניק געדרייט אַרום אים! און איצט איז דאָס שוין אַלץ פֿאַרגעסן, און זיי האָבן גאָרנישט געוואָלט וויסן מער פֿון זײַנע פֿריערדיקע טובות, און אַלץ נאָר מחמת דעם, וואָס ער האָט דעם איינמאָל ניט געקאָנט טאָן זייער רצון. די אומדאַנקבאַרע! זיי פֿאַרשטייען ניט און זיי וועלן אויך ניט פֿאַרשטיין, וואָס פֿאַר אַ קרבן ער ברענגט דערמיט, וואָס ער געהער צו אידן. עס וואָלט באמת ניט געשאַדט זיך אָפּצושמדן, טאַקע נאָר צוליב דעם אַליין, כּדי זיי אָנצולערנען.

פֿונדעסטוועגן וואָלט בכל אופֿן זייער אָנגענעם געווען, אויך דאָס מאָל צו באַווײַזן זיי, אַז ער איז מעכטיק איבער אַלץ. אַ

פאַסקודנע מעשה איז דאָס, וואָס ער קאָן ניט אַזוי לייכט אַרויסרייסן דעם איד פון דער עטלינגער תפיסה. מחמת דעם וועט ער בלי ספק פאַרלירן אַסך פון זיין חשיבות ביי די אידן אין די אויגן. דער געדאַנק האָט אים גענאָגט.

האָט ער פעסט באַשלאָסן, מער וועגן דעם ניט צו טראַכטן, האָט זיך פאַרטיפט אין זיין אַרבעט. האָט זיך פאַרדרייט אין א נייעם געדריי פון פרויען. אָבער די נעכט האָט ער שלעכט געשלאָפן. אים האָט זיך געחלומט, ווי פון ווייטן ציט לאַנגזאם און פייערלעך פאַרביי די טויטשטראָף־פּראָצעסיע פונם איד יחזקאל זעליגמאַן פריידנטאל. ער, זיס, פליט אָף זיין שימל צו דער פּראָצעסיע, כדי זי אָפּצוהאַלטן. אָבער ווי פאַמעלעך די פּראָצעסיע האָט זיך געצויגן, און ווי שטאַרק ער האָט אָנגעטריבן זיין פלינקן שימל, האָט ער דאָך די פּראָצעסיע בשום אופן ניט געקאָנט אָניאָגן. ער האָט געשריען, שטאַרק געווונקען און געפּאָכעט. אָבער ס'איז געווען א שטאַרקער ווינט, און יענע זיינען זיך געגאַנגען אַלץ ווייטער און ווייטער. מיטאַמאָל איז פאַר זיינע אויגן אויסגעוואַקסן דאָס באַרטעלעמי פאַנקאַרבאַ. מיט זיין אויסגעצערטן פּנים, וואָס האָט זיך באַהאַלטן אין דעם אומגעהויערן שפּיצן־קאָלנער, איז ער געשטאַנען פאַר אים און געזאָגט, אַז ווען ער וועט אים אָפּגעבן דעם סאָליטער פון זיין פינגער וועט ער, פאַנקאַרבאַ, אָפּשטעלן די פּראָצעסיע. פאַרשוויצט און פאַרדאַגהט איז זיס מסכים אָף דעם. אָבער ער האָט דעם רינג בשום אופן ניט געקאָנט אַראָפּציען פון פינגער, ער איז געווען ווי אָנגעוואַקסן, און דעמאָלט האָט דאָס באַרטעלעמי געזאָגט, אַז אים וועט אויסקומען אָפּצוהאַקן די גאַנצע האַנט.

דאָ האָט זיך זיס אויפגעכאַפּט, זיך אופגעכאַפּט צערודערט און מיט קאָפּווייטיק. ווי מיד ער איז איצט אויך געווען, האָט ער פּחד געהאַט פאַרן שלאָף. ווייל ר' יחזקאל זעליגמאַן פריידנטאַל, וואָס איז אים ניט געווען קיין שטער אין זיינע טעג, וואָס זיינען בשופע אויסגעפילט געווען מיט אַרבעט און מיט פרויען, האָט זיך אָבער אַריינגעגנבעט אין זיינע קורצע, גרויליקע נעכט.

ר' גבריאל איז אומצופרידן געזעסן פאַרן דערשראָקענעם און זיך איינגעצויגענעם זיס. ער איז געזעסן פאַרצאָרגט, די דריי שאַרפע, גראָד־שטייענדיקע קנייטשן אין זיין שטערן, האָט געדעדט מיט קנאַפּע, אלטפּריינקישע, פילבאַטייטיקע און התראהדיקע ווער־טער.

צום קינד זיינען דערגאַנגען פאַרשיידענע קלאַנגען מכח זיס, בייזע, בייסיקע קלאַנגען. די מיידל האָט נישט גערעדט, אָבער זי איז ארויסגעבראַכט געוואָרן פון איר רו. זיס האָט דערשראָקן געפרעגט, וואָס קאָן ער דערצו טאָן? און ר' גבריאל האָט בעסדיק געענטפערט: דאָ העלפן מער נים קיין רייד, קיין תירוצים. ער מוז זיך אַליין באַווייזן פארן קינד. ער מוז לאָזן דעם קינד לייענען אין זיין פּנים. אפשר, האט ער מיט חוזק מוסיף געווען, וועט די מיידל ארויסגעפינען אין זיס' פּנים מער פון אים, רבי גבריאל. אפשר וועט זי דאָרטן דערזען עפּעס אַנדערש, אחוץ פלייש און הויט און ביינער.

אַז זיס איז געבליבן אַליין, האָט עס אים גענומען הייבן אין דער לופטן. ער איז אופגעטרייסלט געוואָרן, עס האָט אים געוואָרפן אַהין און אַהער. דערביי האָט ער, אין תוך גענומען, שוין אין אָנהויב אָן געהאַט אנגענומען אַ החלטה. און די סכּנותדיקע און חוזקדיקע פאָדערונג פון ר' גבריאל איז פאַר אים זייער ליב געווען, ווי א גרויסער און ליכטיקער רמז.

זיך שטעלן פאַרן קינד פּנים אל פּנים, באַווייזן איר אַ פּנים, וואָס איז ריין און ווי פון אינעווייניק באַלויכטן. ער איז אָפּ־געקאָכט געווען אין אַלע וואַסערן און האָט געוויינטלעך געהאַלטן נאָר פון דעם, וואָס מען האָט געקאָנט זען און אָנטאַפּן, אָבער דאָס, וואָס אָט די נויטווענדיקייט איז געקומען דוקא אין דער רגע, איז אַפילו פאַר דעם גרעסטן ספקן געווען א רמז און א סימן. ער איז בשום אופן נים געווען קיין נבזהדיקער פחדן, דאָס אודאי נים, ער האָט צו יעדער צייט און פאַר יעדן איינעם זיך געקאָנט באַווייזן, און אויב עס איז באמת פאַראַן אַ גאָט, וואָס האָט אַף אַלץ אַן אויג און פירט אַ בוך און שטעלט אויס וועקס־לען, קאָן ער גאַנץ רואיק זיין, און וואָס עס איז שייך צו אים,

האָט ער ניט וואָס מורא צו האָבן פאַר דער סאָלדאַט און פאַר טראַמעס. פונדעסטוועגן, אויב ער באַדאַרף זיך איצט באַוויזן פאַרן קינד, זיינען דאָך אָבער די אויגן פון אַזאַ קינד גאָר אַן אַנדער מין, זי זעט מיט זיי בלויז בלומען און דעם ליכטיקן הימל, זי האָט קיין שום השגה ניט אין מענטשלעכע פּלאָנטערן, און עס איז זייער מעגלעך, אַז זי דערזעט פלעקן און ברוד אויך דאָרטן, ווו אונדז דוכט זיך אויס, אַז די הערצער און די הענט זיינען נישקשהדיק ריין. און אויב עס זיינען שוין צו איר דערגאַנגען פאַרשיידענע קלאַנגען, אויב זי איז שוין לכתחילה פול מיט שרעק און ציטערניש, איז טאַקע בלי ספק נויטיק זיך אַמאָל גרינטלעך אויסצורייניקן, — איידער מען באַווייזט זיך פאַר איר.

אַזוי גייט ער ארום אהין און אהער, מיט די יצר־הרעדיקע ליפּן רייבנדיק איינע אָן דער אַנדערער, די אָרעמס שטייף אויס־געצויגן. צו אלדי רוחות! ניט דער מענטש צו ברייגען קרבנות. ער טיילט ארום זיך מתנות, ער שיט אַף אַלע זייטן, ווייל ער האָט אַ ברייטן פאַרנעם און ער איז אַ גרויסער שררה און אַן אמתער קאַוואַליר. אָבער קרבנות? פאַר אים האָט אויך קיינער קיין קרבנות ניט געבראַכט, אין לעבן שטויסט זיך שטענדיק צונויף הארט מיט הארט און די האַק טרעפט אָן דעם קלאָץ, און ווער עס האָט פּחד און זיין געמיט איז ווייך, מוז בלייבן פון אונטן און זיך לאָזן שפּייען אַפן קאָפּ. ער האָט קיין פּחד ניט פאַר קיין וואָרטשענדיקן המון און ניט פאַר חוצפּהדיקע הארן און ניט פאַרן פּאַרלאַמענט און אויך ניט פאַרן רבונו־של־עולם. אויב ער איז פאַראַן. און פונדעסטוועגן: אין דעם פאַל ברייגען אַ קרבן וואָלט געווען אַ מין ווייטיקדיקער תענוג. דערמיט וואָלט מען שוין קאָנען זיך ווייזן פאַרן קינד ריין און אויסגעכשרט, און אפילו אַן אויג, וואָס איז נאָר צו בלומען געוויינט און צו קלאָרע הימלען, וואָלט אויך נאָכדעם אַף אים קיין שום שטויבעלע ניט געפינען.

אָבער ברייגענדיק דעם קרבן, שטעלט מען אסך, גאָר אסך, אין קאָן! עס איז אומזיניק, און פּאָליטיש באַטראַכט אַ ריינע משוגעת, ארויסצוראַטעווען אָט דעם יחזקאל זעליגמאַן נאָר

צוליב דעם, כדי אראפצוּווישן פונם קינדס שטערן אַ פּאָר מונ־
קעלע מחשבות. דער שידוך מיט דער פּאָרטוגעזין איז דעמאָלט
פאַרשפּילט, זיין פאַראַדעלונג פאַרשפּילט, אַ גוטער טייל פון דעם
גרונט, וואָס אויף אים שטייט ער, גליטשט זיך ארויס פון אונטער
זיינע פיס. ניין, ניין! אויב דאָס איז אַפּילו אַ רמז, וועט ער זיך
אויך אַזוי פיל ניט נאָכגעבן, צוליב אַ קאַפּריז פון אַ קינד וועט
ער ניט אוועקשליידערן פון זיך דאָס אַלץ, וואָס ער האָט אַזוי
שווער און בלוטיק אויסגעקעמפט.

אין תּוך גענומען, האָט ער געוווּסט, אַז ער וועט דאָס יאָ
טאָן. ער האָט דאָס שוין געוווּסט פונם ערשטן מאָמענט אָן, ווי
נאָר ער האָט דערזען ר׳ גבריאלן. און אין דער צייט, וואָס ער
האָט זיך אַליין באַדויערט און סענטימענטאַל זיך געהנדלט פאַר
די קרבנות, וואָס מען פאַרלאַנגט פון אים, האָט ער אין די
פאַרבאָרגנסטע ווינקעלעך זיינע פרייער אָפּגעטעמט. און ער האָט
גרויס מי געהאַט, ניט צו דערלאָזן, אַז געוויסע נעפּלדיקע פאַר־
שטעלונגען, וואָס זיינען אין אים אויפגעקומען, זאָלן ווערן צו
בולטע בילדער: ווי ער וועט פון איצט אָן זיין אַ גרויסער חשוב
ביי אַלע אידן, ווי ער וועט אין גאַנץ אייראָפּע געהויכט
און געקרוינט ווערן פאַרן ראש צווישן אַלע אידן אין דער רוימישער
מלוכה, ווי ער וועט דורכפירן אַזאַ זאַך, וואָס קיינער איז ניט
ביכולת אויפצוטאָן אָדער אפילו אויסצוקלערן: — אַ איד אַ יחיד
זאָל ארויסרייסן אַ פאַרלאָרענעם מענטשן פון די נעגל פון אַ
גאַנצער שטאָט קריסטן.

און בעת די אַלע גאוהדיקע געדאַנקען זיינען אין אים אויפ־
געקומען, האָט ער זיך געפלייסט, זיך אויסצומאָלן די גאַנצע
גרויסקייט און חשיבות פון אַזאַ מין מסירת־נפשדיקער החלטה.

דעם צווייטן טאָג איז ער אוועק צום הערצאָג. ער האָט
גערעדט מיט ווייניקער אומוועגן, ווי שטענדיק, איז ניט אַזוי
קריכעדיק געווען, האָט פעסטער געפּאָדערט. ער האָט אונטער־
שטראָכן, אַז פאַר דער חשיבות פונם הערצאָג געשיקט זיך ניט,
ער זאָל צולאָזן די עסלינגער טאָן מיט זיינעם אַ איד, וואָס זיי
געלוסט זיך; און זיין אייגענער אויטאָריטעט ליידט אויך פון די

כּסדרדיקע שטעכווערטלעך און געשפּעטערייען פֿון די עזות־פּנים־דיקע עסלינגער. קאַרל אַלעקסאַנדער האָט אַף אים מיט גרויס רוגזה אָנגעשריען, ער זאָל אים לאָזן צו רו מיט זײַנע אידישע בבא־מעשיות, ער האָט שוין מחמת דעם אַזוי אויך גענוג צרות פֿון זײַן פֿאַרלאַמענט, דאָס גאַנצע לאַנד האַלט אים פֿאַר אַ אידלניק, און איצט זאָל ער פֿאַרשטאָפּן זײַן חוצפּהדיקע מויל. אָבער זיס האָט גאָר ניט ווי זײַן שטענדיקע טבע, אַלץ ניט אויפֿגעהערט צו ריידן וועגן דעם ענין, האט ניט אָפּגעלאָזן, און ניט געקוקט אַף די קללות פֿון דעם הערצאָג, האָט ער געבראַכט אַלץ נײַע און נײַע ראיות פֿאַר דער זאַך. ער האָט געפֿאָדערט, אַז יאָהאַן דאַניעל האַרפּרעכט, דער ערשטער יוריסט אין לאַנד, זאָל לכל־הפּחות אָפּגעבן אַן עקספּערטיזע וועגן דעם, ווי ווײַט עס גרייכן די פֿולמאַכטן פֿון עסלינגער געריכט, אין דעם פֿאַל אויב מען וויל נאָר, אַז ער, זיס, זאָל ווײַטער פֿירן זײַן שווערע און געפֿערלעכע אַרבעט לטובת דעם הערצאָג. וואָרום אויב זײַן אויטאָריטעט וועט נאָך ווײַטער אַזוי ווי ביז איצט אַראָפּגעריסן ווערן דורך די עסלינגער, וועט ער געצוווּנגען זײַן צו בעטן, מען זאָל אים באַפֿרײַען פֿון אויספֿירן זײַנע פֿונקציעס. קאַרל אַלעקסאַנדער האָט מיט אַ צונטער־רויטן פּנים און סאָפּענדיק אַף אים אַ ברום געטאָן, ער זאָל זיך אָפּטראָגן.

צופֿרידן שמייכלענדיק, איז זיס אַרויס פֿונם הערצאָג. ער האָט געוווּסט, אַז דאָס איז געווען ניט מער, ווי רייד; מאָרגן שוין וועט דער הערצאָג מאַכן אַן אָנשטעל, ווי ס'וואָלט גאָרנישט ניט געשען. קאַרל אַלעקסאַנדער האָט זיך ניט געקאָנט באַגיין אָן אים, האָט אים געמוזט נאָכגעבן און אים טאָן די טובה. און אַף מאָרגן האָט ער מיטגעטיילט ר' גבריאלן, אַז ער האָט שוין כּמעט ווי אויסגעפֿועלט, ר' יחזקאל זעליגמאַן זאָל באַפֿרײַט ווערן; דערבײַ האָט ער, זיך גרויסנדיק דערציילט, וואָס פֿאַר אַ אומגעהייערע משא ער נעמט דאָס אַרויף אַף זיך. און אין דער זעלביקער צײַט, בעת ער האָט דאָס אַלץ מיט גרויס גאווה אויסדערציילט פֿאַרן פֿאַרשטיינערט־ שווײַגעדיקן מקובל, איז אין קאַבינעט מיט גרויס לאַרעם אַרײַנגעפֿאַלן דער הערצאָג, אויסגעפּוצט אין זײַן

גאַנצער אוניפאָרם, מיט שטערן און אַקסלבאַנד, געקומען פון אַ פּאַראַד. איז דאָס געווען אַ צופאַל, וואָס ער האָט זיך דאָ באַגעגנט מיטן בעל־מופת, איז ער געוואָר געוואָרן, אַז ער איז דאָ, און ער האָט איצט אויך געוואָלט מאַכן אַזאַ שפּיצל, ווי דעמאָלט, אין ווילדבאַד? בכל אופן — ער איז דאָ איצט געווען און האָט פול געמאַכט דעם קאַבינעט מיט רעש און גלאַנץ און געפּילדער. אָהאָ, וואָס פאַר אַן אָנשטעל ער מאַכט דאָס, האָט ער מיט אַ געמאַכטער פריילעכקייט געשריען צום בעל־מופת. און אפשר וויל ער בכלל פאַר ערלים ניט שטעלן קיין האָראָסקאָפּ. זיס האָט זיך געשטעלט צווישן זיי, האָט פאַרמיטלט און באַרויִקט. עס רעדט זיך וועגן דעם האָראָסקאָפּ בנוגע די פרויען, ער האָט שוין דעם פעטער עטלעכע מאָל געשריבן וועגן דעם. אין דער אמתן האָט ער נאָר איין מאָל געשריבן וועגן דעם, און דאס אויך נאָר אָנטאַפּנדיק, אַפן ווונק; אָבער ר׳ גבריאל האָט געוווּסט, וועגן וואָס דאָ גייט. ער האָט אָבער געשוויגן. האָט אָנגעקוקט דעם צושטייענדיקן הערצאָג גלייך אין זיין פּאַמעלעך זיך פאַרטונקלענדיקן פּנים, און האָט געשוויגן. צום סוף האָט קאַרל אַלעקסאַנדער אָנגעהויבן פון דאָסניי און האָט געפרעגט, נאָך אַלץ מיט אַ געקינצלטער אופגעלייגטקייט, צי עס איז פאַראַן עפּעס אַ צוזאַמענהאַנג צווישן זיינע פרויען־אַוואַנטיורעס מיט יענעם פאַטאַלן סוף, וואָס דער בעל־מופת האָט אים פאָרויסגעזאָגט, אָדער ריכטיקער — פאָרויסגעשוויגן, ביי זייער ערשטער באַגעגעניש. דער הערצאָג האָט ניט געוואַרט אַף קיין תשובה, אויך זיס האָט גערעכנט, אַז דער פעטער וועט די פראַגע פאַרשווייגן. אָבער ר׳ גבריאל, מיט די אומבאַוועגלעכע אויגן איינגעגעסן אין דעם הערצאָגס פּנים, האָט געענטפערט מיט אַ וואָרטשנדיקן, סקריפּעדיקן, אומצווייִדייטיקן „יאָ“. קאַרל אַלעקסאַנדער, וואָס האָט זיך ניט גערעכנט אַף אַזאַ קלאָרער תשובה, האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַרן האַרצן, שווער אופגעעטעמט, איבערן צימער האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ געדיכטע און פאַרקלעמטע שטילשווייגעניש. דערנאָך האָט קאַרל אלעקסאַנדער נאָך געמאַכט א פּוילן וויץ וועגן דעם, ווי ער האָט סוף־כל־סוף אַרויסגעקראָגן אַן ענטפער, אָבער ער

האָט זיך איבערגעשלאָגן און גענומען ריידן עפּעס אַנדערש. ער האָט צוגעוואָרפן זיסן: יאָ, די סיבה, וואָס ער איז געקומען: ער האָט אויפגעגעבן האַרפּרעכטן אָפּצוגעבן אַן עקספּערטיזע וועגן זיין בּרודיקן עסלינגער אידל. וואס פאַרא צרות צרורות און פּאַרא פּאַרשלעפּטע קריינק מ'האָט דאס פון אים! האָט געהייסן רופן זיין קאַרעטע, און געמאַכט נאָך א ניט-געראָטענעם בּייסיקן וויץ וועגן משה רבּינוס בּיוסט, איז ער ארויס זייער שלעכט געשטימט.

ווען דער הערצאָג איז אַוועק, האט זיס זיך ערשט אָנגעהויבן בּאַרימען. איצט האָט ער שוין אַרויסגעריסן דעם איד יחזקאל זעליגמאַן פון די גוישע הענט. ער האָט דערגרייכט אזוינס, וואָס ביז איצט האָט זיך עס קיינמאָל אין דער רוימישער מלוכה ניט איינגעגעבּן. נו, איצט קוקט נאָך אויך דער פעטער אף זיין גאַנצן לעבּן און אַרבּעטן נאָר ווי אַף א הבל-הבלים און ווי אף א פוסטן געיעג נאָכן ווינט?

אָבּער דער רבּי האָט מיט בּיטערניש געענטפערט דעם זיך בּלאָזנדיקן זיסן, אז זיין לעבּן איז פּאַרט קיין לעבּן ניט. דאָס איז ווי א צאַפּלדיק אַנטלויפן פון זיך גופא און פון דער אייגענער פּוסטקייט.

שטאַרק געקריינקט און בּרוגזדיק, ווי א קינד, האָט זיס פאַרשוויגן. ער האָט גענומען גיין אַהין און צוריק פאַרן שטילשווייגנדיקן פעטער, און האָט אין די געדאַנקען אויפגעקליבּן ראיות פון אלע ווינקעלעך. נו, האָט ער דען ניט אָקאָרשט אנגענומען אַן איידלמוטיקן בּאַשלוס און האָט אים דען מיט שווערע קרבּנות ניט דורכגעפירט? ווי, זיין רייך, פרוכטבּאַר לעבּן איז ניט מער, ווי א פוסטע צאַפּלעניש? און זאָגן זאָגט מען אים דאָס דוקא אין דער רגע, ווען ער האָט אויפגעטאָן אזאַ גרויסע און פרומע זאַך? איז דען אזאַ מין אופטו ניט געווען גענוג, כּדי צו בּאַרעכטיקן א גאַנץ לעבּן? און אויבּ דער אופטו, די דערגרייכונג, איז געווען נאָר איין פּערל אין אַ גאַנצער קייט אַזעלכע מעשים? און אפשר איז זיין גאַנץ לעבּן געווען לויטער מסירת-נפש, לויטער דורכפירונג פון א פרומער הייליקער אידייע?

ער האט זיך אָפּגעשטעלט, האָט זיך פּעסטער צוגעקלעפּט צו דעם געדאַנק. אים, דעם מענטשן פון דער רגע, דעם גרויסן קאָמעדיאַנט פון זיין אייגענעם לעבן, איז שטאַרק געפעלן געוואָרן אַ קוק צו טאָן אַף זיך גופא מיט אַזעלכע סענטימענטאַלע אויגן. אים האָט געצויגן צו באַטראַכטן זיינע טעג, וואָס האָבן זיך גע־דרייט אין פּוסטקייט, ווי עפּעס אַ געהויבן לעבן פון אַ גרויסן צדיק. און עמיץ האָט די חוצפה מיט איין דריי מיט דער האַנט איינגאַנצן אַראָפּצומאַכן זיין לעבן, דאָס מיט ביטול אָנרופן אומזיניק און פּוסט? דאָס האָט שטאַרק אופגערייצט זיין שטאָלץ. מיט כח האט ער זיך אַרויסגעריסן פון דעם רינג, וואָס האָט אים געהאַלטן איינגעצאַמט, בעת רבי גבריאל איז פאַר אים געזעסן. ער האָט זיך אַליין געצווונגען אנצוהויבן גלויבן אין דעם טיפן, פרומען, העכערן זין פון זיין לעבן, איינצוזען אין זיין אַרופשטייג אַ משל און אַ סימבאָל. צעהיצט האָט ער ארומגעשפּרייזט אַהין און צוריק, מיט זיין איינגעלערנטער שטים סודותפול אַריינגעטענעט אין שווייגנדיקן צוהערער. מיט גאָר דער פּליסיקער, אויף־און־אָפּ־כוואַליעדיקער אדוואָקאַטישער באַריידעוודיקייט זיינער, מיט דעם זעלביקן אימפּעט, וואָס מיט אים פּלעגט ער ריידן בעת אַ גרויסער פּאָליטישער אַקציע, האָט ער פאַרן רבי געלאָזט אופפלאַקערן אַ בלענדנדיק פייער פון פרומער גאווה. אויב ער וואָלט באמת געוואָלט נאָר מאַכן קאַריערע, טאָ צוליב וואָס איז ער געבליבן אַ איד? פאַרוואָס האָט ער זיך ניט געלאָזן אָפּשמדן, אַזוי ווי זיין ברודער? ניין, דער פּעטער איז זייער אומגערעכט אַנטקעגן אים, וואָס ער קוקט אַראָפּ אַף זיין לעבן מיט אַזא ביטול. ניט נאָר מחמת גלוסט צו גאָלד אָדער צו מאַכט שטייט ער דאָ, אַף אָט דעם הויכן, מסוכנעם פּאָסטן, ווו עס רינגלען אים ארום ניט־פאַרגינער און שונאים.

ער האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַר דער אידייע, זי איז אים גע־פעלן געווען, ער האָט זיך גופא איינגערעדט אז ס'איז אַזוי, כדי יענעם אויך איינצורעדן. ער האָט זי אויסגעזאָגט אין דער שטיל דעם מקובל, ווי אַ גרויסן סוד, ער האָט געשפּילט פאַר זיך גופא כמעט נאָך מער, ווי פאַר דעם אַנדערן — אין גורל, איבערציי־גונג און שליחות. אפשר? אפשר איז ער גאָר אויסדערוויילט, כדי

נקמה צו נעמען אן אדום פאַרן גאַנצן פאָלק ישראל? ס'קאָן דאָך ניט זיין קיין בלינדער צופאַל דאָס, וואָס ער שטייט דאָ, אַזוי ווי יוסף הצדיק, וואָס איז דורך פּרעה דערהויכט געוואָרן. און איז דען דאָס ניט נקמה, וואָס ער איז אַזוי הויך, און די שונאי־ישראל, די יעניקע, וואָס טרעטן דעם איד מיט די פיס און באַשפּייען אים און ווישן זיך אָפּ דעם אַרבל, בעת זיי רירן זיך צופעליק אָן אַ אידן, — אָט זיי מוזן זיך בוקן פאַר אים און לעקן די שטויב פון אונטער זיינע טריט: איז דען דאָס ניט נקמה? היינט ליגט ער, דער איד, איבער דער גאַנצער מדינה, און זויגט איר בלוט און פאַשעט זיך מיט איר מאַרך. און ווען עמיץ פון די זייניקע געפינט זיך אין אַ צרה, שטרעקט ער אויס איבער אים זיין האַנט, און תיכף טראָגט זיך אדום מיט אַ פאַרקוועטשטן ווידל, ווי אַ געשלאָגענער הונט. איז דען דאָס ניט גענוג, כּדי צו זיין אַ יסוד און אַ זין און אַ חוט־השדרה פאַר אַ מענטשנס לעבן?

אָבער ר' גבריאל האָט געשוויגן, און אַז ער האָט אים אָנגעקוקט, ווי ער שווייגט, זיינען זיינע שווערבנדיקע רייד אויך געליימט געוואָרן, און צולעצט זיינען זיי אינגאַנצן געפאַלן צו דער ערד. ער איז אַנשטומט געוואָרן און איז געבליבן שטיין, ווי אַ חדר־אינגל, וואָס ווייס ניט זיין שיעור ביז צום סוף, און זיינע ווערטער זיינען געגליכן געווען צו וואָלוועלע, שלעכטע שמינק, וואָס טריקנט גיך איין און ברעקלט זיך אָפּ.

דער מקובל האָט נישט געענטפערט אף זיס' לאַנגער, פלאַמיקער און דורכגענומענער דרשה. ער האָט זיך אופגעהויבן און געזאָגט: „איידער דו וועסט זיך וויזן פאַרן קינר, זאָלסטו פאָרן קיין פראַנקפורט, צו דיין מאַמען".

און איז אַוועק. זיס איז איבערגעבליבן מיט אַ טעמפּן צאָרן. ער האָט דאָך שוין געבראַכט דעם קרבן, האָט אויסגעקעמפט מיט זיך די מלחמה. וואָס וויל דער אַלטער נאָך פון אים? וואָס האָט ער נאָך געזאָלט טאָן? פאַרוואָס האָט ער מיט זיין פון־אויבן־אַראָפּיקן און מבטל מאַכנדיקן שווייגן צו נישט געמאַכט זיין גאַנצן אופטו? און וואָס האָט באַטייט דער באַפעל צו פאָרן קיין פראַנקפורט? געוויס וועט ער זיין אין פראַנקפורט, זיך זען מיט זיין

מאַמען. די פראַנקפורטער וועלן פאַר זיין אופטו מער פאַרשטענדעניש האָבן. זיין מוטער וועט מיט גרויס כונה אים אויסהערן. און די פראַנקפורטער אידן, דער קלוגער געלערנטער רב, ר' יעקב יהושע פאַלק, און דער פרנס און אַלע אַנדערע, — ווי ער וועט זיך דאָס לאָזן פון זיי בענטשן, רימען, באַוואונדערן. אויב ר' גבריאל שווייגט אַפילו, וועלן אָבער צענטוויזנט אַנדערע לעפצן בקול רם ריידן און אים רימען פאַר זיין גרויסן אופטו.

— — —

דער פּראָפעסאָר יאָהאַן דניאל האַרפרעכט איז צוזאַמען מיטן געהיימראַט בילפינגער, געזעסן איבער בערג דאָקומענטן און אַקטן אין זיין ביבליאָטעק און האָט העפלעך געשמייכלט מיטן אָפּזאָג צו זיין פריינט די גאַנצע צייט פון זייער מבינותדיק־פאַרפּלאָנטערטן שמועס. אין דעם געראַמען, סאָליד־מעבלירטן צימער האָט די זון אַריינגעשיקט אַן אַלכסונדיקן ליכט־זייל פון מיריאַדן שטויבעלעך.

ביידע וואָגיקע מענער האָבן מיט גרויס ערנסט באַהאַנדלט דעם מצב פון ווירטעמבערג, באַזונדערס ווייסענזעס פּרטיותדיק־צוזאַמענגעשטעלטן פאָרשלאָג דער פאַרלאַמענט־קאָמיסיע, זיך בשום אופן נישט אַריינצומישן אין דעם עסלינגער ענין מיט דעם אידן. „בלי ספק, העד ברודער", האָט האַרפרעכט געזאָגט און האָט אַרופגעלייגט זיין האַנט אַף דעם פריינטס פליישיקן אַקסל, „מיר וואָלט גרויס הנאה טאָן צו לאָזן דעם איד יחזקאל זיצן אין בלאָטע און דערמיט אַ רייב טאָן דעם זיס; אויך דעם ווייסענזע וואָלט איך פאַרגונען דעם נצחון. און ווען איך דערמאָן זיך נאָך, וואָס מיר וועלן האָבן צו צאָלן ווי אַ קאָמפּענסאַציע פאַרן אַרויסגעבן אָט דעם פאַסקודנעם אידל, און אַז מיר וועלן נאָך מוזן באַפרידיקן די תביעות פון די עסלינגער קרעמערס און זיי פאַרשטאָפּן די זשעדנע מיילער, און אַז מיר וועלן דורכדעם פאַרדינען דעם נאָמען „אידלניקעס" אין גאָר דער מלוכה, און מען וועט מאַכן פון אונדז חוזק — ווען איך דערמאָן זיך דאָס אַלץ, דאַרף איך אייך נישט זאָגן, ווי ביטער עס ווערט מיר אַפן האַרצן, העד ברודער. אָבער דער הערצאָג האָט דאָך ביי מיר פאַרלאַנגט אַ

יורידישן פסק־דין, ניט קיין פאליטישן. און וואס פאר א גרויסן פארדראס דאס זאל מיר אויך פארשאפן, און וואס פאר א חשק איך זאל אויך האבן א שמיץ צו טאן זיסן אין זיין עזותדיקער צורה אריין אלע פירושים, — איך מוז אבער צוגעבן, אז יחזקאל איז אונטערגעווארפן אונדזער געריכט: און אלס יוריסט, מוז איך פון שטאנדפונקט פון געזעץ און גערעכטיקייט זאגן: יחזקאל מוז ארויסגעגעבן ווערן דעם הערצאגלעכן געריכט".

בילפינגער האט אראפגעלאזן זיין מאסיווע גאמבע. ער האט געוווסט, אז אזוי וועט זיין, אלע האבן דאס געוווסט; דער הערצאג האט דאס אויך בלי ספק געוווסט, און בעת ער האט באפוילן הארפרעכטן אויסארבעטן א מעמאראנדום, איז שוין דער גאנצער ענין אייגנטלעך באשלאסן געווען: אבער עס וואלט זייער גוט געווען, ווען הארפרעכט וואלט אן אנדער מיינונג ארויסגעזאגט. דער הערצאג וואלט סיי־ווי געפאדערט, מען זאל יחזקאלן ארויסגעבן, אבער בינו־לבינו וואלט זיס געכאפט א זעץ אין זייט. „איצט אבער בלייבט ער זיצן אויבנאן", האט בילפינגער געוואָרטשעט, „און ער לאכט, ווי מיר מוזן זיך נעבעך דרייען ווי די שלאנגען, צוליב אים".

אבער קיין ווייטערדיקן פרווו האט ער ניט געמאכט; ער האט געוווסט, דער יוריסט וועט זיך גיכער לאזן אפהאקן די פינגער, איידער ער וועט דערלאזן, אז די גערעכטיקייט זאל אף א האר געקרימט ווערן. פארכמורעט און אן האפנונג האט ער זיך צעשיידט מיט זיין פריינט.

געבליבן אליין, איז הארפרעכט לחלוטין ניט געווען אויפגעלייגט, זיך ווייטער צו זעצן צו דער ארבעט. ער האט זיך פון דאס ניי אנגעגאסן א פולע גלאז וויין, זיך צוגעקוקט צו דעם אלכסונדיקן ליכט־זייל פון טאנצנדיקע שטויבעלעך. האט געקלערט. ער איז געווינט געווען צו באטראכטן אלץ ווייט און ברייט ארום.

איצט האט ער אויך אוועקגעקוקט ווייטער פון די גרענעצן פונם הערצאגטום. דעם ענין מיט דעם נישטיקן אידישן קרעמערל

האָט ער איינגעזען, ווי אַ כוואַליע אינם מייך פון אייראָפּייאישע געשעענישן.

ווייל אַף איין כוואַליע האָבן זיך ביידע געהוידיעט — דער קליינער אידישער הויזירער, דער געפּייניקטער און מיט ביזווילי־קייט אין רציחה פאַשולדיקטער, און זיס, דער אַלמעכטיקער, מיט קנאה ארומגענומענער פינאַנסדירעקטאר, א וויכטיקער פאַקטאר אין אַלע קאָמבינאַציעס פון די אייראָפּייאישע הויפן. ווי משונהדיק עס האט זיך דאָס צונויפגעפלאָכטן זייער ביידנס גורל. וואָלט זיס ניט געשטאַנען אַף אזא הויך און אין אזא גלאַנץ, וואלטן די עס־לינגער בלי ספק זיך דאָך ניט געטשעפּעט צו יענעם ארעמען נפש. ווען זיס וואלט ניט געווען אַזוי הויך און אַזוי באַרימט וואָלט ער ווידער געוויס ניט געקאָנט באַפרייען דאס ינישטיקע אידל. וואס, איינגנטלעך, האָט דען פאַרבונדן דעם פינאַנסד רעקטאָר מיט דעם הויזירער? בשותפיש בלוט? נאַרישקייט! דער בשותּפישער גלויבן? שטות! נישט שותּפותדיקס האָבן זיי פאַרמאָגט, אַחוץ איינס: די שנאה, וואָס האָט געפלאַקערט קעגן דעם גרויסן איד אזוי גוט, ווי קעגן דעם קליינעם.

אין מחשבות פאַרזונקען האָט הארפרעכט דורכגעבלעטערט די כראָניקעס און היסטאָרישע דאָקומענטן, די תקנות און רעס־קריפּטן, וואס זיינען געלעגן אָנגעהויפנט פאַר אים. דאָרטן איז געווען פאַרצייכנט, ווי מען איז זיך אין פריערדיקע צייטן באַגאַנגען מיט אידן אין דער מדינה, דאָס זיינען געווען די געזעצן פון די שוואַבישע הערצאָגן און שטאַנדן מכח די אידן, דאָס איז געווען די געשיכטע פון די שוואַבישע אידן און זייערע רעכט.

געזעסן זיינען זיי דאָ שוין פון קדמונים אָן. מען האָט זיי אַלץ פון דאָס ניי באַשולדיקט אין מאָרדן, פאַרגיפטונגען פון ברו־נימער האָסטיען־שענדונגען, און מער פון אַלץ אין וואָכערײַ, וואָס פאַרדאַרבט און זויגט אויס דאָס פאָלק. כסדר האָט מען זיי אויף דאָס ניי געקוילעט און געמאַכט צונישט זייערע פאָרערונגען אין אַלע שטעט פון דער מדינה. אָבער מען האָט זיי שטענדיק פון דאָס ניי צוריקגערופן. מען זאָל אומעטום אָפּנעמען פון זיי

זייער האָב און גוטס, — איז געשטאַנען אין אַ קייזערלעכן דע=
קרעט, —און אויך זייער לעבן זאָל מען אָפּנעמען ביי זיי און זיי
טויטן, איבערלאָזן נאָר אַ קליין הייפעלע, כּדי אָפּצוהיטן זייער
געדעכעניש. אין אַן אַנדער אָרט, אין אַ גילוי דעת פון דער קאָנ=
סיסטאָריע, איז געשטאַנען, אַז די אידן זיינען פּונקט אַזעלכע
שונאים דעם קריסט, ווי דער שטן אַליין. אין אַן אָפּמאַך צווישן
דעם דייטשן קיניג און דעם גראַף אולריך דעם פילגעליבטן זיי=
נען געווען אַרויסגעגעבן תּקנות בנוגע די סך אָנקלאַגעס אַף אידן,
וואָס באַשווערן מיט זייער געווינטלעכער האַרטקייט די גייסטלע=
כע און וועלטלעכע מלוכה = אונטערטאַנען דורך זייער וואָכעריי,
אַז עס איז ניט אויסצוהאַלטן פון זיי, און מיט זייער חוצפּהדיקער
און ניט = אָרנטלעכער הנהגה זיינען זיי גורם צו סכסוכים,
מלחמות און כּלערליי פּורעניות. און אין דער צוואה פון גראַף
עבערהאַרד מיט דער באָרד ווערן די אידן אָנגערופן פיינט פון
אויבערשטן, פון דער נאַטור און פון דער גאַנצער קריסטלעכער
אָרדענונג, פאַרוואָרפן און מיאוס, זיי ווערן באַצייכנט ווי נאָגנדיקע
ווערים, וואָס זיינען שעדלעך און דערווידערדיק דעם פּשוטן אָרע=
מען מענטשן און אונטערטאַן, און זיי ווערן אומרחמנותדיק אַרויס=
געטריבן פון לאַנד, אין נאָמען פון גאָט, דעם אלמעכטיקן, און פון
דעם פאָלקס טובה וועגן.

אָבער אויב מען האָט שטענדיק אָט אַזוי געהאַלטן פון זיי,
פאַרוואָס האָט מען זיי אַלץ פונדאָסניי צוריק גערופן אינם הער=
צאָגטום? פאַרוואָס האָבן עבערהאַרד דער בעל = מחלוקת און גראַף
אולריך זיי גענומען אונטער זייער שוץ? און פאַרוואָס האָבן פריד=
ריך דער ערשטער און עבערהאַרד לודוויג זיי צוריק גערופן אין
לאַנד, נאָכדעם ווי עבערהאַרד מיט דער באָרד, און די הערצאָגן
אולריך, קריסטאָף, לודוויג האָבן זיי אַרויסגעטריבן? עס איז דאָך
אַזוי לייכט געווען, זיי אָנצורופן פאַרשאַלטן, פון גאָט פאַרשטויסן
פאָלק. און פאַרוואָס אָבער האָט מען ניט געקאָנט בלייבן גלייכ=
גילטיק צו זיי, ווי צו אַנדערע פרעמדע, ווי, למשל, צו די איינ=
געוואַנדערטע פראַנצויזישע עמיגראַנטן? פאַרוואָס, אייגנטלעך, האָבן

זיי צוגעצויגן, און אָפּגעשטויסן, אָדער זיי זיינען געווען ווידערלעך און אָנציִענדיק אין איינעם?

יאָהאַן דניאל האַרפּרעכט האָט אויפגעהייבּן זיין קאָפּ פון די פּאַפּירן. אין די טאַנצנדיקע שטויבּעלעך פון דעם אַלכסונדיקן זונזייל האָט זיך אים אויסגעמאָלט דאָס בּילד פונם הערצאָג און דאָס בּילד פונם איד, איינס אין אַנדערן פאַרפלאָכטן, רעטענישפול אַריבּערגליטשנדיק איינס אינם אַנדערן. בּיידע זיינען זיי געווען אַן אָנשיקעניש. קעגן דעם הערצאָג איז געווען איין פּעסטונג: די קאָנסטיטוציע; אָבּער זי איז געווען לעכערדיק און האָט ניט גענוצט. קעגן די אידן זיינען געווען געזעצן, פאַראָרדענונגען; אָבּער זיי האָבּן אויך ניט גענוצט. די נאַגנדיקע ווערים, איז געשטאַנען אין די מעמאָראַנדומס, אין די תּקנות. דאָס לאַנד איז אומגעקומען, ס׳האָט געהערשט דלות, עלנט, פאַרבּיטערטקייט, אָפּגעלאָזנקייט, יאוש. די נאָגנדיקע ווערים האָבּן זיך געווילט אין לאַנד, האָבּן גענאָגט דעם מאַרך פון זיינע בּיינער. זיך געפּאַשעט, פעט געוואָרן. און איבּער זיי, פאַרפלאָכטן, אין חוצפּהדיקער, אָפּגעקאָרמעטער נאַקעטקייט, האָבּן זיך געבּלאָזן דער הערצאָג און דער איד.

די מחשבות האָבּן זיך געפלאָנטערט אינם קאָפּ פון דעם פּעסטן, גראַדליניקן און זאַכלעכן געלערנטן. דאָ איז שווער געווען צו דערפילן אונטער די פיס פּעסטן גרונט; אָט די אידן און אַלץ, וואָס ס׳געפינט זיך מיט זיי אין צוזאַמענהאַנג, זיינען אַזוי בּאַאומרואיקנדיק און פול מיט רעטענישן. זיי צו פאַרטרייבּן האָט דאָך ניט גענוצט, מען האָט זיי דאָך כּסדר צוריקגערופן; אפילו דער פּשוטער אַלטער מיטל — זיי אויסצוקיילען — האָט אויך די קשיא ניט פאַרענטפערט. די רעטעניש האָט דאָך נאָך שפּעטער געפּייניקט ווייטער; און פּלוצלינג זיינען זיי ווידער ארופגעשווומען, און דוקא פון דער זייט פון וואַנען מען האָט זיך בּשום אופן אַף זיי ניט גערעכנט.

דו בּאַגעגנסט אַ אידישן קאַראַבּעלניק, ווי ער גייט אַרום שטרויכלענדיק, מיאוס, בּרודיק, לאָקערנדיק, געבּויגן, כיטרע, מיט אַ קרומען גוף און אַ קרומער נשמה, דיך עקלט פון אים אָפּ,

דו היטסט זיך אוים, ניט צו באַרירן זיין פאַרשמאָלצענע קאַפּאָטע; אָבער מיטאַמאָל ווערט זיין פּנים באַשטראַלט מיטן גלאַנץ פון אַן אַלטער, קלוגער וועלט, זיין אויג קוקט דיך אָן אַזוי מילד און צעטומלענדיק, און דער פאַרלייזיקטער חזיר=איד, וואָס דו האָסט אָקאָרשט זיך נאָך געמיאוסט מיט דיין שוך אים אין בלאָטע אַריינצושטויסן, הויבט זיך אויף, ווי אַ וואָלקן, שוועבט איבער דיר הויך, שמייכלענדיק, וויט און ניט צו דערלאַנגען.

עס איז דערווידער און מיאוס געווען אַפילו צו טראַכטן וועגן דעם, אַז אַט אַזאַ ברודיקער טריידלמאַרק=אידל זאָל אָפּשטאַמען פון זרע אברהם. עס איז אַן ערגערניש און אַ פּחד געווען זיך צו דערמאָנען, אַז אַזאַ וועלט=חכם, ווי בענעדיקטוס ד׳עספּינאָזאַ, געהערט צו דעם פאַרשאָלטענעם שבט. עס האָט געהאַט אַ פּנים, ווי די נאַטור וואָלט פון דעם שבט געוואָלט ברענגען א ראיה, אַף ווי הויך ביז צו די שטערן דער מענטש קאָן שטייגן און ווי טיף אין בלאָטע ער קאָן זינקען.

נאָגנדיקע ווערים. נאָגנדיקע, שעדלעכע ווערים. פּראָפעסאָר יאָהאַן דניאל האַרפרעכט האָט זיך געצווונגען ווידער צו פאַרטיפן זיך אין זיינע פּאַפּירן, אָבער — אַ מאַדנע זאַך! — דער פּנים פון אט דעם פאַרשטאַנדיקן, רואיקן מענטשן איז איצט געווען פאַרחלומט. די אותיות גופא זיינען איצט מגולגל געוואָרן אין ווערים, האָבן געפּויזוועט, זיך עקלדיק ציענדיק, פּייכט, קלעפּיק, גליווערדיק, געהאַט די קעפּ פונם הערצאָג און פון זים. נאַגנדיקע ווערים, נאַגנדיקע ווערים. ער האָט פאַרצויגן די ליפּן אויסגעשפּייען.

איז ער אַנטרונען מיט זיין געדאַנק אין יענעם געביט, ווו מען האָט צום לייכטסטן געקאָנט פאַרטרייבן אַלע געפיל=באַוועגונגען און זעאונגען, אין ספּעציאַליטעט — דעם געביט פון דער מלוכה=ווירטשאַפט. דאָס איינציקע, וואָס האָט די אידן אויפגעהאַלטן ביי זייער לעבן, איז געווען די עקאָנאָמישע נויטווענדיקייט. די וועלט האָט זיך איבערגעשטעלט. אַמאָליקע צייטן איז אַ מענטשנס ווערט באַשטימט געוואָרן דורך זיין מעמד און יחוס, איצט ווערט ער באַשטימט נאָר דורך געלט. אַז מען האָט זיי, די פאַראַכטע

און פאַרהאַסטע, געמאַכט פאַר די איינציקע מאנאפאליזירטע פאַרוואלטער פון געלט, האט מען זיי דערמיט אַליין צוגעווארפן די שטריק, וואס האט זיי פאַרהאָלפן הויך ארופצוקלעטערן. איצט איז דער געלט-פאַרקער געווען דאס לעבעדיקע בלוט פון דער מלוכה און געזעלשאַפט, און די אידן זיינען געווען די וויכטיקסטע ראָד פון דעם מעכאַניזם, זיינען געווען די הויפּט-פּרוזשינע אין דער קאמפּליצירטער מאַשינעריע. נעמט מען זיי אַרויס — פאַלט צוזאַמען די געזעלשאַפט און די מלוכה. דער הערצאָג, סימבאל און סימן פון דער אַלטער ארדענונג, פון שטאַנד און פון יחוס און דער איד, סימן און סימבאל פון דער נייער ארדענונג, פון געלט, האבן זיך איינער דעם אנדערן די האַנט געגעבן, געווען פאַרקניפּט איינער מיטן אנדערן, זיינען געלעגן איבערן פאָלק און האָבן אין קעגנזייטיקן הסכם, איינער פאַרן אנדערן, אים אויסגעזויגן די מאַרך פון די ביינער.

נאָגנדיקע ווערים, נאָגנדיקע ווערים. אָפּגעזיפצט האט הארפּרעכט זיך ווידער צוריקגעקערט צו זיין ארבעט. אונטער זיין פעסטן ווילן איז דער גאנצער מיאוסער געווימל פונדאסניי געווארן צו קלארע, טרוקענע אותיות, און ער האט זיך געזעצט שרייבן זיין מעמאראנדום זאכלעך, זארגעווודיק, יושרדיק און בפרטות.

— - —

נאָך א שארפער דינגעניש און פאר א פעטן געצאלט האבן די עסלינגער איבערגעגעבן דעם איד יחזקאל זעליגמאן צו דעם הערצאגלעכן געריכט; לפנים האבן זיי זיך שטאַרק געזידלט, אין הארצן אבער זיינען זיי שטארק צופרידן געווען. די ווירטעמבערגישע געריכטן האבן אים שוין אין עטלעכע טעג ארום פרייגעלאזן. צעבראכן, אפגעלאזן, צעטומלט און געשטערט פון די פחדים, דעם טויט-שרעק, די עינויים, האט יחזקאל זיך אומגעקערט קיין פריידנטאל, שוין אף זיין גאַנצן רעשט יארן צעטרייסלט ביזן מאַרך פון די ביינער דורך אַלץ, וואס ער האט דורכגעמאכט. אפטמאל איז אים באפאלן א נערוויזע צופעניש, עס האט אים געווארפן, אים געריסן ביי די פלייצעס, פארצאפלט

זײַנע הענט, פֿאַרקרימט זײַן פּנים; טײַלמאָל, אָן אַ געװעענער סיבה, פֿלעגט ער שטיל יאָמערן, װי אַ חיה. אידן האָבן געזאָרגט פֿאַר אים, אים אַריבערגעפֿראָװעט קײן אױסלאַנד, קײן אַמסטער־דאַם.

אײדער ער האָט פֿאַרלאָזן דײַטשלאַנד, האָט ער אָנגעשריבן צום פֿינאַנס־דירעקטאָר, צי ער מעג קומען צו אים, אים באַדאַנקען. זיס האָט זיך מישב געװען, זיך געקװײַנקלט. עס װאָלט בלי ספֿק געװען אַ נצחון צו װײַזן די שטוטגאַרטער דעם רױב װאָס ער האָט אַרױסגעריסן פֿון די צײן בײַ די עסלינגער. פֿון דער אַנדער זײַט אָבער איז אַט דער רױב צו אױסגעדײַװערט און אױסגעצופּט געװען, און די שטוטגאַרטער װאָלטן, אױב אַפֿילו ניט געזידלט זיך הױך, נאָר בלי ספֿק געמאַכט גראָבע װיצן, און אַחוץ דעם האָט ער זיך ניט געדרײסט װײַטער צו רײצן דעם הערצאָג מיט יחזקאלס פּנים, װײַל יענעם האָט די גאַנצע מעשה שטאַרק פֿאַרדראָסן. האָט ער זיך זײַער אײדלמוטיק אָפּגעזאָגט פֿערזענלעך באַדאַנקט צו װערן. װי דאָס איז שױן לעצטנס זײַן טבע געװען, האָט ער זיך אַלײן ניט מודה געװען אין די אמתע סיבות, נאָר ער האָט זיך געגרײסט פֿאַר זיך גופֿא, אַז איצט װעט זיך באַשײַמפּערלעך אַרױסװײַזן, אַז ער האָט דאָס געטאָן ניט צוליבן דאַנק, נאָר צוליב רײנערע און העכערע מאָטיװן.

דערפֿאַר אָבער האָט אים פֿראַנקפֿורט געגעבן געניג שפּײַז פֿאַר זײַן גאװה. עס איז נאָר געװען, װאָס צו זען, װי די אידן האָבן זיך געשטופּט אין די געטאָ־גאַסן, כּדי אים אָנצוקוקן, האָבן אַרױסגעװיזן חידוש און באַװוּנדערונג, האָבן געבענטשט יעדן טריט זײַנעם, אונטערגעהױבן זײַערע קינדערלעך, כּדי זײ זאָלן מיט זײַערע פֿרעמדאַרטיקע, שײנע, לײַנגלעכע אױגן אײַנזאַפּן אין זיך זײַן גליקבאַרײַנגענדיקן פּרצוף.

ער האָט געטראָטן איבער באַװוּנדערונג אָן אַ מאָס און איבער ברכות, אַזױ װי איבער אַ טעפּיך. װאָס פֿאַר אַ גואל־צדק השם יתברך האָט דאָס צוגעשיקט דעם פֿאָלק ישראל אין זײַן גרױסער נױט! און אין שול איז ער געװען, איז אױפֿגערופֿן גע־

ווארן צו דער תורה, און בעת דער געמורמל, וואס טראגט זיך שטענדיק ארום איבער דער געפאקטער שול, האט זיך איינגעלייגט, און עס איז אזוי שטיל געווארן, אז דאס געשפאנטע שטילשווייגן פון אט די אלע אויסגעלייזטע מענטשן האט שיער נים אופגעריסן די ווענט, האט דער אלטער רב מיט א ציטערדיקער שטים געמאכט דעם שיינעם, מילדן, אלטן מי שברך. און די ברכות האבן אראפגעטריפט איבער זיסן, פונקט ווי א ריח=ניחוחדיק וואסער פון אן איידעלער כלי.

נאר איין מענטש האט נים אויסגעשפרייט פאר אים די יריעה פון באוואונדערונג אזוי שפעדיק און הכנעהדיק, ווי ער האט דאס פריער גערעכנט: דאס איז געווען זיין מומער. זי, וואס איז שטענדיק געווען זיין גליקלעכסטע אנהייגערין, האט דאס מאל אויסגעזען צו זיין געאייגט, איבערגעשראקן, איינגעהאלטן. זי האט אפילו כסדר פון דאס ניי אים אלץ גערימט, — ווי גרויס ער איז און ווי הערלעך און ווי שלאנק, און רייך, און איידלמוטיק, און עלעגאנט, און קלוג, און מעכטיק, ווי ער איז באשאנקען מיט כל=טוב פון דער וועלט, מיט געלט און געמיט און שיינקייט פון געשטאלט און איידעלן כאראקטער און פרויען, אבער איצט איז זי נים צעשמאלצן געווארן אין פלאמיקער באגייסטערונג, אזוי ווי שטענדיק. די תמעוואטע, גרויסע אויגן אין דעם שיינעם, ווייסן פנים האבן זיך מיט א מאל, ווי אין גרויס שרעק, אפגעווענדט פון אים; אירע הענט, וואס האבן געצערטלט דעם קלוגן, עלעגאנטן און מעכטיקן זון אירן, האבן אן שום גרונט זיך אין מיטן אפגעשטעלט. די שיינע, אויפגעלייגטע, באריידעווודיקע אלטעטשקע איז עפעס להיפוך פון איר גאנצן מהות, איצט געווען אפגעלאזן, נערוויז=צעשראקן, באדריקט.

און אז זיי זיינען אזוי געזעסן צוזאמען, און ארום זיי האט זיך שווער געקנוילט א דריקנדיקע לופט, האט ר׳ גבריאל זיך אריינגעמישט אין זייער שמועס. מיכאעלע איז מיט א לייכטן געשריי אופגעשפרונגען, האט אופגעהויבן די הענט, ווי זיך בעטנדיק און וועלנדיק זיך באשיצן פון עפעס.

„האָסטו אים שוין געגעבן?“ האָט דער מקובל אַ פֿרעג געטאָן. מיכאַעלע איז בלייך געוואָרן, איז מיט אופֿגעריסענע אויגן אָפּגעטראָטן אַף אַ טריט צוריק. „גיב דאָס אים איצט!“ האָט דער רבי געזאָגט, ניט אופֿגעהויבן זיין קול, אָבער מיט אַזאַ טאָן, אַז יעדער ווידערשטאַנד איז אָפּגעשטאָרבן. מיט אָפּגעשלאַפֿטע אברים און איינגעהאַלטן קלאָגנדיק, איז מיכאַעלע ארויס.

„וואָס באַטייט דאָס?“ האָט זיך געפֿרעגט צעטומלט און שלעכט געשטימט. „וואס מאַטערט איר זי? וואָס ווילט איר פֿון איר?“

„דו האָסט מיר געזאָגט“, האָט דער רבי געענטפֿערט, „אַז דו ווילסט ברייגגען פֿאַרן קינד אַ פֿאַרענטפֿערונג און אַ דערקלערונג. איך נעם דיין פֿאַרענטפֿערונג אין האַנט אַריין און וויז דיר איר אמתן פּנים“.

מיט שלעפּיקע טריט, ווי מיט געוואַלד געצויגן, איז מיכאַעלע געקומען צוריק. זי האָט געבראַכט אַ פּאַק כּתבים, בריוו משמעות. האָט זיי אוועקגעלייגט שרעקעדיק פֿאַרן נשתּומם געוואָרענעם זיס. „מוז איך אויך זיין דערביי?“ האָט זי מיט שווערעניש ארויסגעבראַכט, און איר שטים איז געווען קליין און צעשראָקן. „דו מעגסט גיין!“ האָט דער רבי געזאָגט ווייכער.

ווי זי איז ארויס, האט זיס פּאַמעלעך אויסגעשטרעקט די האַנט נאָך די כּתבים, האָט זיי געהאַלטן קווינקלענדיק, צום סוף זיך גענומען לייענען. ליבע־בריוועלעך, אַלטפֿריינקישע, ניט־וויכטיקע זאַכן. ער האָט זיך געחידושט, ניט פֿאַרשטאַנען. וואָס זאָל דאָס באַטייטן? סוף כּל סוף האָט ער דערפֿילט דעם צוזאַמענהאַנג, האָט ווייטער קאָמבינירט, מיטאַמאָל האָט ער אופֿגעהויבן דעם קאָפּ פֿון די פּאַפּירן אין אַ פּלוצלינגדיקער אופֿלייכטונג, געזוכט דעם רבין, אָבער דער רבי איז שוין ארויס, ער איז געווען אַליין אין צימער.

ער איז אופֿגעשפּרונגען, גענומען גיך שפּרייזן איבערן צימער. זיינע אויגן האָבן אופֿגעבליצט, זיינען ווייטער פֿאַרטונקלט געוואָרן, ווייטער אופֿגעבליצט. איבערן פּנים האָבן זיך געיאָגט כמאַרעס, ס'איז אופֿגעקומען די זון און ס'איז געוואָרן נאַכט.

פֿאַכענדיקע, ציטערדיקע תּנועות מיט די הענט, די פֿיס האָבן זיך געוויגט, ווי בײַ אַ שיכּור. א געמורמל, אָפּגעריסענע ווערטער, צווישן זיי אַ קלאָרע פֿראַזע, געזאָגט מיט אַן אויסגעגלײַכטן גוף. און באַלד שוין ווייטער צוזאַמענגעשרומפּן, שלאַף, שטאַמלדיק, אַלע איברים צעקלאַפּט. ווי אַ קאָמעדיאַנט, וואָס חזרט אַ ראָלע, און זי דערהייבט אים ביז די שטערנס און שליידערט אים אַראָפּ אין תּהומות, ביז ער פֿאַלט צוזאַמען, ווי אַ זאַק, זיצנדיק, טיף אין זיך ריענדיק, מיט אומבאַוועגט פּנים און איברים. אַ לאַנגע, לאַנגע צייט אומבאַוועגט, ווי טויט.

אָט אזוי איז דאָס געקומען. אָט אזוי זײַנען מיטאַמאָל באַלויכטן געוואָרן די שאָטנדיקע טונקעלע ווינקעלעך. זיי האָבן אים דאָך — דער פֿאַרשאָלטענער בעל־מופֿת, דער רבי און די מאַמע — זיי האָבן אים מיאוס, געמיין און אומפֿאַרשעמט באַשווינדלט דערמיט, וואָס זיי האָבן דאָס אזוי לאַנג פֿאַרבאָרגן און באַהאַלטן פֿון אים. ס'איז געווען אַ שלעכטער וויץ און אַן עכט־אידישער, גנבֿישער שפּיצל, אים אזוי לאַנג האַלטן צוגעבונדן צו דער שלעכטער, שפּלער, לעכערלעכער און נבֿזהדיקער עדה. ער האָט זיך טאַקע, גאָט צו דאַנקען און דאַנק זײַן גאונות און זײַן אײַנגעבאָרענעם אײדעלן בלוט, ניט געלאָזן מנצח זײַן. זײַנע פֿײאיקייטן האָבן, אַף צו להכעיס אַלע מיאוסע שטערונגען און פֿאַרבונדנקייטן, דאָך געבליט אַפֿן שענסטן אופֿן. אָבער וויפֿיל אופּרעקנדיקע, פֿאַרסמענדיקע דערנידעריקונגען, וויפֿיל שפּלותדיקע, קרומע שטעגעלעך און אומוועגן וואָלט ער פֿאַרשפּאָרט; וויפֿיל משונהדיקע און נאַרישע שפּיצן און קאַנטן וואָלטן אויסגעגלײַכט געוואָרן, ווען מען וואָלט אים ניט אײַנגעהאַלטן אַף אזאַ פֿאַרברעכערישן אופֿן אין דעם צבֿיעותדיקן און געמיינעם גלויבן און מעמד!

אָבער ווי אזוי? נאָר געלאַסן! נאָר ניט אויפֿגערעקט! אַלץ רואיק אָפּוועגן און איבערטראַכטן! איז דען איצט זײַן וועג געלעגן פֿאַר אים אזוי גלאַט און מיט ליכט באַגאָסן?

הייסט עס, אַז ניט דער קלײנער חזנדל און קאָמעדיאַנט יששכר זיס איז געווען זײַן פֿאָטער. מ'האָט קלאָר און אומבאַשטריטן געקאָנט באַווײַזן, אַז זײַן פֿאָטער איז גאָר געווען געאָרג

עבערהאַרד פאָן=הײדערסדאָרף, דער באַראָן און פעלדמאַרשאַל. ער איז ניט געװען פון קײן שלעכטן יחוס, זײַנע תּנועות, זײַן האַלטונג, זײַן טעמפּעראַמענט — דאָס זײַנען ניט געװען קײן אײַנשטודירטע זאַכן, ניט נאָכגעמאַכט און ניט געקינצלט. זײַנע װעלטמענישע נטיות, זײַן אופשטײג, זײַן פּריצישע, אַדעליקע האַלטונג זײַנען געװען זעלבסטפאַרשטענדלעך, האָבן זיך דורכגעבראָכן א װעג דורך אַלע מניעות: װײַל דאָס איז געקומען צו אים פון געבליט און נאַטור. ער איז געבאָרן געװאָרן א קריסט און אַ קאַװאַלער.

אַ ממזר? איז װאָס? די פּױאיקסטע און די בעסטע זײַנען טאַקע שטענדיק יענע קינדער, װאָס קומען אויף אין די מאָמענטן פון װילדן, ניט=געצאַמטן ליבע=גלוסט. דאָרטן, װו צװישן דעם אופּבלי און דער פרוכט איז ניט געשטאַנען די ניכטערע, פּראַקטישע אױסרעכענונג. אין גאַנץ אײראָפּע זײַנען ממזרים שטענדיק געזעסן אױב ניט אפן טראָן גופא, איז אַף די העכסטע שטאַפּלען פונם טראָן. זײַן פאָטער האָט פאַרדינט כּבֿוד, װאָס ער האָט זיך געלאָזט געבאָרן א זון ניט פון א זױערער אַריסטאָקראַטישער פרײַלן, נאָר פון דער שײנער אידישער טאָכטער.

הײדערסדאָרף איז זײַן פאָטער, געאָרג עבערהאַרט פאָן הײדערסדאָרף. א שײנער נאָמען, א װילדער נאָמען. אַ בלוטיקער, צעריסענער, פאַרשאָלטענער נאָמען. ער האָט געזען בילדער פון דעם מענטשן. מיט אַ העלדישער אומפאַרשעמטקײט האָט די מוטער געלאָזט הײנגען אין איר צימער זײַן בילד, אפילו נאָכדעם, װי מען האָט שױן אַף אים שװערע בלבולים געמאַכט און ער איז אַרײַנגעפאַלן אין גרױסער נױט. װי אָפט איז ער אינגלװײז געשטאַנען פאַרן בילד פון דעם פרעכטיקן גענעראַל, מיט זײַן נאָמען האָט אים די מוטער געלערנט רײדן, דער שװערער נאָמען געאָרג עבערהאַרד פאָן=הײדערסדאָרף איז געװען דאָס ערשטע, װאָס דאָס פּריצײַטיקע קינד האָט שאַרף אַרױסגערעדט; און בעת אים האָט דאָס צום ערשטן מאָל געראָטן אַרױסצוזאָגן, האָט אים די מוטער אַרײַנגערוקט אין מױל אַ צוקערקעלע. פון אים, הײסט עס, האָט ער

איבערגענומען די קאשטאנברוינע האר, פון אים האט ער די פריצישע האלטונג, און פאר זיינע אויגן האט כסדר געשוועבט די רויטע, שטאלצע אוניפארם, און זי האט אים אלץ ווייטער געצויגן אף זיין וועג, וואס איבער אים האט ער אזוי פאנטאסטיש אלץ אין די הויכן געשטייגט.

געארג עבערהארד היידערסדארף: א גורל, וואס האט מיט קאפשווינדלדיקן טריאומף געפירט גאר אויבן ארוף און איז פלוצלינג אראפגעזונקען. פעלדמארשאל-לייטענאנט, א סך גבורות באוויזן אין די טערקישע מלחמות, קאמטור פון דייטש-ריטעראָרדן אין היילבראן, קאמענדאנט פון היידעלבערג אין פראנצויזישן קריג. איבער קנאה און ניט-פארגינען איז ער, נאך דער מפלה פון דער פעסטונג, געשטעלט געווארן פארן קריגס-געריכט. ער האט זיך פחדניש און צו גיך אונטערגעגעבן, ער האט זיך געדארפט האלטן ביזן אנקום פון לודוויג פון באדען. טויט-אורטייל. דער קיסר שיינקט אים דעם לעבן. אבער ווי! דער אינגל האט געזען א בילד, ווי דעם קיסרס חסד איז דורכגעפירט געווארן. איצט שטייט אים נאך אויך יעדער פרט פון דעם בילד בולט פאר די אויגן. אפן רעכטן נעקאר-ברעג האט דער ניט-פארגינערישער מארקגראף אויסגעשטעלט די חיילות. ווי שטייף ער זיצט דאס אף זיין דארן פערדל. און דער יעניקער, וואס איז פארבייגעפירט געווארן פארביי דעם גאנצן פראנט פונם קייזערלעכן חיל, איז געוועזן זיין פאטער. צו דעם פראנט האט גאר קיין סוף ניט גענומען; די זעלנער האבן זיך כסדר געשליינגלט איבערן גאנצן בילד אין אלץ נייע און נייע שורות. און זיין פאטער זיצט געבויגן אין מיסטוואגן, מיט בזיון ארויסגעשטויסן פון דעם דייטש-ריטערארדן, אפגענומען פון אים אלע כיבודים, און דער היילבראנער תליון און זיינע קנעכט פירן אים.

ער האט געזען נאך אנדערע קופער-שטאכן און האלצשניטן און פלוג-בלעטער. אבער יענע זיינען אים ווייניקער קלאר אין זכרון. אף איינעם, זעט ער נאך גאר בולט, צעברעכט עמיץ זיין שווערד. דאס געשעט, בלי ספק, אין יענעם מאמענט, ווען

מען לייענט פאַר דעם פעלדמאַרשאַל פאַר די אויגן פון דעם גאַנצן פולק, וואס טראָגט זיין נאָמען, דעם טויט-אורטייל און די קייזערלעכע גענאָד, צו פאַרבייטן דעם טויט אַף פאַרשיקן. ווי א בונד ווערט ער פאַרטריבן פון עסטרייך און פון שוואָבן. דער תליון רייסט אַראָפּ דעם שווערד פון זיין זייט, גיט מיט אים דריי קלעפּ דעם פאַרברעכער איבערן מויל, צעברעכט אים. דער עלנטער פאַרשיקטער ווערט אין אַ קליין שיפעלע אריבערגעפירט אַף יענער זייט נעקאַר.

וואס ווייטער איז געשען, ווייס מען נאָר פון קלאַנגען. ער זאָל זיין אנטלאָפן קיין נעקאַרסולם צו די קאַפּוצינער נזירים, און זאָל זיין געשטאָרבן אין הילדעסהיים ווי אַ קאַפּוצינער. די מוטער זוויס געווים מער פרטים. בכל אופן, קלינגט היינט אָט דער נאָמען גאָר ניט שלעכט. דער פּסק-דין איז ארויסגעטראָגן געוואָרן נאָר איבער קנאה און אומגערעכטיקייט. היידערסדאָרף דער זעלנער איז פאַרבליבן אַ העלד אין געדעכעניש פונם פאָלק, היידערסדאָרף דער נזיר איז ווידער געבליבן א קדוש.

אָט אזא מין מענטש איז זיין פאָטער. א ווילדער נאָמען, אַ ווילדער גורל. דער מקובל האָט אין דעם אומרואיקן שטערן פונם פאָטער געקאָנט אַרויסגעפינען א סך רמזים אף זיין אייגענעם גורל. זיינען דען אין דעם ניט געלעגן פאַרשיידענע סודותדיקע שייכותן? דער פאָטער — א קאַפּוצינער: און ער איז פאַרוועבט אין קאַרל אלעקסאַנדערס אַ קאַטולישן פּראָיעקט. דער פאָטער — זעלנער: וואס איז דען דער חידוש, אז געהיימע כחות פאַרבינדן אים מיט דעם הערצאָג, דעם זעלנער.

אוים מיט די חלומות! זיך באַשליסן! וואָס איצט? וואָס וועט איצט זיין? וואס וועט ער איצט טאָן?

מיט די פּאַפּירן אין האנט וועט ער אַוועק צום הערצאָג, וועט פאָדערן אים לעגאַליזירן, אָנערקענען זיין קריסטלעכן יחוס. אפשר וועט ער גאָר אליין פאָרן קיין ווין. ער וועט אָן באַזונדער מי דורכפירן די אדעלונג, דעמאָלט וועט ער כשר לכל הדעות ווערן לאנדהויפּטמייסטער, אויך פּרעזידענט פונם מיניסטאָרן-ראַט. דאָס וועט געשען, יאָ, און דערנאָך?

וועט ער דעמאָלט זיין אַן אַנדערער, ווי ער איז איצט? עס וועט אים לייכטער זיין, צוצוליינגן זיין האַנט צום קאַטוילישן פּראָיעקט. דער פירשט־בישאָף פון ווירצבורג וועט זיך מער ניט אָפּשליסן פון אים, די חוזק־מאַכערס צווישן די אָפיצירן וועלן אַנטשטומט ווערן, צו זיין ביזאַיצטיקן פּאַקטישן האַלטן די מאַכט, וועט נאָך צוקומען איר נאָמען און איר אויסערלעכקייט. יאָ, און דערנאָך?

וועט ער דעמאָלט מער זיין, ווי איצט? ער וועט וויניקער זיין. אין דער מלוכה זיינען פאַראַן די צענדליקער דיפּלאָמאַטן פון דעם מין, וואָס ער וועט צו זוי דעמאָלט געהערן. די איינציקייט און אויסטערלישקייט, וואָס איז אין אים איצט, וועט ניט ווערן. איצט איז ער דער אידישער מיניסטער. דאָס באַטייט דאָך עפּעס. מען לאַכט, מען טרייבט קאַטאָוועס: אָבער אונטער דעם געלעכטער ליגט דאָך אַ פאַרמאַסקירט שטוינען און באַוואונדערונג. וואָס איז דען פאַר אַ חידוש, אַז אַן אַריסטאָקראַט ווערט מיניסטער? אָבער אַ איד, וואָס דראַפּעט זיך אײנזאַם און דערגרייכט אַ סך, איז דאָך ווערט מער פון אַ גאַנצן טוץ אַריסטאָקראַטן. זאָל ער דאָס אַלץ אוועקוואַרפן? צוליב וואָס? צוליב וועמען? סוף־כל־סוף האָט ער זיך דאָך פריער אויך געקאָנט אָפּשמדן. וואָלט דערביי אפשר דערגרייכט נאָך מער, ווי איצט, ווען ער וועט זיך אַנטפּלעקן פאַר אַ געבאָרענעם קריסט. אַ קריסט זיין, האָט געהייסן זיין איינער פון אַ סך. אָבער אידן זיינען נאָר געווען צו איינעם אַף זעקסהונדערט קריסטן. אַ איד זיין, האָט געהייסן — זיין פאַרהאַסט, גערודפט, דערנידעריקט, אָבער אויך איינמאָליק, שטענדיק באַוווסט, אַז מען האָט אַלעמענס אויגן אַף זיך, תמיד געצווונגען, געשפּאַנט און אויפגעוועקט צו זיין, צו האַלטן אַלע חושים כסדר גרייט.

פאַרוואָס האָט אים דער רבי געוויזן די דאָקומענטן גראָד איצט, ווען ער איז שוין געשטאַנען אין דער צווייטער העלפט פון זיין לעבן? האָט מען אים ניט פאַרגונען דעם טריאומף, וואָס ער האָט געהאַט אין דעם ענין פון יחזקאל זעליגמאַן? האָט מען אים געוואָלט אונטערשטעלן אַ הינטערפיסל און אַזוי אַרום

אָפּנעמען בײַ אים דעם בעסטן חלק ירושה? אַף אַ כיטרן אופן אוועקגנבען בײַ אים זײַן ווערטפולסטע צוגעהעריקייט?

דער גרויסער געשעפטסמאַן האָט זיך דאָ געשפּירט פאַרפּלאָנטערט אין אַזאַ מין מסחר, וואָס מען האָט זיך פון אים מיט קיין שום ציפערן און חשבונות ניט געקאָנט אַרויספּלאָנטערן, ווי אויך זײַן קלוגע קונסט אַרײַנצודרינגען אין מענטשן האָט אים נישט געהאָלפן. צו וועלכע רוחות האָט דער רבי נויטיק געהאַט גראַד איצט אים צו ווײַזן די פּאַפּירן? וואָס פאַר אַ כונה האָט ער דערבײַ געהאַט? וואָס וואָלט דען ר׳ גבריאל געוווּנען, ווען ער, זיס, זאָל איצט אַ קריסט ווערן? ער האָט זיך ניט געקאָנט באַפרײַען פון זײַן געשעפטספּרינציפּ, וואָס לויט אים מוז אַ מענטש בײַ יעדער טועכץ עפּעס געווינען, אין עפּעס דעם צד שכנגד אָפּנאַרן.

אַפילו די פּוילישע אידן, דער שמוציקסטער מין, וואָלטן געאַדלט געוואָרן, ווי נאָר זיי שמדן זיך. פאַרוואָס טוען זיי דאָס ניט? פאַרוואָס טוען זיי, אָט די קלוגעטשקע סוחרימלעך, אָפּשטופּן אַזאַ גרינגען ריוח? פאַרוואָס גייען זיי בעסער אַף טויט, איידער דאָס צו טאָן? גאָטספאַרכטיקייט? גלויבן? איבערצייגונג? צי זאָל דען זײַן אַ טיפערער זין אין אָט די ווערטער? און קאָן דען געמאָלט זײַן, אַז אָט אַזאַ מין ברודיק פּויליש אידל פאַרמאָגט דאָס, וואָס עס איז פאַרבאַהאַלטן הינטער דעם טיפן און הילכיקן קלאַנג פון די דאָזיקע ווערטער? איז דען מעגלעך, אַז אַזאַ שפּלע בריאה איז אין זײַן פּרימיטיווען געפיל קליגער און האָט מער פאַרשטאַנד פאַר ענינים פון יענער וועלט, איידער ער, דער גרייבענער און געשליפענער? ער האָט זיך דערשפּירט אומזיכער און אומבאַהאָלפן ווי אַ קינד, און האָט קיין עצה ניט געקאָנט געפינען.

היינט איז ער געווען דער ערשטער צווישן די דײַטשע אידן. בעת ער איז פאַרבײַגעגאַנגען, האָט מען אים אָנטקעגן געהויבן קינדער, מען האָט זיך געבענטשט מיט זײַן נאָמען און מען האָט אויסגעבעטן פאַר אים אַלע ברכות פון הימל. ער האָט געטראַכט וועגן דעם, ווי ער איז געשטאַנען אין שול, אַרומגערינגלט

מיט אָנגעשפּאַנטער שטילקייט פון דער גאַנצער, שטענדיק אַזוי טומלדיקער און באַוועגלעכער עדה, איבערשטראָמט מיט די מילדע, ציטערדיקע ברכות פונם רב, און אַ לעפּלעכער, זיסער, אָפּשלאָפנדיקער געפיל האָט אים פאַרכאַפּט. עס איז געווען אַ האַרבער באַשלוס, מען האָט געדאַרפט צוזאַמענבייסן די ציין, כדי זיך פון דעם אַלעמען אָפּצוזאָגן. ווען ער האָט אויסגעקעמפט אַ נצחון, — געוויס, עס איז טאַקע זייער אַ פיינער געפיל געווען, אים טריאומפירנדיק אַריינצוואַרפן אין די פאַרכמורעטע פנימער פון די שונאים, עס איז געווען אַ תענוג צו גרייסן זיך דערמיט פאַר פרויען, פאַר מאַגדאַלען סיבילע, — אָבער דער גרעסטער נצחון איז דאָך געווען, אים אויסצושפּרייטן פאַר יצחק לאַנדויער, אין דער אידישער גאַס, פאַר דער מוטער. דאָ האָט מען טאַקע געקאָנט געמיטלעך, אָן פחד פאַר אַ בייסיקן וואָרט און בליק איבערקייען דעם נצחון, מיט הנאה אויסזויגן פון אים זיין לעצטן זאַפט, און מען האָט געוווסט, אַז אין תוך האָבן די אַנדערע מיטגעלעבט די שמחה. דאָ איז מען געווען ביי זיך אינדערהיים, געקאָנט אַביסל זיך אויסשפּאַנען, באַפרייען פון דער שטענדיקער אָנשטרענגונג די מינע, די תנועה, דעם וואָרט. דאָ האָט מען זיך געפונען אין פרידלעכן שאָטן, ווייך און רואיק אונטערגעבעט.

זיין מוטער. זי האָט זיך, ווי זאָגט מען דאָס? פאַרבלאָנדזשעט. מאָדנע, וואָס איצט וועט זי פאַר אים מחמת דעם אַף אַ האָר ניט ווערן אַנדערש. דעם יעניקן, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר זיין פאָטער, דעם שטילינקן, העפלעכן, פלינקן, ליבנסווערדיקן, עניוותדיקן זינגער און קאָמעדיאַנט, האָט ער דאָך אייגנטלעך איצט געדאַרפט פאַראַכטן. אָבער עס איז מערקווירדיק, קיין אַנדער געפיל, ווי צערטלעכקייט האָט ער ביי זיך פאַר אים ניט געפונען. ווי שטאַרק האָט ער געמוזט ליב האָבן די מוטער, אַז ער האָט איר אַפילו ניט פאָרגעוואָרפן איר ממזר. ער האָט קיין מאָל ניט געהערט פון אים קיין מיאוסן וואָרט אנטקעגן איר. און ווי צאַרט און פאָטערלעך אָט דער מענטש איז געווען צו אים זיין גאַנץ לעבן. עס איז לחלוטין אוממעגלעך געווען אים אין געדאַנק אָנצורופן אַנדערש, ווי פאָטער.

און די איידלמוטיקע געפילן אין דער מעשה יחזקאל זעליגמאן, דער קרבן, איז דאָס אַלץ געווען אַליין=אָפּנאַרעריי און שווינדל? האָט ער דאָס געשפּילט א ראָלע פאַר זיך אַליין? ער איז אופגעטרייסלט געוואָרן. די געהויבנקייט, וואס ער האָט געשפּירט דעמאָלט, בעת ער האָט בײַ זיך אויסגעפּועלט אַריינצומישן זיך, דער איבערגליקלעכער געפיל פון מקריב זיין זיך: דאָס אַלץ זאָל זיין ליגן און פוסטע גאוה? און די נקמה אין אדום, איז דאָס אויך געווען נאָר א פלאַפלעריי, נאָר שיינע פראַזעס, כדי אָפּצופּאַטשן דעם רבין? אָבער עס האָט אים דאָך אופגעהויבן, אַרויסגעהויבן הויך איבער זיינע גרענעצן! ער האָט דאָך געגלויבט אין דעם, ער האָט דאָך געוווסט, אַז ס'איז אמת געווען! און דאָס קינד? וואָלט מען אים ניט געוויזן די פּאַפּירן, וואָלט ער דאָך געבראַכט דעם שקר צו זיין קינד, וואָלט אַליין געגלויבט אין דעם ליגן און דורכן אייגענעם גלויבן אויך דאָס קינד פאַרפירט. ניין, ניין, דאָס איז אוממעגלעך געווען. אָט דאָס אַלץ וואָס ער האָט דעמאָלט געשפּירט, צו זיין ישראלס צד קעגן אדום, זיין שוץ און נקמה=נעמער צו זיין, איז טאַקע ערלעך און ניט נאָכגעמאַכט געווען. דאָס איז שוין געווען דער מהות און דער טרייב=כח פון זיין לעבן. ער איז געווען דער זון פון זיין מוטער, ניט פון זיין פאָטער.

אָבער פאַרוואָס האָט ער זיך אַזוי היימיש געפילט נאָר אין גלאַנץ און מאַכט? דאָס איז געשען מיט רעכט, דאָס איז געשען פון וועגן ירושה און בלוט, וואָס אָט די זאַכן זיינען צו אים געווען ווי אָנגעמאָסטן. ס'איז געווען די ירושה פון זיין פאָטער, וואָס גאָלד, גלאַנץ און מאַכט זיינען אים צוגעפאַלן, ווי פון זיך אַליין, זיינען אים געשטאַנען, ווי א גוט צוגעפּאַסטער, זאָרגעוודיק אופגענייטער מלבוש. דעריבער האָט אויך דעם הערצאָג געצויגן צו אים, און ער האָט מיט צוטרוי איבערגעגעבן זיין הארץ אים אין די הענט. ער איז געווען דער זון פון זיין פאָטער. זיין רעכט און זיין חוב איז געווען, אַרויסצוגיין פון די רייען נבזהדיקע און שפּלעמענטשן, זיך אין דער גאַנצער גרייס צו שטעלן אין ליכטיקייט, די האַנט אַרופצוליגן אַף זיין נאָמען, ירושה און שטאַנד.

די געדאַנקען האָבן זיך אין אים געפּלאָנטערט. וואָס טאָן? צו וואָסער צד צושטיין? מיט גאָלדענע פעדים האָט געצויגן די מאַכט; אָבער אויך דער נסיון צו בלייבן צווישן די פּאַרשטויסענע, איז געווען צוגלייך פעסט און מילד. פּול רייץ איז געווען דער גע־דאַנק, אויסצוטאָן פון זיך די שטאָלענע באַוואָפענונג; אָבער ס'איז אויך געלעגן א נסיון און א שטאַרקע געלוסטונג אין דעם פוצן זיך אין א גאָלדענעם פּאַנצער.

ער איז פאַרוויגט געווען אין א חלום, וואָס איז אים באַפאַלן. ער האָט זיך גופא געזען שפּרייזנדיק אין פאַנטאַסטישן טאַנץ, פון איין זייט האָט אים געהאַלטן דער הערצאָג, פון דער אַנדער זייט דער רבי! איז דען פאָרויס דאָ ניט געגאַנגען זיין פאָטער, דער פעלד־מאַרשאַל, מיט אַראָפּגעריסענע עפּאָלעטן, צוקלאַפּנדיק צום טאַקט מיטן צעבראָכענעם שווערד, פאָכענדיק מיט זיינע יחוס־בריוו אין די הענט? אָבער דער קאַפּוצינער נזיר דאָ הינטער אים איז דאָך ווידעראַמאָל זיין פאָטער! אויסטערליש איז, וואָס מען קאָן ניט דער־קענען, וואָס ס'הייגנט אים דאָ אַראָפּ: דער צעבראָכענער שווערד אָדער דער רויזנקרענצל. אָבער יענער, וואָס טאַנצט דאָרטן אזוי לעכערלעך אונטער אין קאַפּאָטע און בויגט זיך צו זיין זייט, יע־נער מיטן קאָלטענעוואַטן בערדל, איז דאָך יצחק לאַנדויער. ניין, ניט יצחק לאַנדויער איז דאָס, נייערט יחזקאל זעליגמאַן. ער קומט אָפּדאַנקען, און ער בוקט זיך תמעוואַטע און נידעריק און קושט אים די פּאָלע, און עס זעט אויס אַזוי קאָמיש און צוגלייך גרוי־ליק, ווי ער שמייכלט מיט א פּנים, וואָס איז צעריסן געוואָרן אף דער עינויים־באַנק און בוקט זיך כסדר ווייטער און קערט מיט זיין קאַפּאָטע די פּאָדלאָגע.

זים רייסט זיך מיט געוואַלד ארויס פון זיין בין־השמשות־דיקער באַנומענקייט. ער וויל זען זיין מוטער. ער איז איצט ניט בדעה זיך צו באַשליסן; מיט ציפערן און חשבונות וועט ער דאָ ניט ווייט קומען, און ער איז שוין זאַט מיט די געדאַנקען, און ער וויל זיך איצט אָפּרוען פון די נאַרישע חלומות, און ער וויל איצט זען זיין פוטערס פּנים.

אָבער ווי נאָר ער טרעט אַרויף אַפן שוועל, קומט אים אנטקעגן ר׳ גבריאל. דער פעלזיקער פנים ווייזט אויס צו זיין ווייניקער פאַרשטיינערט, ווי שטענדיק, די דריי קנייטשן איבער דער פלאַטשיקער נאָז טיילן זיך ניט אַזוי שאַרף אַרויס, אפילו זיין אומצופרידנקייט ווייזט אויס צו זיין צוגעלאָזטער, באַוועגטער, מענטשלעכער.

„ווילסטו מיך פאַרמסרן?“ פרעגט ער מיט שפּאָט. „פאַר דיין קאַריערע קאָן דאָס זייער ניצלעך זיין, ווען דו ווערסט מיך איבערגעבן צו אַ קירכלעכן געריכט, דערפאַר, וואָס איך האָב אַזוי לאַנג געהאַלטן אַ געבאָרענעם קריסט אין פאַלשן גלויבן“.

און אַז זיס מאַכט אַ שטורמישן טריט פאָרויס:

„אָדער ווילסטו זיך גיין אויסטענען מיט דער מאַמען? זי אויסזידלען, פאַרוואָס זי האָט אַזאַ לאַנגע צייט געשוויגן? איר באַדאַנקען, וואָס זי האָט דיר געגעבן אַזאַ איידעלן קאַוואַלער פאַר אַ טאַטן?“

אַ ווילדער, אומזיניקער צאָרן קומט אויף אין זיסן. ווי קומט אָט דער מענטש צום געדאַנק, אַז ער וועט זיך אַראָפּכאַפּן אונטערן באַקוועמען שויס פונם קריסטנטום? ווי שפּאָטיש ער שטייט דאָ איצט און ווי ער קוקט דאָס פון אויבן אַראָפּ מיט זיינע טריבע, גראָע אויגן, פונקט ווי אַ דערציער, וואָס האָט דערטאַפּט זיין האָדעוואַניק ביי עפּעס אַ נאַריש־פּוסטן אויסרייד. איז ער איצט בדעה אַרויסצוּרייסן ביי אים זיין אידישן יחוס, זיין קרבן, אים באַווייזן, אַז זיין גרויסער געפיל איז געווען נאָר אַ שווימיקער ליגן, אָפּנעמען ביי אים זיין בעסטן חלק ירושה?

זיין כעס אף דעם רבין, ווי טעמפּ ער איז אויך געווען, איז געווען ערלעך. צום ערשטן מאָל האָט ער געפילט, אַז ער איז אָן שום מליצות און דרייענישן גערעכט קעגן יענעם, צום ערשטן מאָל האָט יענער חוזק געמאַכט פון אים אָן אַ שום סיבה. ס׳איז פאַרשוווּנדען די לייטמענדיקע איינגעשאַפּט, וואָס האָט שטענדיק אַרויסגעשטראָמט פון דעם מקובל, און פלוצים איז געקומען דער באַשלוס, וואָס איז אַזוי לאַנג אָן אַ געשטאַלט באַהאַלטן געווען

אין פינצטערניש, ער איז זיכער און קלאָר ארויסגעשפרונגען צו דער ליכטיקער שיין, האָט זעלבסטפאַרשטענדלעך און ניט־אומצוּוואַרפן זיך אַוועקגעשטעלט אַנטקעגן.

מיט א זאַכלעכער, באַפרייטער שטים האָט ער געזאָגט: „איך פאָר קיין הירזאו, צו נעמי״.

דעם איבעררראשטן מקובל האָט עס אַ ריס געטאָן נעענטער צו זיסן. דער פנים קלאָרער, האַלב־אומגלויביק, מיט כמעט גוט־מוטיקן קאַטאָוועס: „נקמה צו נעמען אָן אדום?״

אָבער זיס איז געבליבן רואיק, ניט אופגערעקט, זיכער און פעסט האָט ער געזאָגט: „זי וויל מיך זען. ווייז איך זיך פאר איר״.

ר׳ גבריאל האָט אָנגענומען זיין האַנט, אים ארייגעקוקט אין פנים. האָט געזען אומריינקייט, פאלשקייט, ברוד. אָבער אונטער דעם האָט ער דערזען עפּעס אַנדערש. ער האָט צום ערשטן מאָל דערזען ליכטיקייט אונטער הויט, פלייש און ביינער.

„גוט!״ האָט ער געזאָגט, און זיין שטים האָט ווידער, ווי שטענדיק, אָפּגעקלונגען אָנגעברוגזט. „קום מיט צום קינד!״



Free Public Library, Newark, N. J.

דער פארלאג „ב י כ ע ר פ א ר א ל ע מ ע ן"
אין ריגע גיט ארויס דעם וועלט־באַרימטן היסטארישן
ראָמאַן פון אידישן לעבן פון אידיש־דייטשן שריפט־
שטעלער ליאָן פייכטוואנגער

„י ו ד ־ ז י ס"

דער ערשטער טייל פונם ראָמאַן אונטערן נאמען
„ג ע ל ט א ו ן מ אַ כ ט" איז דערשינען
מיט אַ קורצע צייט צוריק. דער דאזיקער באַנד
אונטערן נאמען „א י ד ן" שטעלט מיט זיך פאר
דעם צווייטן טייל פונם ראָמאַן.

די לעצטע צוויי טיילן דרוקן זיך און דער־
שיינען בקרוב.

דער ראָמאַן ווערט איבערזעצט אין אידיש
דורך מ. ראַזומני אונטער דער רעדאקציע און מיט
אַן אריינפיר פון ז. קאַלמאַנאָוויטש.